STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01263

www.libtool.com.cn

# DI ERSHTE LIBE

Ivan Sergeevich Turgenev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
www.libtool.com.cn
AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

## א. ס. טורגעניעוו:

# די ערשטע ליבע

ייִדיש: אברהם זאַק.

וואַרשע 1925

www.libtool.com.cn

געזעצט: פ. קרימער פולאוו, געבונדן בא א. קאמיען

PIERWSZA MIŁOŚĆ

A. TURGENIEWA

Wydawnictwo Ch. Brzoza

Warszawa, Leszno № 27 / 59

Drukarnia „Oświata" Warszawa

Tłomackie 4. Telefon 236-02

www.libtool.com.cn

# די ערשטע ליבע

www.libtool.com.cn

# אינהאלט


| | |
|---|---|
| די ערשטע ליבע . . | 7 |
| סטוק!.. סטוק!.. סטוק!.. . | 119 |
| קלארא מיליטש . . | 170 |

www.libtool.com.cn

די געסט זענען זיך שוין לאַנג פאַנאַנדערגעפאָרן. דער זייגער האָט געשלאָגן האַלב איינס. אין צימער זענען בלויז געבליבן דער בעל-הבית און סערגיי ניקאָלאַיעוויטש מיט וולאַ־דימיר פּעטראָוויטשן.

דער בעל-הבית האָט אַ קלונג געטאָן און האָט געהייסן צונעמען די שריים פון אָוונט-ברויט.

—אַלזאָ, די זאַך איז אַ באַשלאָסענע,—האָט ער אַרויסגע־רעדט, איינזעצנדיק זיך טיפער אין פאָטעל און פאַררויכערנדיק אַ ציגאַר:—איטלעכער פון אונז איז מחויב צו דערציילן די גע־שיכטע פון זיין ערשטער ליבע. אייער ריי, סערגיי ניקאָלאַיע־וויטש.

סערגיי ניקאָלאַיעוויטש, אַ קיילעכיקער פאַרשוין מיט אַ פּוכיק העל-בלאָנד פּנים האָט אַ קוק געטאָן צוערשט אויפן בעל-הבית און נאָכדעם אויפגעהויבן די אויגן צום סופיט.

—איך האָב נישט געהאַט קיין ערשטע ליבע,—האָט ער לסוף געזאָגט:—איך האָב באַלד אָנגעהויבן פון דער צווייטער.

—ווי אַזוי?

—זייער איינפאַך. כ׳בין אַלט געווען אַכצן יאָר, ווען כ׳האָב מיך גענומען נאָכשלעפן נאָך איינער אַ זייער ליב מיידל. אָבער אומגעגאַנגען בין איך מיט איר אויף אַזאַ אופן, גלייך ווי דאָס וואָלט פאַר מיר קיין נייס נישט געווען: פּונקט אַזוי ווי כ׳בין שפּעטער מיט אַנדערע אומגעגאַנגען. אייגנטלעך, דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל האָב איך זיך פאַרליבט, אַלט זייענדיק זעקס יאָר, אין מיין אַם,—נאָר דאָס איז שוין זייער לאַנג. די פּרטים פון אונזערע באַציונגען האָבן זיך שוין אויס־געמעקט פון מיין זכרון, און אויב אַפילו כ׳וואָלט זיי שוין יאָ געדענקט, וועמען קאָן עס אינטערעסירן?

www.libtool.com.cn

—אַלזאָ ?—האָט אָנגעהויבן דער בעל-הבית.—אין מיין ער־שטער ליבע איז אויך נישט געווען קיין אינטערעסאַנטעס: איך האָב זיך אין קיינעם נישט פאַרליבט ביז דער באַקאַנטשאַפט מיט אַננאַ איוואַנאָוונאַ, מיין איצטיק ווייב.—און אַלץ איז ביי אונז געגאַנגען ווי געשמירט: די טאַטעס האָבען אונז אויסגע־שדכנט, מיר האָבען איינע די צווייטע זייער שנעל ליב גע־קריגן און נישט לאַנג שלעפנדיק, חתונה־געהאַט. מיין מעשהלע איז צו דערציילן בלויז מיט אַ צוויי ווערטער. כ׳בין זיך מודה, מיינע הערן, אַז באַרירנדיק די פראַגע וועגן דער ערשטער ליבע—האָב איך געהאָפט אויף אייך, כ׳וועל נישט זאָגן אַלטע, אָבער אויך נישט יונגע בחורים. אפשר וועט איר אונז עפעס דערציילן אינטערעסאַנטעס, וולאַדימיר פעטראָוויטש?

—מיין ערשטע ליבע געהערט באמת צו דער צאָל נישט אינגאַנצן געוויינלעכע,—האָט, אַ ביסל פאַרהאַקנדיק זיך, גע־ענטפערט וולאַדימיר פעטראָוויטש, אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק, אַ ברונעט מיט דורכגעוואָרפענע גרויע האָר.

—אַ!—האָבן אויסגערופן דער בעל־הבית און סערגיי ני־קאָלאַיעוויטש אין איין קול.—איז אודאי גוט...—דערציילט.

—ביטע... אָדער ניין: כ׳וועל נישט גיין דערציילן; כ׳בין נישט קיין בריה אויף דערציילן: ס׳קומט אַרויס טרוקן און קורץ, אָדער משונהדיק און פאַלש; נאָר אויב איר וועט דער־לויבן, וועל איך אַלצדינג פאַרשרייבן, וואָס כ׳וועל זיך דער־מאָנען, אין אַ העפט און כ׳וועל אייך דורכלייענען.

די פריינט זיינען לכתחילה נישט מרוצה געוואָרן, אָבער וולאַדימיר פעטראָוויטש האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. אין צוויי וואָכן אַרום האָבן זיי זיך ווידער געטראָפן, און וולאַדימיר פעטראָוויטש האָט געהאַלטן וואָרט.

www.libtool.com.cn

אָט וואָס ס׳איז געשטאַנען אין זיין העפט:

# I.

כ׳בין דעמאָלט אַלט געווען זעכצן יאָר. געשען איז עס זומער אין יאָר 1833.

געוווינט האָב איך אין מאָסקווע, ביי מיינע עלטערן. מיינע עלטערן האָבן געדונגען אַ זומער־וווינונג נעבן דער קאַלוגער זאַסטאַווע, אַנטקעגן ניעסקוטשני. כ׳האָב זיך דאַן פאָרגעברייט אין אוניווערזיטעט, אָבער געאַרבעט האָב איך זייער ווייניק און נישט געאיילט.

קיינער האָט נישט געשטערט מיין פרייקייט. כ׳האָב געטאָן וואָס מיר האָט זיך געגלוסט, בפרט פון דעמאָלט-אָן, זינט כ׳האָב זיך צעשיידט מיט מיין לעצטן גוווערנער—אַ פראַנצויז,—וועלכער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט צוגעוויינען צום געדאַנק, וואָס ער איז אַריינגעפאַלן אין רוסלאַנד „ווי אַ באָמבע" (Comme une bombe) און האָט זיך גאַנצענע טעג געוואַלגערט אויפ׳ן געלעגער מיט אַ פאַרביסענעם אויסדרוק אויפן פנים. מיין פאָטער איז זיך מיט מיר באַגאַנגען גלייכגילטיק־פריינטלעך; די מוטער האָט אויף מיר קיין אַכט נישט געלייגט, כאָטש אויסער מיר האָט זי קיין קינדער נישט געהאַט: זי איז פאַרשלונגען געווען פון אַנדערע דאגות. מיין פאָטער, נאָך אַ יונגער און אַ זייער שיינער, האָט מיט איר חתונה געהאַט נישט צוליב ליבע, נאָר צוליב „תכלית". זי איז געווען עלטער פון אים מיט אַ יאָר צען. מיין מוטער האָט געהאַט אַ טרויעריק לעבן: זי האָט זיך כסדר אויפגערעגט, געאייפערט, בייז געווען, אָבער נישט אין געגנוואַרט פון מיין פאָטער; זי האָט

www.libtool.com.cn

כאַר אים שטאַרק מורא געהאַט און ער האָט זיך פאַרהאַלטען שטרענג, קאַלט; פון דערווייטנס... כ׳האָב נאָך נישט געזען אַזאַ מענטשן, אַ זעלטענער־רואיקערן, וואָס זאָל אויף זיך אַזוי פיל שטעלן, אַ מער אַליינהערשערישע נאַטור, ווי ער איז געווען.

כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די ערשטע וואָכן, וואָס כ׳האָב פאַרבראַכט אויף דער זומער־ווינונג. דאָס וועטער איז געווען ווונדערבאַר. פון שטאָט זיינען מיר איבערגעפאָרן דעם 9־טן מאַי, אין חגא־טאָג צום הייליקן ניקאָלאַי. כ׳האָב שפּאַצירט—דאָ אין גאָרטן פון אונזער זומער־ווינונג, דאָ איבער ניעסקוטשני, דאָ איבער דער זאַסטאַווע; פלעג מיטנעמען עפּעס אַ בוך—קאַידאַנאָווס קורס, למשל,—אָבער כ׳האָב עס זעלטן געעפנט און על פּי רוב געלייענט אויפן קול שירים, וואָס כ׳האָב זייער פיל געקענט אויסווייניק; דאָס בלוט אין מיר האָט אומגעוואַנדערט און דאָס האַרץ האָט געפּרעסט—אַזוי זיס און קאָמיש: כ׳האָב אַלץ געוואַרט, געציטערט פאַר עפּעס, פון אַלץ זיך פאַרחידושט, און בין אינגאַנצן געווען מוכן ומזומן; דער דמיון האָט געשפּילט און זיך גיך געטראָגן אַרום איין און דיזעלבע פאָרשטעלונגען, גלייך ווי ברעג־שוואַלבן אַרום אַ גלאָקנטורם ביים שיין פון מאָרגנרויט; כ׳פלעג זיך פאַרטראַכטן, אומעטיק ווערן און אַפילו זיך פאַנאַנדערוויינען; נאָר סיי דורך די טרערן, סיי דורכן טרויער, וואָס איז געווען אָנגעווייט דאָ פון אַ זינגענדיקן פערז, דאָ פון דער אָוונט־שיינקייט, האָט אַרויסגעדרונגען, ווי אַ פרילינג גרעזל, אַ פריידיק געפיל פון אַ יונג, זינדיק לעבן.

כ׳האָב געהאַט אַ רייט־פערדל. כ׳פלעג עס אַליין אָנזאָטלען און אַוועקפאָרן איינער אַליין ערגעץ־ווו אין דער ווייט, האָב זיך געלאָזט אין געלאַף און געמיינט בעת־מעשה, אַז כ׳בין

www.libtool.com.cn

אַ ריטער אויף אַ טורניר—ווי פריילעך ס׳האָט מיר דער ווינט געבלאָזן אין די אויערן !—אָדער, ווענדנדיק דאָס פּנים צום הימל, פלעג איך אַריינגעמען זיין גלענצנדן שיין און לאַזור אין מיין פאַנאַנדערגעעפנטער נשמה.

כ׳געדענק, אין יענער צייט האָט נאָך דאָס בילד פון אַ פרוי, דאָס געשפּענסט פון פרוי׳ען־ליבע מיט באַשטימטע קאָנטורן כּמעט קיינמאָל נישט אַריינגעדרונגען אין מח; נאָר אין אַלץ, וואָס כ׳האָב געקלערט, אין אַלץ, וואָס כ׳האָב געשפּירט, האָט זיך געבאָרגן אַ האַלב־דערקענט, שעמעוודיק פאָרגעפיל פון עפּעס נייס, אומאויסדריקלעך־זיסעס, ווייבלעכעס...

דאָסדאָזיקע פאָרגעפיל, דידאָזיקע דערוואַרטונג האָט דורכגעדרונגען מיין גאַנץ וועזן: כ׳האָב דערמיט געאָטעמט, און פולסירט האָט עס איבער מיינע אָדערן אין יעדן טראָפּן בלוט... דעמדאָזיקן פאָרגעפיל איז באַשערט געווען אין־גיכן מקוים צו ווערן.

אונזער זימער־וווינונג איז באַשטאַנען פון אַ הילצערן פּריצישן הויז מיט קאָלאָנעס און צוויי נידעריקע פליגלען; אין פליגל לינקס האָט זיך געפונען אַ קליינטשיק פאַבריקל פון ביליקע טאַפּעטן... כ׳פלעג נישט איינמאָל גיין אַהין קוקן, ווי אַ צענדליק מאָגערע יינגלעך מיט צעפלאָטשעטע האָר, אין פאַרשמאָלצענע כאַלאַטלעך און מיט אָפּגעצערטע פּנימער האָבן אַלץ אַרויפגעשפּרונגען אויף די הילצערנע הייב־שטאַבעס, וועלכע האָבן אָנגעדריקט די פּירעקיקע קלעצלעך פון פּרעס, און אויף אַזאַ אופן האָבן זיי מיט דער משא פון זייערע שוואַכע גופים אויסגעפּרעסט בונטע טאַפּעטן־דעסנס. דער פליגל רעכטס איז געשטאַנען ליידיק און פלעגט ווערן פאַרדונגען. איינמאָל—אַ וואָך דריי נאָכן 9־טן מאַי—האָבן זיך געעפנט די לאָדנס פון דעמדאָזיקן פליגל. אין די פענסטער האָבן זיך געוויזן פרויען־

www.libtool.com.cn

עזיכטער—ס׳האָט זיך דאָרט אַריינגעצויגן עפּעס אַ געזינד. כ׳געדענק, אַז אינם זעלבן טאָג, בעתן מיטאָג, האָט זיך מיין מוטער אינפאָרמירט ביים הויף־פאַרוואַלטער, ווער עס זיינען עס אונזערע נייע שכנים. דערהערנדיק די פאַמיליע פון דער פירשטין זאַסעקינאַ, האָט זי לכתחילה אַרויסגעמורמלט מיט אַ געוויסן דרך ארץ:—אַ! די פירשטין... און נאָכדעם האָט זי צוגעגעבן:—אַפּנים, עפּעס אַן אָרעמע.

—אויף דריי דראָזשקעס זיינען זיי געקומען צופאָרן—האָט באַמערקט דער הויז־פאַרוואַלטער, דערלאַנגענדיק דרך-ארצדיק דאָס געריכט.—קיין אייגענע קאַרעטע האָבן זיי נישט, און דאָס מעבל איז אינגאַנצן פּראָסטע.

—יאָ,—האָט געענטפערט די מוטער:—פונדעסטוועגן איז בעסער.

דער פאָטער האָט אויף איר קאַלט אַ בליק געטאָן און זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אין דער אמתן האָט די פירשטין זאַסעקינאַ נישט געקאָנט זיין קיין רייכע פרוי: דער פליגל, וואָס זי האָט גע־זשונגען, איז געווען אַזוי אַלט און קליין, אַזוי נידעריג, אַז מענטשן, עטוואָס פאַרמעגלעכערע, וואָלטן נישט געוואָלט דאָרטן וווינען.—איבעריקס, כ׳האָב זיך דאַמאָלט צו דעם אַלעם נישט שטאַרק צוגעהערט. דער פירשטלעכער טיטול האָט אויף מיר קנאַפּ־וואָס געווירקט: נישט לאַנג פאַר דעם האָב איך דורכגעליינט שילערס „רויבער״.

## II.

איך האָב געהאַט אַ טבע אַרומצובלאָנקען יעדן אָוונט

www.libtool.com.cn

מיט אַ ביקס איבעם אונזער גאָרטן און אָפּהיטן קראָען.—כ׳האָב אויף דידאָזיקע פּאָרזיכטיקע, כיטרע רויב־פייגל פון תמיד אָן געטראָגן אַ שנאה. אין יענעם טאָג, וואָס וועגן אים גייט דאָ איצט די רייד, בין איך אויך אַוועק אין גאָרטן. כ׳בין בחנם אויסגעגאַנגען אַלע אַלעען (די קראָען האָבן מיך דערקענט און בלויז פונדערווייטנס האָבן זיי אָפּגעהאַקט געקראַקעט) און צו־געקומען צופעליק צום נידעריקן פּאַרקאַן, וועלכער האָט אייגנט־לעך אָפּגעטיילט אונזער נחלה פונם שמאָלן גאָרטן־פּאַס, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט הינטערן פליגל רעכטס און וואָס האָט צו אים געהערט. כ׳בין געגאַנגען אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ. פלוצלינג האָב איך דערהערט שטימען; כ׳האָב אַ בליק געטאָן איבערן פּאַרקאַן—און פאַרשטיינערט געוואָרן... ס׳האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט אַ משונהדיקע סצענע:

עטליכע טריט פון מיר אויף אַ פרייען שטיק פעלד, צווישן גרינע מאַלינעס־קוסטעס איז געשטאַנען אַ הויך, שלאַנק מיידל אין אַ געשטרייפט ראָז קלייד און מיט אַ ווייס טיכעלע אויפן קאָפּ; אַרום איר האָבן זיך געשטופּט פיר יונגעלייט, און זי האָט לויט דער ריי זיי געקלאַפּט איבערן שטערן מיט אַזעלכע קליינינקע גרויע בלימעלעך, וואָס זייער נאָמען ווייס איך נישט, אָבער וועלכע זיינען קינדער גוט באַקאַנט: דידאָזיקע בלימע־לעך בילדן קליינע זעקעלעך און בעת מ׳גיט זיי אָן עפּעס האַרטעס אַ קלאַפּ, רייסן זיי אויף מיט אַ קנאַק. די יונגעלייט האָבן זייער גערן אונטערגעשטעלט זייערע שטערנס, און אין די באַוועגונגען פונם מיידל (געזען האָב איך זי פון דער זייט) איז געווען עפּעס אַזוינס כשופדיקעס, באַפעלערישעס, צערט־לענדעס, קאָמישעס און ליבעס, אַז כ׳האָב שיר נישט אויסגע־שריען פון פאַרוואונדערונג און הנאה, און, דוכט זיך, כ׳וואָלט דעמאָלט אָפּגעגעבן אַלץ אין דער וועלט, אַבי דידאָזיקע פרעכ־

www.libtool.com.cn

טיקע פינגערלעך זאָלן אויך מיר אַ קלאַפּ טאָן איבערן שטערן. די ביקס מײַנע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויפן גראָז, כ'האָב פאַרגעסן אָן אַלצדינג און האָב געשלונגען מיט די אויגן איר שלאַנקע פיגור, דאָס העלזל, די שײַנע הענטלעך און די ליכט צעשויבערטע בלאָנדע האָר אונטערן ווײַסן טיכל, איר האַלב-פאַרמאַכט, קלוג אויג, די וויעס, אין דאָס צאַרט בעקל אונטער זיי...

—יונגערמאַן, ע' יונגערמאַן,—האָט זיך פּלוצלינג נעבן מיר דערהערט עמיצנס קול:—איז דען דערלויבט צו קוקן אַזוי אויף פרעמדע פרײַלנס?

כ'האָב אײַנגאַנצן אַ ציטער געטאָן און בין פאַרגליווערט געוואָרן... נעבן מיר, הינטערן פאַרקאַן, איז געשטאַנען עפּעס אַ מענטש מיט קורץ־געשוירענע שוואַרצע האָר און שפּאָטיש געקוקט אויף מיר. אין דערזעלביקער רגע האָט זיך אויך דאָס מיידל אויסגעדרייט צו מיר... כ'האָב דערזען אַ פּאָר גרויסע גרויע אויגן אויף אַ רירעוודיק לעבעדיק געזיכט—און דאָסדאָ-זיקע גאַנצע פּנים האָט מיטאַמאָל אַ ציטער געטאָן און צעלאַכט זיך, די ווײַסע ציין האָבן אַ בלאַנק־געטאָן און די ברעמען האָבן זיך עפּעס שפּילעוודיק אויפגעהויבן... כ'בין געוואָרן אויפגעפלאַמט, אַ כאַפּ־געטאָן פון דר'ערד די ביקס און פאַר־פאָלגט פון אַ קלינגענדיקן, אָבער נישט־בייזן געלעכטער, בין איך אַנטלאָפן צו זיך אין צימער, געוואָרפן זיך אויפ'ן געלע-גער און פאַרמאַכט מיט די הענט דאָס געזיכט. דאָס האַרץ אין מיר האָט אַזוי געצאַפּלט; כ'האָב זיך זייער געשעמט און דאָך איז מיר געווען זייער פרייליך: כ'האָב געפילט אַ זעלטענע אויפרעגונג.

אָפּרוענדיק, האָב איך זיך פאַרקעמט, אַרומגעפּוצט זיך און אַראָפּגעגאַנגען אונטן טיי טרינקען. דאָס בילד פונ'ם יונגן

www.libtool.com.cn

מיידל האָט כסדר געשוועבט פאַר מיינע אויגן, דאָס האַרץ אין מיר האָט אויפגעהערט צו טאַנצן, ס׳האָט בלויז מחיהדיק גע־פרעסט.

—וואָס איז מיט דיר?—האָט מיך פלוצלינג געפרעגט דער פאָטער:—האָסט דערהרגעט אַ קראָ?

כ׳האָב געהאַט געוואָלט אים אַלצדינג דערציילן, אָבער כ׳האָב זיך איינגעהאַלטען און נאָר אַ שמייכל־געטאָן פאַר זיך.

לייגנדיק זיך שלאָפן, האָב איך, אַליין נישט וויסנדיק צוליב וואָס, זיך עטלעכע מאָל אַ דריי אום געטאָן אויף איין פוס, אויסגעשמירט זיך מיט פּאָמאַדע, געלייגט זיך און אַ גאַנ-צע נאַכט געשלאָפן ווי אַ דערהרגעטער. באַגינען האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אויף אַ ווייל, אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, אַ בליק געטאָן אַרום זיך מיט באַגייסטערונג—און ווייטער אַנטשלאָפן געוואָרן.

## III.

„ווי באַקענט מען זיך מיט זיי?” איז געווען מיין ערש־טער געדאַנק ווי נאָר איך האָב זיך אין דערפרי אויפגעכאַפּט. נאָך פאַר טיי בין איך אַוועק אין גאָרטן, אָבער כ׳בין נישט צוגעגאַנגען צו נאָנט צום פּאַרקאַן און האָב קיינעם נישט גע־זען. נאָכן טיי בין איך זיך עטלעכע מאָל דורכגעגאַנגען אי־בער דער גאַס, וואָס פאַר דער זומער־וווינונג-און פונדערווייטנס אַריינגעקוקט אין די פענסטער... ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז הינטערן פאָרהאַנגל זע איך איר געזיכט, און כ׳האָב זיך מיט פחד שנעל דערווייטערט. „פונדעסטוועגן דאַרף מען זיך דאָך באַקענען”,—האָב איך געקלערט, אומגייענדיק אין אומ־

www.libtool.com.cn

אָרדנונג איבערן זאַמדיקן פלאַך־פעלד, וואָס האָט זיך אויסגע־שפרייט פאַר ניעסקוטשני.—אָבער ווי אַזוי? אָט דאָס איז די גאַנצע פראַגע". כ'האָב זיך דערמאָנט די מינדסטע פרטים פון דער נעכטיקער באַגעגעניש: ס'האָט זיך מיר באַזונדערס קלאָר פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי זי האָט עס געלאַכט פון מיר... אָבער פאַר דער צייט וואָס כ'בין געווען אויפגערעגט און געבויט כלערליי פלענער, האָט שוין דער גורל אַליין געזאָרגט פאַר מיר.

אין מיין אָפּוועזנקייט האָט מיין מוטער באַקומען פון איר בייער שכנה אַ בריוו אויף גרוי פאַפיר, פאַרחתמעט מיט טונקל־ברוינעם טריוואַקס, וואָס ווערט באַנוצט נאָר אויף פּאָסט־מעל־דונגען און אויך אויף פּראָפּנס פון ביליקן וויין. אין דעמדאָ־זיקן בריוו, וואָס איז געווען אָנגעשריבן נישט רעגלמעסיק און מיט אַ נישט-ריינער האַנטשריפט, האָט די פירשטין געבעטן מיין מוטער מכח שוץ: לויט די ווערטער פון דער פירשטין, איז מיין מוטער געווען גוט באַקאַנט מיט באַדייטנדע מענטשן, פון וועמען ס'איז געווען אָפּהענגיק איר אייגענער גורל און דער גורל פון אירע קינדער, ווייל זי האָט געפירט זייער וויכטיקע פּראָצעסן: „איך ווענד זיך צו אייך—האָט זי געשריבן פאַר־גרייזט—ווי אַן איידעלער דאַמע צו אַן איידעלער דאַמע, און דער־ביי איז פאַר מיר אָנגענעם צו באַנוצן זיך מיטן דאָזיקן צופאַל". ענדיגנדיק, האָט זי געבעטן דערלויבניש ביי מיין מוטער צו קומען צו איר. מיין מוטער האָב איך געטראָפן אין אַ שלעכטן הומאָר: דער פאָטער איז אין שטוב נישט געווען און זי האָט נישט געהאַט מיט וועמען זיך אַן עצה צו האַלטן. נישט ענט־פערן דער „איידעלער דאַמע", דערצו נאָך אַ פירשטין, איז גע־ווען אומעגלעך, און ווי אַזוי צו ענטפערן—דאָס איז געווען נישט פון די לייכטע זאַכן. אָנשרייבן איר אַ צעטל אין פראַנ־

www.libtool.com.cn

צוויזיש האָט איר אויסגעוויזען פּאַר נישט פּאַסיק, און אין דער רוסישער אָרטאָגראַפּיע איז מיין מוטער אַליין געווען שוואַך — און זי האָט עס געוואוסט — און האָט זיך נישט געוואָלט קאָמפּראָמיטירן. זי האָט זיך דערפרייט מיט מיין קומען און מיר תיכּף געהייסן אַריבערגיין צו דער פירשטין און איר מונדלעך דערקלערן, אַז מיין מוטער, הייסט עס, איז שטענדיק גרייט, לויט מעגלעכקייט, צו טאָן איר דורכלויכט אַ טובה און זי בעט איר צו באַווייליקן קומען צו איר זייגער איינס. דאָס אומגעריכט-שנעלע מקוים-ווערן פון מיינע געהיימע פאַרלאַנגען האָט מיך אי דערפרייט, אי דערשראָקן; — פונדעסטוועגן האָב איך נישט אַרויסגעוויזן די פאַרלוירנקייט, וואָס האָט מיך באַהערשט, און לכתחילה בין איך אַרויף צו זיך אין צימער, כּדי אָנצוטאָן אַ נייאינקן האַלזטוך און ראָק: אין שטוב בין איך נאָך געגאַנגען אין אַ קורטקע און אין אָפּגעלייגטע קעלנערלעך, כאָטש זיי האָבן מיך שטאַרק געדריקט.

## IV.

אין דעם ענגן און נישט־זויבערן פאָדער־צימער פון פליגל וווהין כ׳בין אַריינגעקומען מיט אַ נישט־ווילנדיקן ציטער אינם גאַנצן קערפּער, האָט מיך געטראָפן דער אַלטער און גרויער דינער, מיט אַ טונקעלן פּנים פון קופּער־קאָליר, מיט בייזע אייגלעך ווי ביי אַ חזיר און מיט אַזעלכע טיפע קנייטשן אויפן שטערן און שלייפן, וואָס כ׳האָב אין מיין לעבן קיינמאָל נישט געזען. ער האָט געטראָגן אויף אַ טעלער אַן אויסגענאָגטן רוקן פון אַ הערינג און עפּנענדיק מיטן פוס די טיר אין צווייטן צימער, האָט ער אָפּגעהאַקט געזאָגט: — וואָס דאַרפט איר?

www.libtool.com.cn

—די פירשטין זאַסעקינאַ איז פאַרהאַן?—האָב איך געפרעגט.

—וואָניפאַטי?—האָט הינטער דער טיר אַ געשריי־געטאָן אַ צעבראָקלטער פרויען־קול.

דער דינער האָט זיך שווייגנדיק אויסגעדרייט צו מיר מיט׳ן רוקן, דערביי האָט זיך אַנטפּלעקט די שטאַרק אויסגעריי־בענע פּלייצע פון זיין ליוורעי, מיט אַן איינזאַמען, פאַרגעלטן הערבאָוון קנעפּל און אַניידערשטעלנדיק דעם טעלער אויף דער פּאָדלאָגע, איז ער אַוועקגעגאַנגען.

—אין צירקל ביסטו געגאַנגען?—האָט איבערגעחזרט דער־זעלבער פרויען־קול. דער דינער האָט עפּעס אַ מורמל־געטאָן:—אַ?... איז ווער געקומען?—האָט זיך ווידער דערהערט.—דעם שכנס יונג זינדל?—נו, בעט אריין.

—ביטע אין גאַסט־צימער,—האָט געזאָגט דער דינער, וועל־כער האָט זיך פאַר מיר באַוויזן, אויפהייבנדיק דעם טעלער פון דער פּאָדלאָגע. כ׳בין אַוועק און אַריין אין „גאַסט־צימער".

דאָס איז געווען נישט קיין גרויס און נישט קיין איינ־גאַנצן זויבער צימער מ׳ט אָרעמס, ווי בחיפזונדיק פאַנאַנדער־געשטעלט מעבל. ביים פענסטער, אויף אַ פאָטעל מיט אַן אָפּ־געהאַקט הענטל, איז געזעסן אַ פרוי פון אַ יאָר פופציק, נישט צוגעפּוצט די האָר און נישט קיין שיינע, אין אַ גרין אַלט קלייד, מיט אַ בונטן שאַרף פון קאַמעלנגאַרן אַרום האַלז. אירע קליינע שוואַרצע אייגלעך האָבן מיך גלייך דורכגעדרונגען

כ׳בין צוגעגאַנגען צו איר און זיך געגריסט.

—האָב איך דעם כבוד צו ריידן מיט דער פירשטין זאַ־סעקינאַ?

—איך בין פירשטין זאַסעקינאַ; און איר זייט עס דער זון פון דעם הער וו.?

—יאָ, יאָ, כ׳בין געקומען צו אייך מיטן אויפטראָג פון מיין מוטער.

www.libtool.com.cn

—זיצט, ביטע. וואַניפּאַטי! ווו זיינען מיינע שליסלען, האָסט נישט געזען?

כ׳האָב איבערגעגעבן דער פרלי זאַסעקינאַ מיין מוטערס תשובה אויף איר בריוול. זי האָט מיך אויסגעהערט, קלאַפּנדיק מיט אירע גראָבע רויטע פינגער איבער דער פענסטער־ראַם, און בעת איך האָב געענדיקט, האָט זי ווידער אָפּגעשטעלט אויף מיר אירע בליקן.

—זייער גוט; כ׳וועל אומבאַדינגט זיין,—האָט זי לסוף אַרויסגערעדט.—אַך ווי יונג איר זייט נאָך! ווי אַלט זייט איר, אויב מ׳קאָן וויסן?

—זעכצן יאָר,—האָב איך געענטפערט אומגערן זיך פאַר־האַקנדיק.

די פירשטין האָט אַרויסגענומען פון טאַש עפּעס פאַרשרי־בענע פאַרשמאָלצענע פּאַפּירן, אונטערגעטראָגן עס אונטערן סאַ־מע נאָז און גענומען זיי פאַנאַנדערקלייבן.

—גוטע יאָרן,—האָט זי פלוצלינג אַרויסגערעדט, דרייענדיק זיך און קערנדיק זיך אויפן שטול.—און איר, ביטע, האַלט זיך אָן צערעמאָניעס. ביי מיר איז פשוט.

„צו פשוט", האָב איך אַ טראַכט־געטאָן, וואַרפנדיק אַ בליק מיט אַ נישט־ווילנדיקן עקל אויף איר גאַנצע מאוסע פיגור.

אין דער רגע האָט זיך די צווייטע טיר פון גאַסט־צימער שנעל אויפגעפּראַלט, און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דאָס מיידל, וואָס כ׳האָב נעכטן געזען אין גאָרטן. זי האָט אויפגעהויבן די האַנט און אויף איר געזיכט האָט זיך געוויזן אַ שמייכל.

—דאָס איז מיין טאָכטער,—האָט געזאָגט די פירשטין, אַ ווייז־טוענדיק אויף איר מיטן עלנבויגן.—זינאָטשקאַ, דאָס איז אונזער שכנס, הער וו.ס זון. ווי הייסט איר, דערלויבט צו וויסן?

www.libtool.com.cn

—וולאַדימיר,—האָב איך געענטפערט אויפשטייענדיק און צישענדיק פון אויפרעגונג.

—און נאָכן פאָטער?

—פעטראָוויטש.

—יאָ! כ'האָב געהאַט אַ באַקאַנטן פּאָליצמייסטער, וועלכער האָט אויך געהייסן וולאַדימיר פעטראָוויטש. וואַניפאַטי! זוך נישט די שליסלען; די שליסלען זיינען ביי מיר אין טאַש.

דאָס יונגע מיידל האָט אַלץ אויף מיר געקוקט מיט איר פריערדיקן שמייכל, פאַרזשמורענדיק זיך לייכט און נייגנדיק דאָס קעפל עטוואָס אָן אַ זייט.

—איך האָב שוין געזען דעם מסיע וואָלדעמאַר,—האָט זי אָנגעהויבן. (דער זילבערנער קלאַנג פון איר שטים איז דורכגעגאַנגען דורך מיינע אברים ווי אַ זיסע קעלט)—איר וועט מיר דערלויבן אַזוי אייך אָנצורופן?

—ביטע זייער,—האָב איך אַרויסגעשטאַמלט.

—וווּ איז עס געווען?—האָט די פירשטין געפרעגט.

די יונגע פירשטין האָט דער מוטער נישט געענטפערט.

—איר זייט איצט פאַרנומען?—האָט זי אַרויסגערעדט, נישט אַראָפּנעמענדיק פון מיר די אויגן.

—ניין.

—ווילט איר מיר העלפן פאַנאַנדערנעמען וואָל־טאַשמעס? קומט אַהער, צו מיר.

זי האָט צו מיר אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַרויס פון גאַסט־צימער. כ'בין אַוועק נאָך איר.

אין דעם צימער, וווהין מיר זיינען אַריין, איז דאָס מעבל שוין געווען אַ ביסל לייטישער און פאַנאַנדערגעשטעלט מיט אַ גרעסערן געשמאַק. איבעריקנס, אין דערדאָזיקער רגע האָב איך כמעט גאָרנישט געקאָנט באַמערקן: איך האָב מיך באַוועגט ווי

www.libtool.com.cn

אין חלום און געשפּירט אין מיין גאַנץ וועזן עפּעס אַן אָנגע־
שטרענגטע ביז נאַרישקייט—נחתדיקייט.

די יונגע פּירשטין האָט זיך אַנידערגעזעצט, געמומען אַ
פּאַסמע רויטע וואָל און אַ ווייז טועגדיק מיר אויף אַ שטול
אַנטקעגן איר, האָט זי זאָרגפעלטיק פאַנאַנדערגעבונדן די פּאַס־
מע און מיר עס אָנגעטאָן אויף די הענט. דאָס אַלץ האָט זי
געטאָן שווייגנדיק, מיט עפּעס אַ שפּילעוודיקער פאַמעלעכדיקייט
און מיט דעמזועלביקן ליכטיקן און שעלמישן שמייכל אויף די
עטוואָס פאַנאַנדערגעעפנטע ליפּן. זי האָט אָנגעהויבן אָנוויקלען
די וואָל אויף אַן איינגעבייגטער קאָרט און מיטאַמאָל האָט זי
מיך באַשיינט מיט אַזאַ לויטערן און שנעלן בליק, אַז איך האָב
נישט ווילנדיק די אויגן אַראָפּגעלאָזט. בעת אירע אויגן, על
פּי רוב האַלב-פאַרזשמורעטע, פלעגן זיך עפענען אין זייער
גאַנצער גרויס—האָט זיך איר געזיכט לגמרי געענדערט: גלייך
ווי אַ ליכטיקייט וואָלט זיך איבער אים אַ גאָס־געטאָן.

—וואָס האָט איר וועגן מיר נעכטן געטראַכט, מסיע וואָל־
דעמאַר ?—האָט זי, אַ ווײַלע וואַרטנדיק, געפרעגט.—איר האָט
אודאי וועגן מיר ווער ווייסט וואָס געקלערט ?

—איך... פּירשטין... כ׳האָב גאָרנישט געטראַכט... ווי קאָן
איך...—האָב איך פאַרלוירן געענטפערט.

—הערט,—האָט זי געזאָגט.—איר קענט מיך נאָך נישט:
איך בין אַ זייער אויסטערלישע; איך וויל מ׳זאָל מיר שטענדיק
זאָגן דעם אמת. כ׳האָב געהערט. אַז איר זייט אַלט זעכצן יאָר,
און איך—איינאונצוואַנציק: איר זעט, כ׳בין אַ סך עלטער פון
אייך, און דערפאַר דאַרפט איר מיר שטענדיק זאָגן דעם אמת...
און פאָלגן מיך,—האָט זי צוגעגעבן.—קוקט אויף מיר: פאַרוואָס
קוקט איר נישט אויף מיר ?

איך האָב זיך נאָך מער פאַרלוירן און, פונדעסטוועגן,

www.libtool.com.cn

אויפגעהויבן אויף איר די אויגן. זי האָט אַ שמייכל געטאָן נישט מיטן פריערדיקן, אָבער מיט אַן אַנדער אויפמונטערנדן שמייכל. קוקט אויף מיר,–האָט זי אַרויסגערעדט שטילער און צערטלע-כער–מיר איז עס נישט אומאָנגענעם.. אייער געזיכט געפעלט מיר; איך האָב אַ פאָרגעפיל, אַז מיר וועלן זיין גוטע פריינט. און איך געפעל אייך?–האָט זי שעלמיש צוגעגעבן.

–פירשטין...–האָב איך געהאַט אָנגעהויבן.

–ערשטנס, רופט מיך זינאַידאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ; צווייטנס –וואָס איז עס פאַר אַ טבע פון קינדער (זי האָט זיך אויסגע-בעסערט) פון יונגעלייט–נישט צו זאָגן גלייך דאָס, וואָס זיי פילן? דאָס איז גוט פאַר דערוואַקסענע. איך געפעל אייך דאָך? הגם מיר איז געווען זייער אָנגענעם וואָס זי האָט גע-רעדט מיט מיר אַזוי אָפנהאַרציק, פונדעסטוועגן האָב איך זיך אַ ביסל באַליידיקט. איך האָב איר געוואָלט ווייזן, אַז זי האָט דאָ צו טאָן נישט מיט קיין יינגל און מאַכנדיק ווי וויט מעג-לעך אַן אומגעצוואונגענעם און ערנסטן אָנשטעל האָב איך גע-זאָגט:–אודאי געפעלט איר מיר זייער, זינאַידאַ אַלעקסאַנדראָ-ָ כ׳וויל עס נישט פאַרבאָרגן.

זי האָט מיט אַ הפסקה געשאָקלט מיטן קאָפ.–איר האָט אַ גווערנער?–האָט זי מיטאַמאָל געפרעגט.

–ניין, איך האָב שוין פון לאַנג נישט קיין גווערנער. איך האָב געזאָגט אַ ליגן: נאָך קיין חודש נישט! זינט כ׳האָב זיך צעשיידט מיט מיין פראַנצויז.

–אָ! איך זע דאָך–איר זייט זייער אַ גרויסער.

זי האָט מיר לייכט-לייכט אַ קלאַפּ־געטאָן איבער די פינ-גער.–האַלט גלייך די הענט!–און האָט זיך פלייסיק פאַרנומען מיטן אָנוויקלען דאָס קנייל.

איך האָב זיך באַנוצט דערמיט, וואָס זי האָט נישט אויפ-

www.libtool.com.cn

געהויבן די אָויגן און זי גענומען באַמקוקן, לכתחילה בגנבה, נאָכדעם אַלץ דרייסטער און דרייסטער. איר געזיכט האָט מיר אויסגעוויזן נאָך פּרעכטיקער ווי נעכטן פאַרנאַכט: אַלץ איז אין אים געווען אַזוי פיין, קלוג און ליב. זי איז געזעסן מיט דער פּלייצע צום פענסטער, וואָס איז געווען פאַרהאָנגען מיט אַ ווייסן שטאָר; אַ זונשטראַל, דורכרייסנדיק זיך דורך דעמדאָזיקן שטאָר, האָט באַגאָסן מיט אַ ווייכער ליכטיקייט אירע פּוכיקע, גאָלדיקע האָר, דעם אומשולדיקן האַלז, די אויסגעקיילעכטע אַקסלען און די צאַרטע, רויקע ברוסט.—איך האָב געקוקט אויף איר—און ווי טייער און נאָנט איז זי מיר געוואָרן! מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך קען זי שוין גאָר פון לאַנג, און ביז איר האָב איך גאָרנישט געוווסט און גאָרנישט געלעבט... געטראָגן האָט זי אַ טונקל, שוין אָפּגעטראָגן קלייד מיט אַ שירצל. כ'וואָלט, דוכט זיך, גערן געצערטלט יעדעס פעלדעלע פונם קלייד און שירץ. די שפּיצן פון אירע שיכלעך האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער איר קלייד: איך וואָלט זיך מיט פאַרגעטערונג געבוקט פאַר דידאָזיקע שיכלעך... און אָט זיץ איך פאַר איר—האָב איך געקלערט:—כ'האָב זיך מיט איר באַקענט... וואָס פאַר אַ גליק, גאָט מיינער! כ'בין שיר נישט אַראָפּגעפלויגן פון שטול פאַר באַגייסטערונג, אָבער כ'האָב בלויז געבאָמבלט מיט די פיס ווי אַ קינד בעתן נאַשן.

מיר איז געווען אַזוי גוט, ווי אַ פיש אין וואַסער, און כ'וואָלט אייביק נישט אַוועק פון דעמדאָזיקן צימער, כ'וואָלט דעמדאָזיקן אָרט נישט פאַרלאָזן.

אירע וויעס האָבן זיך שטיל אויפגעהויבן, און ווידער האָבן אַ שיין-געטאָן פאַר מיר אירע ליכטיקע אויגן, און ווידער האָט זי אַ שמייכל-געטאָן.

—ווי קוקט איר עפּעס אויף מיר,—האָט זי לאַנגזאַם אַרויס־

www.libtool.com.cn

גערעדט און מיר אַ דראָע־געטאָן מיטן פינגער.

כ'האָב זיך פאַררייטלט... „זי פאַרשטייט אַלץ, זי זעט אַלץ", האָט מיר אַ בליץ-געטאָן אין קאָפּ. „און ווי אַזוי זאָל זי עס נישט אַלץ פאַרשטיין און אַלץ זען!"

פלוצלינג האָט עפּעס אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין שלנותדיקן צימער—אַ שווערט האָט זיך צעקלונגען.

—זינאַ!—האָט אַ געשריי־געטאָן די פירשטין אין גאַסט־צימער:—בעלאָוואָראָוו האָט דיר געבראַכט אַ קעצל.

—אַ קעצל!—האָט זינאַידאַ אויסגערופן און, פלינק אויפ־הייבנדיק זיך פון שטול, האָט זי מיר אַ וואָרף־געטאָן דאָס קנייַלכל אויף די קני און איז אַרויסגעלאָפן.

איך בין אויך אויפגעשטאַנען, אַנידערגעלייגט די פּאַסמע וואָל און דאָס קנייַלכל אויפן פענסטער, אַרויס אין גאַסט-צימער און געבליבן שטיין אין פאַרלעגנקייט. אין מיטן צימער איז געלעגן מיט אויסגעשטרעקטע פיסלעך אַ געשטרייפט קעצל. זי־נאַידאַ איז געשטאַנען פאַר אים אויף די קני און האָט אים פּאָרזיכטיק געהויבן דאָס מאָרדעלע. נעבן דער פירשטין, פאַר־שטעלנדיק כמעט דאָס גאַנצע צווישנווענטל צווישן די פענסטער, האָט זיך געזען אַ בלאָנדער געקרויזטער יונג, אַ הוזאַר, מיט אַ רויט פּנים און אַרויסגעשטאַרצטע אויגן.

—ס'אַראַ קאָמיש קעצל!—האָט געזאָגט זינאַידאַ:—די אויגן בײַ אים זיינען נישט קיין גרויע, נאָר גרינע, און ס'אַראַ גרויסע אויערן! אַ דאַנק אייך, וויקטאָר יעגאָריטש! איר זייט זייער אַ ליבער מענטש.

דער הוזאַר, אין וועמען כ'האָב דערקענט איינעם פון די יונגעלייט, וואָס כ'האָב נעכטן פאַרנאַכט געזען, האָט אַ שמייכל־געטאָן און זיך פאַרנייגט, און דערבײַ האָט ער אַ קלונג־געטאָן מיט די שפּאָרן און אַ צימבל־געגעבן מיט די רינגעלעך פון שווערט.

www.libtool.com.cn

—איר האָט נעכטן באַוויליגט צו זאָגן, אַז איר באַגערט צו האָבן אַ געשטרייפּט קעצל מיט גרויסע אויערן... אָט האָב איך געקריגן. אַ וואָרט איז—אַ געזעץ.—און ער האָט זיך ווידער פאַרנייגט.

דאָס קעצל האָט שוואַך אַ פּישטשע-געטאָן און גענומען שמעקן די פּאָדלאָגע.

—עס איז הונגעריק!—האָט זינאַידאַ אויסגערופן.—וואָניפאַט־טי! סאָניאַ! ברענגט מילך.

די קעכין אין אַן אַלט געל קלייד און מיט אַן אויס־געקראָכן טיכל אויפן האַלז איז אַריינגעקומען מיט אַ שעלכל מילך אין האַנט און עס אַוועקגעשטעלט פאַרן קעצל. דאָס קעצל האָט אַ שוידער־געטאָן, פאַרזשמורעט זיך און גענומען זיך צום לעקן.

—ס'אַרא ראָזיק צינגל עס האָט,—האָט זינאַידאַ באַמערקט, צובויגנדיק דעם קאָפּ האַרט צו דער פּאָדלאָגע און אַריינקוק־דיק אים פון דער זייט אונטערן סאַמע נעזל.

דאָס קעצל האָט זיך אָנגעזעטיקט, אַ מרוקע־געטאָן און אויסגעפּיינערט זיך מיט די פּיסלעך אַהער און אַהין. זינאַידאַ איז אויפגעשטאַנען און אומקערנדיק זיך צו דער קעכין, האָט זי גלייכגילטיק אַרויסגערעדט:—טראָג עס אַוועק.

—אַ הענטל פאַרן קעצל,—האָט געזאָגט דער הוזאַר, לאַכנ־דיק און צוקנדיק מיט זיין גאַנצן מעכטיקן גוף, וואָס איז שטייף געווען אָנגעצויגן אין אַ נייעם מונדיר.

—כ'גיב ביידע,—האָט זינאַידאַ געענטפערט, און האָט צו אים אויסגעשטרעקט די הענט. בעת דעם, וואָס ער האָט זיי געקושט, האָט זי געקוקט אויף מיר איבער דער פּלייצע.

איך בין געשטאַנען אומבאַוועגלעך אויף איין אָרט און האָב ניט געוואוסט—צי זאָל איך זיך פאַנאַנדערלאַכן, זאָל איך

www.libtool.com.cn

עפּעס זאָגן, אָדער סמם אַזוי שווייגן. מיטאַמאָל האָט דורך די אָפּענע פּאָדערצימער־טיר זיך געוויזן פאַר מיר די פיגור פון אונזער לאַקיי פּיאָדער. ער האָט מיר געמאַכט צייכנס, כ׳בין מאַשינעל אַרויס צו אים.

—וואָס דאַרפסטו?—האָב איך געפרעגט.

—די מוטער האָט געשיקט נאָך אייך,—האָט ער געזאָגט פליסטערנדיק.—זיי זיינען בייז וואָס איר קומט נישט מיט קיין תשובה.

—צי בין איך דען דאָ אַזוי לאַנג?

—מער ווי אַ שעה!

—מער ווי אַ שעה!—האָב איך נישט־ווילנדיק איבערגע־חזרט. כ׳האָב זיך אומגעקערט אין גאַסט־צימער, זיך גענומען געזעגנען און שאַרן מיט די פיס.

—וואוהין גייט איר?—האָט מיך געפרעגט די יונגע פירש־טין אַ קוק־טוענדיק פון הינטערן הוזאַר.

—כ׳דאַרף אַהיים גיין.—און ווענדנדיק זיך צו דער אַל־טער, האָב איך צוגעגעבן:—וועל איך זאָגן, אַז איר וועט צו אונז באַוויליקן צוויי אַ זייגער.

—אַזוי זאָלט איר זאָגן, טייערינקער.

די אַלטע פירשטין האָט איילנדיק אַרויסגענומען דאָס טאַ־באַק־פּושקעלע און אַזוי רוישיק געטאָן אַ שמעק, אַז איך האָב אַזש אַ ציטער-געגעבן.—אַזוי זאָלט איר זאָגן,—האָט זי איבער-געחזרט, קרעכצנדיק און בלינצלענדיק מיט פייכטע אויגן.

כ׳האָב זיך נאָכאַמאָל פאַרנייגט, זיך אויסגעדרייט און אַרויסגעגאַנגען פון צימער מיט יענץ געפיל פון אומבאַקוועם־קייט אין פּלייצע, וואָס עס שפּירט אַ זייער יונגער בחור בעת ער ווייס, אַז מען קוקט אים נאָך.

—זעט זשע, מסיע וואַלדעמאַר, קומט אַריין צו אונז,—

www.libtool.com.cn

האָט זינאַידאַ אַ געשריי־געטאָן און זיך ווידער צעלאַכט.

„וואָס לאַכט זי עפּעס אַלץ?“ האָב איך געטראַכט, אומ־קערנדיק זיך אַהיים אין דער באַגלייטונג פון פיאָדערן, וועל־כער האָט צו מיר גאָרנישט גערעדט, נאָר איז געגאַנגען נאָך מיר ווי תּרעומותדיק. די מוטער האָט מיך אויסגעזידלט און זיך געחידושט: וואָס האָב איך געקאָנט טאָן אַזוי לאַנג ביי דער דראָזיקער פירשטין. איך האָב איר גאָרנישט געענטפערט און בין אַוועק צו זיך אין צימער. מיר איז מיטאַמאָל געוואָרן זייער אומעטיק... כ׳האָב זיך געשטאַרקט, נישט צו פאַנאַנדער־וויינען זיך... כ׳בין געווען אייפערזיכטיק צום הוזאַר.

V.

די פירשטין האָט באַזוכט מיין מוטער, ווי ס׳איז גע־וואָרן אָפּגערעדט, און זי האָט ביי איר נישט נושא חן געוועןּ. ביי זייער געשפּרעך בין איך נישט געוועזן, נאָר ביים טיש האָט די מוטער דערציילט דעם פאָטער, אַז דידאָזיקע פירשטין זאַסעקינאַ שיינט איר צו זיין femme trés vulgaire*), אַז זי האָט איר שטאַרק דערעסן מיט אירע בקשות וועגן משתדל זיין זיך פאַר איר ביים פירשט סערגיי, אַז זי האָט עפּעס אַלץ אַזעלכע משפטים און געשעפטן — de vilaines affaires d'argent**) — און אַז זי דאַרף מסתמא זיין אַ גרויסע מסורין. די מוטער האָט פונדעסטוועגן צוגעגעבן, אַז זי האָט איר מאָרגן זי פאַר־

---

*) אַ זייער וולגאַרע פרוי.

**) אַלץ אַלטע געלט־ענינים.

www.libtool.com.cn

בעטן מיט דער טאָכטער צו מיטאָג (דערהערנדיק דאָס וואָרט: „מיט דער טאָכטער", האָב איך אַריינגעשטעקט די נאָז אין טעלער),—דערפאַר ווייל זי איז פּאָרט אַ שכנה און דערצו מיט אַ נאָמען. אויף דעם האָט דער פאָטער דערקלערט דער מוטער, אַז ער דערמאָנט זיך איצט, ווער עס איז די פרוי; אַז ער האָט אין דער יוגנט געקענט דעם פאַרשטאָרבענעם פירשט זאַ-סעקין, אַ זעלטן-דערצויגענער, אָבער פוסטער באַרישער מענטש; אַז אין דער געזעלשאַפט האָט מען אים גערופן „Le Parisien", צוליב דעם וואָס ער האָט אַ לאַנגע צייט געוווינט אין פּאַריז; אַז ער איז געווען אַ גרויסער עושר, נאָר ער האָט פאַרשפּילט זיין גאַנץ פאַרמעגן—און אומבאַוווסט צוליב וואָס, כמעט צוליב געלט,—איבעריקנס, ער האָט געקאָנט מאַכן אַ בעסערן אויסוואַל—האָט דער פאָטער צוגעגעבן און קאַלט אַ שמייכל־געטאָן,—האָט ער חתונה־געהאַט מיט אַ טאָכטער פון עפּעס אַ געריכט־שריי-בערל. חתונה האָבנדיק, האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין ספּעקולאַציעס און איז לגמרי בדיל הדל געוואָרן.

—זי קאָן אָבער בעטן אַ גמילות חסדל,—האָט די מוטער באַמערקט.

—דאָס איז זייער מעגלעך,—האָט דער פאָטער רויק אַרויס-גערעדט.—זי רעדט פראַנצויזיש?

—זייער שלעכט.

—הם. איבעריקנס, ס'איז אַלצאיינס. דו האָסט מיר, דוכט, געזאָגט, אַז דו האָסט אויך איר טאָכטער פאַרבעטן; ס'האָט מיר עמעץ פאַרזיכערט, אַז זי איז זייער אַ וואויל און געביל-דעט מיידל.

—אַ! הייסט עס, זי איז נישט געראָטן אין דער מוטער.

—און נישט אין פאָטער,—האָט געענטפערט דער פאָטער.—יענער איז אויך געווען געבילדעט, אָבער אַ שוטה.

www.libtool.com.cn

די מוטער האָט אַ זיפּץ־געטאָן און זיך פערטראַכט. דער פאָטער איז אַנטשוויגן געוואָרן. מיר איז געווען זייער אומבאַק־ וועם בעתן דאָזיקן שמועס.

נאָך מיטאָג בין איך אַוועק אין גאָרטן, אָבער אָן ביקס. כ׳האָב זיך געהאַט געגעבן אַ וואָרט נישט צוצוגיין צו „זאַסע־ קינאַס גאָרטן”, אָבער אַן אומבאַזיגבאַרע קראַפט האָט מיך אַהין געצויגן—און נישט בחנם. כ׳האָב נישט באַוויזן דערנענטערן זיך צום פּאַרקאַן און דערזען זינאַידאַן. דאָסמאָל איז זי געווען אַליין. זי האָט געהאַלטען אין האַנט אַ בוך און לאַנגזאַם שפּאַ־ צירט איבערן שטעגל. מיך האָט זי נישט באַמערקט.

כ׳האָב זי שיר-שיר נישט אַדורכגעלאָזט. אָבער מיטאַמאָל האָב איך זיך געכאַפּט און אַ הוסט געגעבן,

זי האָט זיך אומגעדרייט, נאָר נישט אָפּגעשטעלט; האָט אָפּגעבויגן מיט דער האַנט די ברייטע, בלויע לענטע פון איר רונדיק, שטרויען היטעלע, אַ בליק־געטאָן אויף מיר, שטיל אַ שמייכל־געטאָן און אויפס׳ניי געווענדט די בליקן אין ביכל.

כ׳האָב אַראָפּגענומען דאָס היטל און, טרעטנדיק אַ ווייל אויף איין אָרט, בין איך אַוועק ווייטער מיט אַ שווער געמיט.— „Que suis-je puor elle ?“*)—האָב איך געקלערט (איין גאָט ווייס פאַרוואָס) אין פראַנצויזיש.

פלוצלינג דערהער איך באַקאַנטע טריט הינטער מיר: כ׳האָב זיך אומגעקוקט און דערזען מיין פאָטער מיט זיין גיכן און לייכטן גאַנג.

—דאָס איז דער פירשטינס טאָכטער?—האָט ער מיך גע־ פרעגט.

---

*) וואָס באַדייט איך פאַר איר.

www.libtool.com.cn

—יאָ.

—צי דען קענסטו זי?

—כ'האָב זי היינט אין דערפרי געזען ביי דער פירשטין.

דער פאָטער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויסדרייענדיק זיך קרום אויף די אָפּצאַסן, איז ער אַוועק צוריק. אויסגלייכנ־דיק זיך מיט זינאַידאַן, האָט ער זיך צו איר העפלעך געגריסט. זי האָט אים צוריקגעגריסט, נישט אָן אַ געוויסער פאַרוואונדע־רונג אויפן געזיכט, און אַראָפּגעלאָזט דאָס בוך. איך האָב גע־זען, ווי זי האָט אים באַגלייט מיט די אויגן. מיין פאָטער פלעגט זיך שטענדיק אָנטאָן זייער עלעגאַנט, אייגנאַרטיק און פשוט; אָבער קיינמאָל האָט זיך מיר נאָך זיין פיגור נישט אויסגעוויזן אַזוי שלאַנק ווי איצט; קיינמאָל איז זיין גרויער הוט נישט געזעסן אַזוי שיין אויף זיינע קוים שיטער־געוואָרע־נע לאָקן, ווי אַצינד.

איך האָב געהאַט גענומען גיין צו זינאַידאַן, נאָר זי האָט אפילו אויף מיר נישט אַ בליק־געטאָן, זי האָט ווידער אויפגע־הויבן דאָס בוך און זיך דערווייטערט.

## VI.

אַ גאַנצן אָוונט און מאָרגנדיקן פרימאָרגען האָב איך פאַרבראַכט אין עפּעס אַ טרויעריקן שווייגן. כ'געדענק, אַז כ'האָב געפּרוווט עפּעס טאָן און זיך גענומען פאַר קיידאַנאָוון—אומזיסט האָבן זיך געוויזן פאַר מיר צעצויגענע שורות און עמודים פונם באַרימטן לערבוך. אַמאָל צען נאָכאַנאַנד האָב איך איבערגע־לייענט די ווערטער: „יולי צעזאַר האָט זיך אויסגעצייכנט מיט קריגערישן מוט"—כ'האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען און אַוועקגע־

www.libtool.com.cn

וואָרפֿן דאָס בוך. פֿאַר מיטאָג האָב איך זיך ווידער אויסגע־שמירט מיט פּאָמאַדע און אויסגעטאָן דעם ראָק און האַלזטוך.

—צי וואָס טוסטו עס אָן ?—האָט געפֿרעגט די מוטער.—דו ביסט דאָך נאָך נישט קיין סטודענט, און גאָט ווייס, צי דו וועסט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען. אגב ווי לאַנג האָט מען דיר געגייט די בורקע? מ׳קען זי דאָך נישט נעמען און אַוועקוואַרפֿן!

—געסט וועלן דאָך זיין,—האָב איך אַ פּליסטער־געטאָן כּמעט מיט פֿאַרצווייפֿלונג.

—אָט אַ נאַרישקייט! אויך מיר געסט!

כ׳האָב זיך געמוזט אונטערגעבן און פֿאַרבייטן דעם ראָק אויף דער קורטקע; דעם האַלזטוך אָבער האָב איך נישט אַראָפּ־גענומען. די פּירשטין מיט איר טאָכטער זיינען אָריינגעקומען אַ האַלבע שעה פֿאַר מיטאָג; די אַלטע האָט איבער איר גרינעם קלייד, וואָס איז מיר שוין געווען באַקאַנט, אָנגעוואָרפֿן אַ געלן שאַל און אָנגעטאָן אַן אַלטפֿרענקיש טשעפּיקל מיט פֿייער־פֿאַר־ביקע לענטעס. זי האָט תּיכּף אָנגעהויבןריידן מכּח אירע וועקס־לען, האָט געזיפֿצט, געקלאָגט זיך אויף איר אָרעמקייט, כּמעט ווי געבעטן רחמים, נאָר זיך האָר קיין נישט געזשעניערט: אַזוי זוי ביי זיך אין דערהיים האָט זי רוישיק געשמעקט דעם טאַ־באַק, אַזוי פֿריי האָט זי זיך געדרייט און געוואָרפֿן אויפֿן שטול. איר איז אפֿנים גאָר אויפֿן זינען נישט געקומען, אַז זי איז אַ פּירשטין. דערפֿאַר האָט זיך זינאַידאַ געהאַלטן זייער שטרענג, כּמעט גאַוודיק, ווי אַן אמתע פּירשטין. אויף איר געזיכט האָט זיך געוויזן אַ קאַלטע פֿאַרגליווערטקייט און חשיבות און כ׳האָב זי נישט דערקענט, כ׳האָב נישט דערקענט אירע בליקן, איר שמייכל, הגם אויך אין דערדאָזיקער נייער פֿאָרם האָט זי פֿאַר מיר אויסגעזען פּרעכטיק. געטראָגן האָט זי אַ לייכט באַרזען־

www.libtool.com.cn

קלייד מיט בלאָס-בלויע שטרייפן ; אירע האָר זיינען אראָפּגע-
פאַלן אין לאַנגע לאָקן לענג־אויס די באַקן, אויפן ענגלישן
מאַנער ; דידאָזיקע פריזור האָט געפּאַסט צום קאַלטן אויסדריק
פון איר געזיכט.—מיין פאָטער איז געזעסן נעבן איר בעתן
מיטאָג און מיט דער עלעגאַנטער רויקער העפלעכקייט, מיט
וועלכער ער צייכנט זיך שטענדיק אויס, האָט ער געוויילט זיין
שכנה. ער האָט אויף איר ווען־נישט־ווען געכאַפּט אַ קוק—זי
אויך דאָסזעלבע אויף אים, אָבער אַזוי אויסטערליש, כמעט
פיינטלעך. דער שמועס איז ביי זיי געגאַנגען אין פראַנצויזיש,—
מיך האָט, געדענק איך, געחידושט די ריינקייט פון זינאַידאַס
אויסשפּראַך. די פירשטין האָט זיך בעתן עסן, ווי פריער, פון
קיין שום זאַך נישט געקווענקלט, האָט אַ סך געגעסן און געלויבט
די שפּייזן. זי איז מיין מוטער אַפּנים נמאס געוואָרן און זי
האָט דער פירשטין געענטפערט מיט עפּעס אַן אומעטיקער
גרינגשעצונג ; דער פאָטער האָט פון צייט־צו־צייט קוים־קוים
געקנייטשט מיט די ברעמען. זינאַידאַ איז אויך נישט געפעלן
געוואָרן מיין מוטער.—דאָס איז עפּעס אַזאַ בעל־גאווהניצע,—האָט
זי צומאָרגנס געזאָגט.—און זעט נאָר—מיט וואָס מען נעמט זיך
איבער—(*avec sa mine de grisette !

—דו האָסט אפּנים נישט געזען קיין גריזעטקעס,—האָט איר
דער פאָטער באַמערקט.

—גאָט צו דאַנקען דערפאַר !

—פאַרשטייט זיך, גאָט צו דאַנקען... נאָר ווי אַזוי קאָנסטו
ווענן זיי אורטיילן ?

אויף מיר האָט זינאַידאַ לחלוטין קיין שום אַכט נישט געלייגט.

---

*) מיט איר מינע פון אַ גריזעטקע.

www.libtool.com.cn

באַלד נאָכן מיטאָג האָט זיך די פירשטין געגומען געזעגנען.

–איך וועל האָפן אויף אייער שוץ, מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ און פיאָטר וואַסיליטש,–האָט זי געזאָגט מיט אַ ניגון צו מיין מו־טער און פאָטער.–וואָס קאָן מען טאָן! געווען גוטע צייטן, אָבער פאַרביי. אָט דאָס בין איך–לויכטנדע–האָט זי צוגעגעבן מיט אַ נישט־אָנגענעם געלעכטערל:–וואָס קומט אַרויס פון יחוס און טיטול, אַז אין טאָש איז פוסט. דער פאָטער האָט זיך דרך־ארצדיק פאַר איר פאַרנייגט און זי באַגלייט ביז צו דער טיר פון פאָרהויז. איך בין דאָרט טאַקע געשטאַנען אין מיין קורצער קורטקע און געקוקט אויף דער פאָדלאָגע, ווי אַ צום טויט־פאַרמשפטער. זינאַידאַס באַגיין זיך מיט מיר האָט מיך לגמרי דערשלאָגן. ווי גרויס איז אָבער געווען מיין פאַרוווּנ־דערונג, בעת זי האָט פאַרבייגייענדיק נעבן מיר, שנעל־שנעל מיר אַ פליסטער־געטאָן מיט איר פריערדיק־ליבלעכן אויסדריק אין די אויגן:–קומט צו אונז אַכט אַ זייגער, איר הערט, אום־באַדינגט...–איך האָב בלויז פאַנאַנדערגענומען די הענט–און שוין האָט זי זיך דערווייטערט, אָנוואַרפנדיק אויפן קאָפּ אַ ווייסן שאַרף.

## VII.

פונקט אַכט אַ זייגער בין איך, אָנגעטאָן אין ראָק און מיט אַ פאַרריסענער פריזור אויפן קאָפּ מעשה ווילער יונג, אַריינגעקומען אין פאָרהויז פון פליגל, ווו ס'האָט געוווינט די פירשטין. דער אַלטער דינער האָט ברוגזדיק אַ בליק־געטאָן אויף מיר און נישט גערן זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק. אין גאַסט־צימער האָבן זיך געהערט פריילעכע שטימען. איך האָב געעפנט

www.libtool.com.cn

די טיר און צוריקגעטראָטן אַן איבערראַשטער. אין מיטן חדר, אויף אַ שטול, איז געשטאַנען די יונגע פירשטין און געהאַלטן פאַר זיך אַ מענער־הוט; אַרום שטול האָבן זיך געשטויסן פינף מענער. יעדער פון זיי האָט זיך באַמיט אַריינצוטאָן די האַנט אין הוט, און זי האָט דעם הוט אויפגעהויבן אין דער הויך און אים שטאַרק געטרייסלט. דערזעענדיק מיך, האָט זי אויס־געשריען:—וואַרט! וואַרט! אַ נייער גאַסט, מען דאַרף אויך אים געבן אַ בילעט.—און לייכט אַראָפּשפּרינגענדיק פונם שטול, האָט זי מיך גענומען פאַרן לאַץ—קומט זשע,—האָט זי געזאָגט:—וואָס שטייט איר? Messieurs, דערלויבט מיר אייך צו באַקענען: דאָס איז מעסיע וואָלדעמאַר, דער זון פון אונזער שכן. און דאָס זיינען,—האָט זי צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו מיר און ווייזנדיק כסדר אויף די געסט:—גראַף מאַלעווסקי, דאָקטאָר לושין, דיכטער מיידאַנאָוו, דימיסיאָנירטער קאַפּיטאַן נירמאַצקי און ביעלאָוזאָראָוו, אַ הוזאַר, וועלכן איר האָט שוין געזען. איך בעט ליב צו האָבן און אַכטן איינער דעם אַנדערן.

איך האָב זיך אַזוי שטאַרק פאַרלוירן, אַז כ׳האָב זיך אפילו פאַר קיינעם נישט פאַרנייגט. אינם דאָקטאָר לושין האָב איך דערקענט יענעם זעלביקן שוואַרץ-חנוודיקן הער, וועלכער האָט מיך אַזוי אומברחמנותדיק פאַרשעמט אין גאָרטן. די אי־בעריקע זיינען מיר געווען אומבאַקאַנט.

—גראַף!—האָט זינאַידאַ ווייטער גערעדט: שרייבט אָן אַ בילעט פאַר מעסיע וואָלדעמאַר.

—דאָס איז נישט יושרדיק,—האָט געענטפערט מיט אַ לייכטן פּוילישן אַקצענט דער גראַף, אַ זייער שיינער און פראַנטיש־געקליידעטער ברונעט, מיט אויסדריקלעכע ברוינע אויגן, מיט אַ שמאָל ווייס נעזל און דינע וואָנסעלעך איבערן קליינעם מויל.

—זיי האָבן מיט אונז אין פאַנטן נישט געשפּילט.

www.libtool.com.cn

—נישט יושרדיק,—האָבן איבערגעחזרט ביעלאָוואָראָוו און דער הער, וואָס מ'האָט גערופן דימיסיאָנירטער קאַפּיטאַן, אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק, אַ געשטופּלטער ביז חלשות, אַ געקרויזטער ווי אַן אַראַבער, אַן איינגעהויקערטער, אַ קרום־פיסיקער און אָנגעטאָן אין אַ מיליטערישן ראָק אָן עפּאָלעטן, פאַנאַנדערגעקנעפּלט.

—שרייבט אַ בילעט, זאָגט מען אייך,—האָט איבערגעחזרט די יונגע פירשטין.—וואָס איז דאָס פאַר אַ בונט? מעסיע וואָל־דעמאַר איז מיט אונז צום ערשטן מאָל, און היינט איז פאַר אים דאָס געזעץ נישט געשריבן. נישטאָ וואָס צו וואָרטשען, שרייבט, איך וויל אַזוי.

דער גראַף האָט אַ צוק־געטאָן מיט די אַקסלען, אָבער, אָנבייגנדיק הכנעהדיק דעם קאָפּ, האָט ער גענומען די פעדער אין דער ווייסער מיט רינגען־באַצירטער האַנט, אָפּגעריסן אַ שטיקל פּאַפּיר און גענומען שרייבן.

—ווייניקסטנס, דערלויבט קלאָר צו מאַכן דעם הער וואָל־דעמאַר אין וואָס עס גייט דאָ,—האָט אָנגעהויבן לושין אין אַ קאָמישן טאָן:—ווען נישט פאַרלירט ער זיך איינגאַנצן. איר זעט, יונגערמאַן: מיר שפּילן אין פאַנטן; די פירשטין איז באַשטראָפט געוואָרן, און יענער, ווער ס'וועט אַרויסציען דעם גליקלעכן בילעט, וועט האָבן דאָס רעכט אַ קוש־טאָן איר הענטל. האָט איר פאַרשטאַנען, וואָס כ'האָב אייך געזאָגט?

איך האָב נאָר אויף אים אַ בליק געטאָן און בין געבליבן ווייטער שטיין ווי אַ פאַרגעפּלטער, און די פירשטין איז ווידער אַרויפגעשפּרונגען אויפן שטול און אויפסניי גענומען טרייסלען מיטן הוט. אַלע האָבן זיך אַ צי געטאָן צו איר—און איך נאָך אַלעמען.

—מיידאַנאָוו,—האָט די פירשטין געזאָגט צום הויכן יונגג־

www.libtool.com.cn

מגן, מיטן מאָגערן געזיכט, מיט די קליינע בלינדע אייגלעך און זייער לאַנגע, שוואַרצע האָר:—איר, אַלס דיכטער, דאַרפט זיין גרויסמוטיק און אָפּטרעטן אייער בילעט מעסיע וואָלדעמאַרן אַזוי, אַז ער זאָל האָבן צוויי שאַנסן, אָנשטאָט איינעם.

אָבער מיידאַנאָוו האָט אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין און אַ טרייסל־געטאָן מיט זיינע האָר. איך האָב נאָך אַלע־מען אַראָפּגעלאָזט די האַנט אין הוט, גענומען און פאַנאַנדער־געוויקלט דעם בילעט... גאָט מיינער! וואָס מיט מיר איז גע־וואָרן, בעת כ׳האָב אויף אים דערזען דאָס וואָרט: קוש!

—בראַוואָ! ער האָט געוואונען;—האָט אונטערגעכאַפּט די פירשטין.—ווי פרייט עס מיך!—זי איז אַראָפּ פון שטול און אַזוי לויטער און זיס אַ קוק־געטאָן מיר אין די אויגן, אַז דאָס האַרץ איז מיר שיר נישט צעגאַנגען.—און איר זייט צופרידן?—האָט זי מיך געפרעגט.

—איך?...—האָב איך אַ שטאַמל־געטאָן.

—פאַרקויפט מיר אייער בילעט,—האָט ביעלאָוזאָראָוו פּלוצ־לינג אויסגעפּלאַצט האַרט איבער מיין אויער.—כ׳וועל אייך געבן הונדערט רובל.

איך האָב געענטפערט דעם הוזאַר מיט אַזאַ כעסיקן בליק, אַז זינאַידאַ האָט אַ פּאַטש־געטאָן מיט די הענט, און לושין האָט אויסגערופן: אַ כוואַט!

—אָבער,—האָט ער ווייטער געזאָגט:—איך אַלס צערעמאָ־ניאַל־מייסטער, בין מחויב אַכטונג צו געבן, אַז אַלע רעגעלן זאָלן אויסגעפירט ווערן. מעסיע וואָלדעמאַר, לאָזט זיך אַראָפּ אויף איין קני. אַזוי איז ביי אונז איינגעפירט.

זינאַידאַ האָט זיך געשטעלט פאַר מיר, עטוואָס אָנגעבויגן דעם קאָפּ אָן אַ זייט, כלומרשט כדי מיך בעסער אָנצוקוקן, און אויסגעשטרעקט מיר מיט חשיבות די האַנט. מיר איז פינסטער־

www.libtool.com.cn

געוואָרן פאַר די אויגן; כ׳האָב געהאַט געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן אויף איין קני און געפאַלן אויף ביידע, און אַזוי נישט גע־שיקט זיך צוגערירט מיט די ליפּן צו זינאַידאַס פינגער, אַז כ׳האָב זיך לייכט אַ ראַץ־געגעבן דעם שפּיץ־נאָז אָן איר נאָגל.

—אַן אַנטיק!—האָט לושין אויסגעשריען און מיר געהאָלפן אויפשטיין.

דאָס פאַנטן־שפּיל איז ווייטער געגאַנגען. זינאַידאַ האָט מיך אַנידערגעזעצט נעבן זיך. וואָס פאַראַ שטראָפן האָט זי עס נישט אויסגעקלערט! איר איז, אגב, אויסגעקומען פאָרצו-שטעלן אַ „סטאַטוע" און אַלס פּיעדעסטאַל האָט זי זיך אויסגע־קליבן דעם מאוסן נירמאַצקי, געהייסן אים לייגן זיך מיטן פּנים צו דער ערד, און דערצו נאָך איינגאָרען דעם קאָפּ אין ברוסט. דער געלעכטער איז אויף אַ רגע נישט אַנטשטומט געוואָרן. פאַר מיר, אַלס ייִנגל, וואָס איז דערצויגן געוואָרן ניכטער און אין איינזאַמקייט, אויפגעוואַקסן אין אַ פּריצישן, געזעצטן הויז,—פאַר מיר איז אָט דער גאַנצער רויש און האַרמידער, אָט די נישט־צערעמאָניאַלע, כמעט וואַנזיניקע פריילעכקייט, דידאָזיקע זעל־טענע באַציונגען מיט אומבאַקאַנטע מענטשן, געוועזן אַן אמתע איבעראַשונג. כ׳בין פּשוט שכור געוואָרן ווי פון וויין. איך האָב אָנגעהויבן לאַכן און פּלוידערן העכער פון אַנדערע, אַזוי אַז אפילו די אַלטע פירשטין, וועלכע איז געזעסן אין שכנות־דיקן צימער מיט עפּעס אַ געריכט־באַאַמטן פון די איווער־טויער אויף אַ באַראַטונג, איז אַרויסגעקומען אַ קוק־טאָן אויף מיר. אָבער איך האָב זיך געפילט ביז אַזאַ מדרגה גליקלעך, אַז אַלע לצנות און קרומע בליקן זיינען מיר אָנגעגאַנגען ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. זינאַידאַ האָט מיר כסדר אין אַלץ געגעבן פאָרצוג און מיך נישט אָפּגעלאָזט פון זיך. אין איין שטראָף האָב איך געדאַרפט זיצן מיט איר אין איין רייַ,

www.libtool.com.cn

איבערגעדעקט מיט איין זיידן טוך: כ׳האָב איר געהאַט צו־
זאָגן מ ײ ן ס ע ק ר ע ט. איך געדענק, ווי אונזערעביידנס קעפּ
האָבן זיך דערשפּירט מיטאַמאָל אין אַ דונסטיקער, האַלב־דורכ־
זיכטיקער, דופּטיקער פינסטערניש, ווי אין דעמדאָזיקן חושך
האָבן נאָנט און ווייך געלויכטן אירע אויגן און אירע אָפּענע
ליפּן האָבן הייס געאָטעמט, און געזען האָבן זיך אירע ציין,
און די שפּיצן פון אירע האָר האָבן מיך געקיצלט און געבריט־
איך האָב געשוויגן. זי האָט געשמייכלט סודותדיק און שעלמיש
און לסוף האָט זי מיר אַ פליסטער-געטאָן: נו, וואָס? און איך
האָב זיך נאָר גערייטלט און געלאַכט, און זיך אָפּגעקערט, און
קוים דעם אָטעם געכאַפּט. די פאַנטן זיינען אונז געוואָרן לאַנג־
ווייליק,–האָבן מיר גענומען שפּילן אין „שטריקעלע״. גאָט מיי־
נער! וואָס פאַראַ באַגייסטערונג האָב איך דערפילט, בעת ביי־
אַ גענעץ האָב איך באַקומען פון איר אַ שטאַרק און שאַרף
פעטשל איבער די פינגער, און ווי נאָכדעם האָב איך בכיוון
געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז איך גענעץ, און זי האָט זיך גערייצט
מיט מיר און נישט אָנגערירט מיינע אונטערגעשטעלטע הענט!

און וואָס האָבן מיר אַלץ נישט געטאָן אין דעמדאָזיקן
אָוונט! מיר האָבן אויך געשפּילט אוי׳פן פּאָרטעפּיאַן, געזונגען,
געטאַנצט און פאָרגעשטעלט אַ ציגיינער־טאַבאָר. נאָרמאַצקין האָט
מען אָנגעטאָן פאַר אַ בער און אים אָנגעטרונקען מיט זאַלץ־
וואַסער. דער גראַף מאַלעווסקי האָט אונז געוויזן פאַרשידענ־
קונצן מיט קאָרטן און האָט געענדיקט דערמיט, וואָס איבער־
טאַסנדיק די קאָרטן, זיינען אים אין וו י ס ט אַריינגעפאַלן אַלע
טרומפן. לושין האָט אים דערמיט „געהאַט דעם כבוד צו גראַ־
טולירן״. מיידאַנאָוו האָט פאַר אונז דעקלאַמירט פראַגמענטן פון
זיין פּאָעמע „דער מערדער״ (געשען איז עס אין סאַמע ברע־
פון ראָמאַנטיזם), דידאָזיקע פּאָעמע האָט ער געהאַט בדעה אַרויס־

www.libtool.com.cn

צוגעבן אין אַ שוואַרצער הילע, מיט טיטל־בוכשטאַבן פון בלו־טיקער פאַרב; ביים געריכט־באַאַמטן פון די איווער־טויער האָט מען פון די קני אַוועקגעגנבעט דאָס היטל און מ׳האָט אים געצוווּנגען, אַלס אויסלייז־געלט, צו טאַנצן אַ „קאַזאַטשאָק"; דעם אַלטן וואָניפּאַט־ן האָט מען אָנגעטאָן אין אַ טשעפּיק,—און די יונגע פירשטין האָט אָנגעטאָן אַ מאַנסבילשע היטל... ס׳איז אַלץ ניט אויסצורעכענען. איין ביעלאָוואָראָוו האָט זיך אַלץ מער פאַררוקט אין אַ ווינקל, אַן אָנגעכמורעטער און ברוגזער... אַמאָל האָבן זיך זיינע אויגן אָנגעגאָסן מיט בלוט, ער האָט זיך אינגאַנצן פאַררייטלט און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אָט באַלד וועט ער זיך אַ וואָרף־טאָן אויף אונז אַלעמען און צעשליידערן אונז, ווי שפּענדלעך, אין אַלע זייטן; אָבער די פירשטין פלעגט אים וואַרפן אירע בליקן, געדראָט מיטן פינגער, און ער פלעגט זיך ווידער פאַרקלייבן אין זיין ווינקעלע.

לסוף זיינען מיר מיד געוואָרן. די פירשטין, וועלכע איז בכלל געווען, ווי זי האָט זיך אַליין אויסגעדריקט, אַ לייכ־טער פאַסאַזשיר—קיין שום געוואַלטן האָבן איר נישט געקוועלט—האָט פונדעסטוועגן דערפילט אַ מידקייט און געוואָלט אָפּרוען. צוועלף ביינאַכט האָט מען דערלאַנגט אָוונטברויט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ שטיקל אַלטן, טרוקענעם קעז און קאַלטע „פּיראָזשקעס" מיט געהאַקטער שינקע, וועלכע האָבן מיר אויס־געוויזן צו זיין געשמאַקער פון אַלערליי פּאַשטעטן; ווייַן איז געווען בסך הכּל איין פלאַש, און דאָס אַ זייער אויסטערלישע: אַ טונקעלע, מיט אַ צעשפּרייט העלדזל, און דער ווייַן פון איר האָט געבלאַנקט מיט אַ ראָזן קאָליר: איבעריקנס, קיינער האָט דעם ווייַן נישט געטרונקען. אַ פאַרמאַטערטער און אַ גליקלעכער ביז דערשעפונג, בין איך אַרויס פון פליגל: ביים געזעגנען

www.libtool.com.cn

זיך האָט מיר זינאַידאַ שטייף אַ דריק־געטאָן די האַנט און ווי־
דער רעטזלהאַפט געשמייכלט.

די נאַכט האָט שווער און פייכט געדופט מיר אין צע־
היצטן פנים; ס'האָט זיך, דוכט, געקליבן אויף אַ געוויטער;
שוואַרצע וואָלקנס זיינען געוואָקסן און געקראָכן איבערן הימל,
בייטנדיק אָנזעעוודיק זייערע רויכיקע קאָנטורן. אַ ווינטל האָט
אומרויק געציטערט אין די טונקעלעביימער, און ערגעץ־ווו,
ווייט הינטערן האָריזאָנט, ווי פאַר־זיך, האָט אַ דונער געוואָר־
טשעט כעסיק און טויב.

דורכן הינטערשטן גאַניק האָב איך זיך ווי עס איז פאַר־
קליבן צו זיך אין צימער. מיין „דיאַדקע" איז געשלאָפן אויף
דער פאָדלאָגע און מיר איז אויסגעקומען איבערצושפרייזן אי־
בער אים; ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, מיך דערזען און איבער־
געגעבן, אַז מיין מוטער איז אויף מיר ווידער בייז געוואָרן
און האָט ווידער געוואָלט שיקן נאָך מיר, נאָר דער פאָטער האָט
איר נישט געלאָזן. (איך פלעג קיינמאָל נישט גיין שלאָפן, נישט
געזעגנענדיק זיך מיט מיין מוטער און נישט בעטנדיק ביי איר
קיין ברכה). וואָס קאָן מען טאָן?

כ'האָב געזאָגט מיין „דיאַדקע", אַז כ'וועל זיך אויסטאָן
און אַליין לייגן און פאַרלעשן דאָס ליכט. אָבער כ'האָב זיך
נישט אויסגעטאָן און נישט געלייגט.

כ'האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול און לאַנג געזעסן ווי
אַ פאַרכשופטער. דאָס, וואָס איך האָב געפילט, איז געווען אַזוי
ניי און אַזוי זיס... כ'בין געזעסן, עטוואָס אַרומגעקוקט זיך
און נישט גערירט זיך פון אָרט, פּאַמעלעך געאָטעמט און נאָר
פון צייט־צו־צייט דאָ געלאַכט, דערמאָנענדיק זיך, דאָ אינער־
לעך געגליווערט ביים געדאַנק, אַז איך בין פאַרליבט, אַז אָט
איז זי, אָט איז דידאָזיקע ליבע. זינאַידאַס געזיכט איז פאַר

www.libtool.com.cn

מיר שטיל געשוואומען אין דעם חושך—געשוואומען און נישט פאַרבייגעשוואומען; אירע ליפּן האָבן אַלץ אַזוי רעטזלהאַפט געשמייכלט, אירע אויגן האָבן געקוקט אויף מיר אַ ביסל פון דער זייט, מיט אַ פראַגע־צייכן, פאַרטראַכט און צערטלעך... ווי אין יענער רגע, בעת כ׳האָב זיך מיט איר צעשיידט. לסוף בין איך אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער צו מיין געלעגער און פאַרזיכטיק, נישט אויסטוענדיק זיך, אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויפן קישן, גלייך ווי כ׳וואָלט מורא האָבן צו באַומרויקן מיט אַ באַוועגונג דאָס, מיט וואָס ס׳איז פול געווען מיין נשמה...

כ׳האָב זיך געלייגט און אפילו די אויגן נישט צוגעשלאָסן. באַלד האָב איך באַמערקט, אַז צו מיר אין צימער איז אָן אויפהער אַריינגעפאַלן עפּעס אַ ליכט-שימער... כ׳האָב זיך אונטערגעהויבן און אַ בליק-געטאָן אין פענסטער. זיין האַלץ-געפלעכט האָט זיך בולט אויסגעטיילט פון די שויבן, וועלכע האָבן זיך סודותדיק און טריב געוויסט. אַ געוויטער,—האָב איך געקלערט!— און ס׳איז באמת געווען אַ געוויטער, אָבער פאַרגעקומען איז ער זייער ווייט, אַזוי אַז קיין דונער האָט זיך נישט געהערט; בלויז אויפן הימל האָבן אָן אויפהער אויפגעפלאַמט נישט-ליכטיקע, לאַנגע, ווי צעצווייגטע בליצן: זיי האָבן נישט אַזוי אויפגעפלאַמט, ווי געפלאַטערט און זיך געצויגן, ווי אַ פליגל פון אַ גוססן פויגל. כ׳בין אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום פענסטער און אָפּגעשטאַנען אַזוי ביז אינדערפרי... די בליצן האָבן נישט אויפגעהערט אויף אַ רגע; עס איז געווען, ווי מ׳זאָגט, אַ שפּערלינג-נאַכט. איך האָב געקוקט אויף דעם שטומען זאַמדפעלד, אויף דער טונקעלער מאַסע פון ניעסקוטשני־גאָרטן, אויף די געלבלעכע פאַסאַדן פון די ווייטע בנינים, וועלכע האָבן אויך ווי אַ ציטער-געטאָן ביי איטלעכן שוואַכן אויפפלאַם... כ׳האָב

www.libtool.com.cn

געקוקט–און זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן: דידאָזיקע שטומע בליצן, דידאָזיקע איינגעהאַלטענע גלאַנצן האָבן, דוכט זיך, ווי אָפּגעענטפערט אויף יענע שטומע און געהיימע שטורעמס, וועלכע האָבן זיך אָנגעצונדן אויך אין מיר. ס׳האָט גענומען טאָג ווערן; אין רויטע פלאַקן האָט זיך אַנטפּלעקט דער מאָרגנשטערן. מיטן דערנענטערן זיך פון דער זון זיינען די בליצן אַלץ בלאַסער און קירצער געוואָרן: זיי האָבן אויפגעציטערט אַלץ זעלטענער און זעלטענער און לסוף זיינען זיי גאָר פאַרשוואונדן, דערטרונקענע אין דער אויסניכטערנדער, זיכערער ליכטיקייט פונם אַריינדרינגענדן טאָג...

און אויך אין מיר זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן מיינע בליצן. כ׳האָב דערפילט אַ גרויסע מידקייט און אַ שטילקייט... אָבער זינגאַנידאַס געשטאַלט האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן, טריומפירנדיק, איבער מיין נשמה. בלויז זי אַליין, איר געשטאַלט, האָט זיך אויסגעוויזן אַ באַרויקטס: ווי אַן אַנטלאָפּענער שוואַן–פון די לאָנקע־גראָזן, האָט ער זיך אָפּגעטיילט פון די אַנדערע נישט־שיינע פיגורן, וועלכע האָבן עס אַרומגערינגלט, און, ווערנדיק אַנטשלאָפן, בין איך צום לעצטן מאָל צו דעם צוגעפאַלן מיט אַ געזעגנדיקער און בטחונדיקער פאַרגעטערונג...

אָ, צאַרטע געפילן, ווייכע קלאַנגען, גוטסקייט און איינשטילונג פון אַ באַרירטער נשמה, וואָס פאַרבאָרגט אין זיך די פרייד פון ערשטן ליבע־וויי,–ווו זייט איר, ווו זייט איר?

## VIII.

צומאָרגנס אינדערפרי, אַז כ׳בין אַראָפּגעגאַנגען צום טיי, האָט מיך די מוטער אויסגעזידלט–פונדעסטוועגן ווייניקער, ווי

www.libtool.com.cn

כ׳האָב דערוואַרט,—און געצוווּנגען צו דערציילן איר, ווי אַזוי כ׳האָב נעכטן פאַרבראַכט דעם אָוונט. כ׳האָב איר געענטפערט אין קורצע ווערטער, דערביי האָב איך דורכגעלאָזט פיל פּרטים און זיך באַמיט צוצוגעבן אַלץ אַ גאָר אומשולדיק אויסזען.

—פונדעסטוועגן זיינען זיי מענטשן נישט comme il faut*)

—האָט מיין מוטער באַמערקט:—און דו האָסט זיך נישט וואָס צו שלעפּן צו זיי, אָנשטאָט צו גרייטן זיך צום עקזאַמען, און זיך לערנען.

היות איך האָב געוווּסט, אַז מיין מוטערס זאָרגן וועגן מיין לערנען וועלן זיך בלויז באַגרענעצן מיט די עטלעכע ווערטער, האָב איך נישט געפונען פאַר נויטיק איר צו ענטפערן; נאָר נאָכן טיי האָט מיך דער פאָטער גענומען אונטערן אָרעם און אַוועקלאָזנדיק זיך מיט מיר אין גאָרטן, האָט ער מיך געצוווּנגען צו דערציילן אַלץ, וואָס כ׳האָב געזען ביי די זאַסעקינס.

מיין פאָטער האָט אויף מיר געהאַט אַ מאָדנע השפּעה— און מאָדנע זיינען געווען אונזערע באַציונגען. ער האָט זיך כמעט נישט פאַרנומען מיט מיין דערציונג, אָבער קיינמאָל האָט ער מיך נישט באַליידיקט; ער האָט געשעצט מיין פרייהייט— ער איז אַפילו געווען, אויב מ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, העפלעך מיט מיר... האָט מיך אָבער צו זיך נישט צוגעלאָזט. איך האָב אים ליב געהאַט, געהאַט נחת פון אים, ער האָט פאַר מיר אויסגעזען ווי אַ מוסטער פון אַ מאַנסביל—און גאָט מיינער, ווי ליידנשאַפטלעך וואָלט איך זיך צו אים צוגעבונדן, ווען כ׳וואָלט תמיד נישט געפילט זיין אָפּשטויסנדע האַנט! דערפאַר

---

*) ווי עס געהערט צו זיין.

www.libtool.com.cn

בשעת ער האָט געוואָלט, האָט ער געקאָנט כמעט מאָמענטאַל,
מיט איין וואָרט, מיט איין באַוועגונג אויפוועקן אין מיר אַן
אומבאַגרענעצטן צוטרוי צו זיך. מיין נשמה האָט זיך פאַנאַנ־
דערגעעפנט—כ׳האָב געפלוידערט מיט אים ווי מיט אַ קלוגן
פריינט, ווי מיט אַ נאָכגיביקן לערער... נאָכדעם האָט ער אויך
אַזוי פלוצלינג מיך אַוועקגעוואָרפן—און זיין האַנט פלעגט מיך
ווידער אָפּשטויסן—ליבלעך און ווייך, נאָר אָפּשטויסן.

אַמאָל פלעגט אויף אים אָנקומען אַ פריילעכקייט, און
דעמאָלט איז ער גרייט געווען צו שטיפן און אַרומרעגירן מיט
מיר, ווי אַ ייִנגל (ער האָט ליב געהאַט יעדע שטאַרקע קער־
פערלעכע באַוועגונג); איין מאָל—סך הכל איין מאָל נאָר!—האָט
ער מיך אַ לאַשטשע־געטאָן מיט אַזאַ צערטלעכקייט, אַז כ׳האָב
זיך שיר נישט צעוויינט... אָבער סיי זיין פריילעכקייט, סיי
זיין צערטלעכקייט זיינען פאַרשוווּנדן געוואָרן אָן שפור—און
דאָס, וואָס איז יאָ צווישן אונז דאַן פאָרגעקומען, האָט מיר
נישט געגעבן קיין שום האָפענונג אויף דער צוקונפט—גלייך ווי
כ׳וואָלט עס אַלץ געזען אין חלום. פלעגט טרעפן, אַז כ׳פלעג
נעמען אָנקוקן זיין קלוג, שיין, ליכטיק פנים... דאָס האַרץ מיינס
פלעגט אַ ציטער-טאָן, און מיין גאַנץ וועזן פלעגט זיך רייסן
צו אים... ער פלעגט ווי דערפילן וואָס עס טוט זיך ביי מיר אויפן
האַרצן, פלעגט פאַרבייגייענדיק מיר טאָן אַ פעטשל איבער דער
באַק—און אָדער ער פלעגט אַוועקגיין, אָדער ער פלעגט זיך מיט
עפּעס נעמען באַשעפטיקן, ציי ער פלעגט גאָר איינגאַנצן פאַר־
גליווערט ווערן, ווי נאָר ער אַליין האָט געקאָנט פאַרגליווערט
ווערן, און איך פלעג זיך תיכף צונויפקאָרטשען און אויך אָפּ־
געקעלטערט ווערן. די זעלטענע אָנפאַלן פון זיין אויפגעלייגט־
קייט צו מיר זיינען קיינמאָל נישט געווען אַרויסגערופן דורך
מיינע שטומע, אָבער פאַרשטענדלעכע געבעטן: זיי זיינען תמיד

www.libtool.com.cn

געקומען אומגעריכט. קלערנדיק דערנאָך וועגן מיין פאָטערס כאַראַקטער, בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז נישט איך און נישט בכלל דאָס פאַמיליען לעבן זיינען אים געווען צום האַרצן; ער האָט ליב געהאַט עפּעס אַנדערש און מיטן דאָזיקן אַנדערש האָט ער זיך פולשטענדיק געקוויקט. „נעם אַליין, וואָס דו קאָנסט, און צו יענעם אין די הענט אַריין לאָז זיך נישט אַריינ-פאַלן; געהערן זיך אַליין—אין דעם איז די גאַנצע קונץ פון לעבן"—האָט ער מיר איינכאָל געזאָגט. אַן אַנדערש מאָל האָב איך אַלס יינגער דעמאָקראַט גענומען חקירהן זיך אין זיין געגנוואַרט וועגן פרייהייט (אין יענעם טאָג איז ער געווען, ווי כ'האָב עס אָנגערופן, „אַ גוטער"; דעמאָלט האָט מען מיט אים געקאָנט ריידן וועגן אַלץ אין דער וועלט).—פרייהייט,—האָט ער איבערגעחזרט:—צי ווייסטו אָבער, וו אָ ס קאָן דעם מענטשן געבן פרייהייט?

—וואָס?

—ווילן, אַז אייגענער ווילן איז דאָ, וועט ער געבן מאַכט, וועלכע איז בעסער פון פרייהייט. קאָן נאָר וועלן—וועסטו זיין פריי און וועסט רעגירן.

מיין פאָטער האָט קודם כל און מער פאַר אַלץ געוואָלט לעבן—און ער האָט טאַקע געלעבט... קאָן זיין, ער האָט פאָר-געפילט, אַז אים וועט לאַנג נישט אויסקומען צו באַנוצן זיך מיטן „קונץ" פון לעבן: ער איז געשטאָרבן צו צוויי־און־פער-ציק יאָר.

איך האָב בפרטות דערציילט מיין פאָטער וועגן מיין באַ-זוך ביי די זאַסעקינס. ער האָט מיך האַלב־אויפמערקזאַם, האַלב-צעשטרייט אויסגעהערט, זיצנדיק אויף דער באַנק און צייכנענ-דיק מיטן עק פון שפּיץ־רוט אויפן זאַמד. ער האָט פון צייט-צו-צייט אַ לאַך־געטאָן, עפּעס ליכטיק און שפּילעוודיק געקוקט

www.libtool.com.cn

אויף מיר און מיך געריייצט מיט קורצע פראַגן און תשובות. כ'האָב זיך לכתחילה אפילו נישט אַנטשלאָסן אויסצורײדן זינאַי־דאַס נאָמען, נאָר כ'האָב זיך נישט איינגעהאַלטן און גענומען זי רימען און לויבן. דער פאָטער האָט כסדר צוגעשמייכלט. נאָכדעם האָט ער זיך פאַרטראַכט, האָט זיך אַ ציי־געטאָן און אויפגעשטאַנען.

כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז אַרויסגייענדיק פון שטוב, האָט ער זיך געהייסן אָנזאָטלען דאָס פערד. ער איז געווען אַ זעל־טענער רייטער און האָט געקאָנט, נאָך פריער פונם ה' ר ע ר י, צו ציימען די ווילדסטע פערד.

—איך וועל מיט דיר מיטפאָרן, פאַפאַ?—האָב איך אים געפרעגט.

—ניין,—האָט ער געענטפערט, און זיין געזיכט האָט באַ־קומען אַ געוויינלעכן, גלייכגילטיק־ליבלעכן אויסדרוק.—גיי אַליין, אויב דו ווילסט; און דעם קוטשער זאָג, אַז איך וועל נישט פאָרן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן רוקן און זיך שנעל דערווייטערט. איך האָב אים גענומען נאָכקוקן—האָט ער זיך גענומען פאַרהיילן הינטערן טויער. כ'האָב געזען, ווי זיין הוט האָט זיך גערירט לענג־אויס דעם פּאַרקאַן: ער איז אַריינ־געגאַנגען צו די זאַסעקינס.

ער איז ביי זיי פאַרבליבן נישט מער ווי אַ שעה, נאָר באַלד איז ער אַוועק אין שטאָט אַריין און געקומען אַהיים ערשט אין אָוונט.

נאָכמיטאָג בין איך אַליין אַוועק צו די זאַסעקינס. אין גאַסט־צימער האָב איך געטראָפן בלויז די אַלטע פירשטין. דער־זעענדיק מיך, האָט זי זיך אַ קראַץ־געטאָן מיט אַ שפּיץ שפּיזל דעם קאָפּ אונטערן טשעפּיק, און מיך פלוצלינג אַ פרעג־געטאָן:

www.libtool.com.cn

צי קאָן איך איר איבערשרייבן אַ ביטע.

—מיט פאַרגעניגן,—האָב איך געענטפערט, און זיך צוגע-זעצט אויף אַ ברעג שטול.

—אָבער זעט, שרייבט וואָס גרעסערע אותיות,—האָט די פירשטין געזאָגט, דערלאַנגענדיק מיר אַ פּאַרשמירטן בויגן :—קאָן מען עס היינט נישט מאַכן, טייערער ?

—כ׳וועל עס טאַקע היינט איבערשרייבן.

די טיר פון שכנהשן צימער האָט זיך עטוואָס געעפנט און אין דער עפנונג האָט זיך געוויזן זינאַידאַס געזיכט—אַ בלאַס, פאַרקלערט מיט נאַכלעסיק־צוריקגעוואָרפענע האָר אַהינטער : זי האָט אויף מיר אַ בליק געטאָן מיט גרויסע קאַלטע אויגן און שטיל פאַרמאַכט די טיר.

—זינאַ,—זינאַ !—האָט די אַלטע אַרויסגערעדט. זינאַידאַ האָט זיך נישט אָפּגערופן. כ׳האָב אַוועקגעטראָגן דער אַלטערס ביטע און בין איבער איר אָפּגעזעסן אַ גאַנצן אָוונט.

## IX.

מיין „ליידנשאַפט" האָט זיך אָנגעהויבן פון יענעם טאָג אָן. כ׳האָב דעמאָלט, געדענקט זיך, דערפילט אומגעפער אַזוינס, וואָס עס דאַרף פילן אַ מענטש, אָנקומענדיק אויף אַ פּאָסטן : כ׳האָב אויפגעהערט צו זיין פּראָסט אַ יונגער יינגל ; כ׳בין גע-ווען אַ פאַרליבטער. כ׳האָב געזאָגט, אַז פון יענעם טאָג אָן האָט זיך אָנגעהויבן מיין ליידנשאַפט ; כ׳וואָלט נאָך געקאָנט צוגעבן, אַז מיינע ליידן האָבן זיך אויך אָנגעהויבן אין יענעם זעלבן טאָג. אין זינאַידאַס אָבוועזנהייט בין איך געווען טרויעריק : קיין זאַך איז מיר אין קאָפּ נישט געקראָכן, אַלץ איז מיר פון

www.libtool.com.cn

די הענט געפאַלן, כ'פלעג גאַנצענע טעג קלערן אָנגעשטרענגט
וועגן איר... כ'בין געווען טרויעריק... אָבער אין איר אָנוועזנ-
הייט איז מיר נישט געוואָרן לייכטער. כ'בין געווען אייפער־
זיכטיק, כ'האָב אָנערקענט מיין נישטיקייט, כ'האָב זיך נאַריש
געבלאָזן און זיך נאַריש געלעקט, און פּוגדעסטוועגן האָט מיך
געצויגן צו איר אַן אומבאַזיגבאַרע קראַפט—און איטלעך מאָל
פלעג איך באַטרעטן די שוועל פון איר הדר מיט אַ נישט ווילנ־
דיקן ציטער פון גליק. זינאַידאַ האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן,
אַז כ'האָב זיך אין איר פאַרליבט, נאָר איך האָב עס גאָר נישט
געוואָלט פאַרבאָרגן; זי האָט זיך לוסטיק געמאַכט איבער מיין
ליידנשאַפט, האָט מיך געמאַכט צום נאַר, געשפּאַסט מיט מיר
און מיך געפּייניקט. זיס איז צו זיין פאַרן אַנדערן דער אייג־
איינציקער קוואַל, די אומבאַשרענקטע, אומאָפּהענגיקע סבה פון
די גרעסטע פריידן און טיפסטן לייד—איך בין אָבער געווען אין
זינאַידאַס הענט ווי ווייך וואַקס. נישט איך אַליין
בין געווען פאַרליבט אין איר; אַלע מענער, וואָס פלעגן באַ־
זוכן איר שטוב, האָבן דעם קאָפּ פאַרלוירן—און זי האָט זיי
אַלעמען געהאַלטן אויפן שטריקל—ביי אירע פיס. ס'האָט איר
שטאַרק געווילט איפּצוועקן אין זיי דאָ האָפנונגען, דאָ זאָרגן
און מאַכן זיי פאַר אַ שפּילצייג פון איר קאַפּריז (דאָס האָט
זי אָנגערופן: קלאַפּן מענטשן איינער אָן אַנדערן)—און זיי האָבן
אפילו נישט געטראַכט זיך אַקעגנצושטעלן און זיינען איר גערן
אונטערטעניק געווען. אין איר גאַנצן לעבהאַפטן און פרעכטיקן
וועזן איז געווען עפּעס אַזאַ באַזונדערס כשופדיקער געמיש פון
ביטערקייט און זאָרגלאָזיקייט, קינסטלעכקייט און פשטות, שטיל־
קייט און שטיפערישקייט; איבער אַלעם, וואָס זי האָט געטאָן,
גערעדט, איבער איטלעך באַוועגונג אירער האָט זיך געטראָגן
אַ פיינער, לייכטער צויבער; אין אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזן

www.libtool.com.cn

אַן אייגנאַרטיקע, שפּילעוודיקע קראַפט. אויך איר פּנים האָט זיך כּסדר געענדערט און געשפּילט: אין איין און דערזעלבער צייט כּמעט האָט עס אויסגעדריקט־שפּאַס, פאַרטראַכטקייט און תּאווהדיקס. איבער אירע אויגן און ליפּן זיינען כּסדר פאַר־בייגעפלויגן די פאַרשידנאַרטיקסטע געפילן, לייכטע, שנעלע, ווי די שאָטנס פון וואָלקנס אין אַ זוניקן ווינטיקן טאָג.

יעדער פון אירע ליבהאָבער איז איר געווען נייטיק. ביעלאָוווזאָראָוו, ווען זי פלעגט אַמאָל אָנרופן „מיין חיה", און אַמאָל פּשוט „מיינער"—וואָלט זיך גערן געוואָרפן פאַר איר אין פייער; נישט האַלטנדיק שטאַרק פון זיינע גייסטיקע פעי־קייטן און אַנדערע מעלות, פלעגט ער איר אַלץ פאָרלייגן חתונה צו האָבן מיט איר און געבן דערביי אָנצוהערעניש, אַז די אַנ־דערע פלוידערן עס נאָר. מיידאַנאָוו ווידער האָט גערעדט צו די פּאָעטישע סטרונעס פון איר נשמה: אַ גענוג קאַלטער מענטש, ווי כּמעט אַלע מחברים, פלעגט ער איר פעסט פאַרזיכערן, און אפשר אויך זיך, אַז ער פאַרגעטערט זי; ער האָט זי באַזונ־גען אין נישט־פאַרענדיקטע שירים, וועלכע ער האָט פאַר איר פאָרגעלייענט מיט אַ מאָדנער התלהבות, וואָס האָט אויסגעוויזן סיי אומנאַטירלעך, סיי אויפריכטיק. זי האָט אים פון איין זייט מיטגעפילט און פון דער צווייטער זייט האָט זי אַ ביסל חוזק געמאַכט פון אים; זי האָט קנאַפּ־וואָס געגלויבט זיינע ווערטער און אָנהערנדיק זיך מיט זיין השתפכות הנפש, האָט זי אים געהייסן לייענען פּושקינען, כּדי אָפּצורייניקן, ווי זי האָט גע־זאָגט, די לופט. לושין, אַ דאָקטאָר אַ וויצלינג, וואָס האָט ליב געהאַט צו ריידן גבול פּה, האָט זי געקענט בעסער פאַר אַלע־מען—און געליבט אויך מער פון אַלעמען, הגם ער פלעגט זי זידלען הינטער די אויגן און אין די אויגן. זי האָט אים גע־שעצט, אָבער אויך נישט נאָכגעלאָזט—און אַמאָל פלעגט זי אים

www.libtool.com.cn

מיט אַ באַזונדער צולהכעיסדיקער הנאה געבן צו פילן, אַז אויך ער איז ביי איר אין די הענט. „איך בין אַ קאָקעטקע, כ׳בין אָן אַ האַרץ, כ׳פאַרמאָג אַ נאַטור פון אַן אַקטאָר,—האָט זי אים איינמאָל געזאָגט אין מיין געגנוואַרט:—גוט! גיט זשע אייער האַנט מיר, כ׳וועל אין איר אַריינשטעקן אַ שפּילקע, איר וועט זיך שעמען פאַרן דאָזיקן יונגנמאַן, ס׳וועט אייך ווי־טאָן, און פונדעסטוועגן, ה׳ גערעכטער מענטש, באַוויליגט צו לאַכן". לו־שין איז רויט געוואָרן, האָט זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט, פאַר־ביסן די ליפּן, אָבער געענדיקט האָט ער דערמיט, אַז ער האָט יאָ אונטערגעשטעלט די האַנט. זי האָט אים אַ שטאָך־געטאָן, און ער האָט טאַקע אָנגעהויבן צו לאַכן... און אויך זי האָט געלאַכט, אַריינלאָזנדיק גענוג טיף די שפּילקע; דערביי האָט זי אים פאַרקוקט אין די אויגן, וואָס ער האָט בחנם געוואָרפן אין אַלע זייטן...

ערגער פון אַלץ האָב איך פאַרשטאַנען די באַציונגען, וואָס האָבן עקזיסטירט צווישן זינאַידאַן און גראַף מאַלעווסקי. ער איז געווען אַ גאַנץ נישקשהדיקער, פלינק און קלוג, אָבער אפילו איך, אַ זעכצניעריק ייִנגל, האָב געמערקט אין אים עט־וואָס צווייפלהאַפטס, עטוואָס פאַלשס, און כ׳האָב זיך גע־חידושט, וואָס זינאַידאַ באַמערקט עס נישט. און אפשר האָט זי יאָ באַמערקט דידאָזיקע פאַלשקייט און ס׳האָט זי נישט געעקלט. די נישט־רעגלמעסיקע דערציונג, די אויסטערלישע באַקאַנטשאַפטן און געוויינהייטן, דער מוטערס שטענדיקע אָנוועזנהייט, די אָרעמקייט און אומאָרדנונג אין שטוב, אַלץ, אָנהייבנדיק פון איר פרייהייט, וואָס דאָס יונג מיידל האָט געהאַט, פונם באַ־וווסטזיין, אַז זי איז די וויכטיקסטע אין איר קרייז—אַלץ האָט אין איר אויפגעוועקט אַ האַלב-פאַראַכטנדע נאַכלעסיקייט און זי האָט אויף קיין זאַך שטאַרק נישט מדקדק געווען. וואָס עס

www.libtool.com.cn

פלעגט נישט טרעפן-קומט, למשל, וואַניפּאַטי מודיע זיין, אַז קיין צוקער איז נישטאָ, צי ס׳טראָגט זיך פאַנאַנדער עפּעס אַ מאוס רכילות, אָדער געסט צערייסן זיך–זי פלעגט דערביי באַר מיט די לאָקן אַ טרייסל טאָן און אַ זאָג־טאָן: שטותעריי!– און פלעגט זיך ווייניק צום האַרצן נעמען.

דערפאַר פלעגט זיך אין מיר דאָס גאַנצע בלוט אָנצינדן, בעת מאַלעווסקי פלעגט צו איר צוגיין, וויגנדיק זיך כיטרע ווי אַ פוקס און פראַנטיש זיך אָנלענענדיק אָן דעם אָנלען פון איר שטול, און פלעגט איר נעמען עפּעס איינרוימען אויפן אייער מיט אַ זעלבסטצופרידענעם חניפהדיקן שמייכל, און זי פלעגט בעת מעשה קרייצן די הענט אויף דער ברוסט, קוקן אויפמערקזאַם אויף אים און אַליין נעמען שמייכלען און שאָקלען מיטן קאָפּ.

–וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן האָט איר, וואָס איר נעמט־אויף מאַלעווסקין?–האָב איך זי איינמאָל געפרעגט.

–ער האָט דאָך אַזעלכע פּרעכטיקע וואָנסעלעך,–האָט זי געענטפערט.–און דאָס איז נישט פאַר אייך געדאַכט.

–קלערט איר נישט אַמאָל, אַז איך האָב אים ליב,–האָט זי מיר געזאָגט דעם אַנדערן טאָג.–ניין; כ׳קאָן נישט ליב האָבן אַזעלכע, אויף וועלכע מיר קומט אויס צו קוקן פון אויבן אַראָפּ. איך דאַרף האָבן אַזאַ מענטשן, וועלכער זאָל מיך צעברעכן... אָבער אויף אַזעלכן וועל איך זיך נישט אָנשטויסן, גאָט איז דערבאַרמדיק! כ׳וועל קיינעם נ׳שט אַריינפאַלן אין די לאַפּעס, פאַר קיין פאַל נישט!

–הייסט עס, איר וועט קיינמאָל קיינעם נישט ליב קריגן?

–און אייך? צי האָב איך אייך נישט ליב?–האָט זי געזאָגט און מיר אַ שמיץ־געטאָן מיטן ברעג פון דער הענטשקע איבער דער נאָז.

יאָ, זינאַידאַ האָט זיך זייער לוסטיק געמאַכט איבער מיר.

www.libtool.com.cn

אין משך פון דריי וואָכן פלעג איך זי זען טאָג-טעגלעך—און וואָס פלעגט זי מיט מיר נישט מאַכן! צו אונז פלעגט זי קו־מען זעלטן, און מיך האָט עס נישט געאַרט: אין אונזער הויז איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פריילן, אין אַ פירשטין,—און איך האָב זיך ווי מורא געהאַט דערנענטערן צו איר. כ׳האָב זיך געשראָקן, מיין מוטער זאָל עפּעס נישט באַמערקן; זי איז געווען צו זינאַידאַן זייער נישט גוט געניייגט און האָט אונז פיינטלעך נאָכגעשפּירט. פאַרן פאָטער האָב איך נישט איבעריקס מורא געהאַט: ער האָט מיך ווי נישט באַמערקט, און מיט איר האָט ער גערעדט ווייניק. אָבער עפּעס באַזונדערס קלוג און באַדייטיק. איך האָב אויפגעהערט צו אַרבעטן, לייענען—כ׳האָב אַפילו אויפגעהערט צו שפּאַצירן איבער דער סביבה און פאָרן רייטנדיק. אַזוי ווי אַ זשוק, אַ צוגעבונדענער פאַר אַ פיסל, האָב איך זיך תמיד אַרומגעדרייט אַרום דעם באַליבטן פליגל; כ׳וואָלט דוכט זיך, דאָרט געבליבן אויף אייביק... נאָר דאָס איז געווען אוממעגלעך, מיין מוטער האָט געוואָרטשעט אויף מיר, אַמאָל האָט מיך זינאַידאַ אַליין אַרויסגעיאָגט. דעמאָלט האָב איך זיך פאַרשפּאַרט ביי זיך אין חדר אָדער כ׳בין אַוועק אין סאַמע עק גאָרטן, האָב אַרויפגעקלעטערט אויף אַ גאַנץ-געבליבענער חורבה פון דער הויכער שטיינערנער אָראַנזשעריע, אַנידערגע־זעצט זיך מיט אַראָפּגעלאָזטע פיס איבער דער וואַנט, וואָס איז אַרויס אויפן וועג, בין דאָרט אָפּגעזעסן גאַנצענע שעהן און געקוקט, געקוקט, גאָרנישט זעענדיק. נעבן מיר, איבער פאַר־שטויבטער קראָפּעווע, זיינען פויגל איבערגעפלויגן זומער־פויגע־לעך; אַ פליגקער שפּערלינג האָט זיך נישט ווייט אַנידערגע־זעצט אויף אַ האַלב-צעבראָכענעם רויטן ציגל און אויפגערייצט געצוויטשערט; דערביי האָט ער זיך אומאויפהערלעך געדרייט מיטן גאַנצן קערפּערל און פאַנאַנדערגעלאָזט דעם עק; די מיס־

www.libtool.com.cn

טרויאישע קראָען האָבן נאָך אַלץ פון צייט־צו־צייט געקראַקט,
זיצנדיק הויך, הויך אויפן אַנטבלויזטן קאָפּ פון אַ בעריאָזע;
זון און ווינט האָבן שטיל געשפּילט אין אירע שיטערע צווייגן;
פון דאָנער מאָנאָסטיר איז צייטנווייז געקומען צו לויפן אַ רווי־
קער און טרויעריקער גלאָקנקלאַנג — און איך בין געזעסן, גע־
קוקט, זיך צוגעהערט — און פול געוואָרן בין איך אינגאַנצן מיט
עפּעס אַן עמפּינדונג, וואָס האָט קיין נאָמען נישט, אין וועל־
כער ס'איז געווען אַלץ: סיי אומעט, סיי פרייד, סיי אַ פאַרגע־
פיל פון עתיד, סיי אַ פאַרלאַנג און סיי אַ שרעק פאַרן לעבן.
אָבער דאָס אַלץ האָב איך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען, און
כ'וואָלט קיין זאַך, וואָס אין מיר האָט זיך געגראָבן, נישט גע־
קאָנט אָנרופן — אָדער כ'וואָלט דאָס אַלץ אָנגערופן מיט איין נאָ־
מען — מיט זינאַידאַס נאָמען.

און זינאַידאַ האָט אַלץ געשפּילט מיט מיר, ווי אַ קאַץ
מיט אַ מויז. דאָ האָט זי מיט מיר קאָקעטירט — און איך האָב זיך
גערעגט און צעשמאָלצן — דאָ האָט זי מיך פלוצלינג אָפּגעשטויסן
און איך האָב נישט געוואַגט זיך דערנענטערן צו איר, האָב
נישט געהאַט די העזה אַ בליק טאָן אויף איר.

כ'געדענק, עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד איז זי געווען צו
מיר זייער קאַלט, כ'בין לחלוטין געווען געפאַלן ביי זיך;
כ'פלעג זיך פחדנותדיק אַריינכאַפּן צו זיי אין פליגל, באַמיט
זיך צו זיין נעבן דער אַלטער פירשטין, נישט קוקנדיק דערויף,
וואָס זי האָט זיך גראָד אין יענער צייט געזידלט און געשריען:
אירע וועקסל־ענינים זיינען געגאַנגען שלעכט און זי האָט שוין
געהאַט צוויי מאָל אויסצוטענהן זיך מיטן פּריסטאַוו.

איינמאָל בין איך פאַרבייגעגאַנגען אין גאָרטן פאַרביי
דעם באַקאַנטן פאַרקאַן — און דערזען זינאַידאַן: זי איז געזעסן
אויפן גראָז, אָנגעשפּאַרט אָן ביידע הענט און זיך קיין ריר

www.libtool.com.cn

נישט געגעבן. כ׳האָב זיך געהאַט געוואָלט פאַרזיכטיק דערוויי־
טערן, אָבער זי האָט פלוצלינג אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיך
אָפּגעהאַלטן מיט אַ באַפעלערישן צייכן. כ׳בין שטיין געבליבן
אויפן אָרט אַ פאַרגליווערטער: פון ערשטן מאָל האָב איך זי
נישט פאַרשטאַנען. זי האָט איר צייכן איבערגעחזרט. כ׳בין
תיכף איבערגעשפרונגען איבערן פאַרקאַן און פריידיק צוגעלאָפן
צו איר; זי האָט מיך אָבער אָפּגעשטעלט און אָנגעוויזן מיטן
בליק אויף אַ שטעגל אַ צוויי טריט פון איר. אַ פאַרלוירענער,
נישט וויסנדיק, וואָס צו טאָן, האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף
די קני אויפן ראַנד פון שטעגל. זי איז געווען אַזוי בלאַס,
אַזאַ פיינלעכער טרויער, אַזאַ טיפע מידקייט איז געלעגן אויף
איר יעדער ליניע, אַז דאָס האַרץ אין מיר האָט זיך צונויפ־
געפרעסט און נישט ווילנדיק האָב איך אַ מורמל־געטאָן: וואָס
איז אייך?

—זינאַידאַ האָט אויסגעצויגן די האַנט, אָפּגעריסן עפּעס אַ
גרעזל, אַ ביס־געטאָן עס און אַוועקגעוואָרפן ווייטער.

—איר האָט מיך זייער ליב?-האָט זי לסוף געפרעגט.—יאָ?
איך האָב גאָרנישט געענטפערט,—וואָרום צו וואָס האָב
איך געהאַט צו ענטפערן?

—יאָ,—האָט זי איבערגעחזרט, קוקנדיק ווי פריער אויף
מיר.—אַזוי איז עס. אַזעלכע אויגן,—האָט זי צוגעגעבן, פאַר־
טראַכט זיך און פאַרבאָרגן דאָס געזיכט אין די הענט.—אַלצדינג
איז מיר נמאס געוואָרן,—האָט זי אַרויסגעפּליסטערט:—אַ״עק
וואָלט איך אין עק וועלט, כ׳קאָן עס נישט פאַרטראָגן, כ׳קאָן
זיך קיין עצה נישט געבן... און וואָס דערוואַרט מיך אין עתיד....
אַך מיר איז שווער... גאָט מיינער, ווי שווער!

—צוליב וואָס?—האָב איך ציטערדיק געפרעגט.

זינאַידאַ האָט מיר נישט געענטפערט און נאָר אַ צוק געטאָ־

www.libtool.com.cn

טאָן מיט די אַקסלען. כ׳בין אַזוי ווייטער געשטאַנען אויף די קני און געקוקט אויף איר מיט אַ טיפן טרויער. איר יעדעס וואָרט האָט זיך מיר אַזוי איינגעשניטן אין האַרצן. אין דער רגע וואָלט איך, דוכט, גערן מיין לעבן אַוועקגעגעבן, אַבי זי זאָל זיך נישט קימערן. כ׳האָב געקוקט אויף איר—און כאָטש כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איר איז געווען אַזוי שווער, פונדעסטוועגן האָב איך זיך לעבעדיק פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי זי איז פלוצלינג, ביים אָנפאַל פון אומגעצוימטן טרויער, אַוועק אין גאָרטן—און געפאַלן אויף דער ערד ווי אַן אונטערגעקאָשע-טע.—אַרום איז געווען אי לויטער, אי גרין; אַ ווינט האָט גע-רוישט אין די בלעטער פון די צווייגן, אַ וויג־טועדיק אַמאָל אַ מאַלינע־צווייגל איבער זינאַידאַס קאָפּ. ערגעץ־ווו האָבן טויבן געוואָרקעט, און בינען האָבן געזשומט, איבערפליענדיק נידעריק איבערן שיטערן גראָז. פון אויבן האָט זיך צערטלעך געבלויט דער הימל—און מיר איז געווען אַזוי אומעטיק...

—לייענט מיר דורך וואָסערע נישט איז שירים,—האָט זי-נאַידאַ שטיל אַרויסגערעדט און זיך אָנגעלענט אָן עלנבויגן.— כ׳האָב ליב, בעת איר לייענט שירים. איר זינגט, נאָר ס׳שאַדט נישט, דאָס איז יונג. לייענט מיר פאָר: „אויף די בערגלעך פון גרוזיע״.—אָבער זעצט זיך פריער אַנידער.

כ׳האָב זיך אַנידערגעזעצט און דורכגעלייענט: „אויף די בערגלעך פון גרוזיע״.

—„אַז נישט ליבן קאָן עס נישט,—האָט זינאַידאַ איבער־געחזרט.—אָט מיט וואָס איז דיכטונג שיין: זי זאָגט אונז דאָס, וואָס איז נישטאָ, און וואָס דאָס איז נישט נאָר בעסער פון דעם, וואָס איז פאַראַן, נאָר ס׳איז אפילו מער ענלעך אויפן אמת... „אַז נישט ליבן קאָן עס נישט—און ס׳וואָלט געוואָלט, נאָר ס׳קאָן נישט!—זי איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן און פלוצ-

www.libtool.com.cn

לינג זיך אַ טרייסל־געטאָן און אויפגעשטאַנען.—קומט. ביי מיין מוטער זיצט מיידאַנאָוו; ער האָט מיר געבראַכט זיין פּאָעמע און איך האָב אים איבערגעלאָזט. ער איז אַצינד אויך פֿאַרצערט... וואָס קאָן מען טאָן! איר וועט ווען נישט איז געוואָר ווערן... זייט נאָר נישט בייז אויף מיר!

זינאַידאַ האָט מיר איילנדיק אַ דריק געטאָן די האַנט און געלאָפן פאָרויס. מיר האָבן זיך אומגעקערט אין פליגל. מיידאַנאָוו האָט זיך גענומען לייענען זיין נאָר וואָס אָפּגעדרוקטן „מערדער“, אָבער איך האָב אים נישט געהערט. ער האָט אויסגעשריען זינגענדיק זיינע פיר־פיסיקע יאַמבן, די גראַמען האָבן זיך געפלאָכטן איינע נאָך די אַנדערע און געקלונגען ווי גלעקלעך, פוסט און הילכיק, און איך האָב אַלץ געקוקט אויף זינאַידאַן און זיך אַלץ אָנגעשטרענגט צו פאַרשטיין דעם באַדייט פון אירע לעצטע ווערטער.

„צי אפשר האָט אַ צווייטנס ליבע
אומגעריכט גאָר דיך באַזיגט?“

האָט מיידאַנאָוו פלוצלינג אויסגערופן אונטערן נאָז—און מיינע אויגן האָבן זיך געטראָפן מיט זינאַידאַס אויגן. זי האָט די בליקן אַראָפּגעלאָזט און זיך לייכט פאַררייטלט. איך האָב געזען, ווי זי איז רויט געוואָרן, און בין פאַרגליווערט געוואָרן פאַר שרעק. כ'בין שוין פריער אויך געווען צו איר אייפערזיכטיק, אָבער נאָר אין דערדאָזיקער רגע האָט מיר אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ דער געדאַנק, אַז זי האָט ליב געקריגן. „גאָט מיינער! זי האָט ליב!“

www.libtool.com.cn

## X.

מייגע אמתע יסורים און ליידן האָבן זיך אָנגעהויבן פון יענעם מאָמענט אָן. איך האָב זיך געבראָכן דעם קאָפּ, געקלערט און איבערגעקלערט—און כסדר נאָכגעשפּירט, ווי מעגלעך גע־היים, נאָך זינאַידאַן. אין איר איז פאָרגעקומען אַ שינוי—דאָס איז געווען קלאָר ווי דער טאָג. זי פלעגט אַוועקגיין איינע אַליין און לאַנג שפּאַצירן; אַמאָל פלעגט זי זיך גאָרנישט ווייזן פאַר די געסט. גאַנצענע שעהן פלעגט זי אָפּזיצן ביי זיך אין צימער. פריער האָט זי זיך אַזוי נישט געפירט. כ'בין מיטאַמאָל געוואָרן—צי אפשר האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ'בין געוואָרן—זייער דורכדריגענד. „איז עס נישט אַמאָל ער? איז עס נישט ער?" האָב איך זיך אַליין געפרעגט, איבערלויפנדיק אומרויק מיטן געדאַנק פון איין אַדאָראַטאָר אירן צום צווייטן. גראַף מאַלעווסקי (הגם כ'האָב זיך געשעמט פאַר זינאַידאַן צו מודה זיין זיך דערין) האָט זיך מיר אין געהיים אויסגעוויזן געפער־לעכער פון אַלעמען.

מיין באַאָבאַכטונג האָט נישט געזען ווייטער פון דער אייגענער נאָז, און מיין באַהאַלטנקייט האָט, אפנים, קיינעם נישט אָפּגענאַרט! על כל פנים, דאָקטאָר לושין האָט גיך אויפגעכאַפּט מיינע געדאַנקען. איבעריקנס, אויך ער האָט זיך די לעצטע צייט פאַרענדערט: ער איז געוואָרן מאָגער, געלאַכט האָט ער אַלץ אַזוי אָפט, אָבער טויבער, בייזער און קירצער—אַ נישט־ווילנדיקע, נערוויאישע אויפגערעגטקייט האָט פאַרביטן אין אים זיין פריערדיקע לייכטע איראָניע און בכיוון געמאַכטן ציניזם.

—וואָס שלעפּט איר זיך עס כסדר אַהער, יונגערמאַן,—האָט

www.libtool.com.cn

ער מיר איינמאָל געזאָגט, בלייבנדיק מיט מיר אין גאַסט־צימער פון די זאַסעקינס. (די יונגע פירשטין האָט זיך נאָך נישט אומ־געקערט פון שפּאַציר, און ס'האָט זיך בלויז געהערט דער פירשטינס שרייענדער קול אויפן אויבערשטן גאָרן: זי האָט זיך דאָרט געקריגט מיט איר שטוב־מיידל.)—איר וואָלט זיך בעסער באַדאַרפט לערנען, אַרבעטן—כל זמן איר זייט יונג—און מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך?

—איר קאָנט נישט וויסן, צי איך אַרבעט נישט אין שטוב,— האָב איך אים געענטפערט נישט אָן גאווה, אָבער אויך נישט אָן צעמישטקייט.

—וואָס פאַר אַ פּנים האָט אייער אַרבעט! נישט דאָס ליגט אייך אין זינען. נו, איך לייקן נישט... אין אייערע יאָרן איז עס אַ נאַטירלעכע זאַך, אָבער אייער אויסוואַל איז שרעקלעך נישט קיין געלונגענער. צי דען זעט איר נישט וואָס דאָס איז פאַר אַ הויז?

—איך פאַרשטיי אייך נישט,—האָב איך באַמערקט.

—איר פאַרשטייט נישט? איז פאַר אייך ערגער. מילא, מיר אַלטע בחורים קאָנען נאָך אַהער אַריינקומען: וואָס מאַכט אונז אויס? מיר זיינען דאָך אַ פאַרהאַרטעוועט פאָלק, אונז קאָן מען מיט קיין שום זאַך נישט דורכנעמען, ביי אייך אָבער איז נאָך די הויט אַ צאַרטע; פאַר אייך איז דאָ אַ שעדלעכע לופט— גלייבט מיר, איר קאָנט זיך נאָך אָנשטעקן.

—וואָס מיינט איר מיט דעם?

—אָט דאָס טאַקע מיין איך. צי זייט איר דען איצט גע־זונט? צי זייט איר דען אין אַ נאָרמאַלן מצב? צי איז דען דאָס, וואָס איר פילט—פאַר אייך נוציק און גוט?

—אָבער וואָס זשע פיל איך דען אַזוינס?—האָב איך זיך אָפּגערופן, און ביי זיך אין האַרצן האָב איך מודה געווען, אַז דער דאָקטאָר איז גערעכט.

www.libtool.com.cn

—עך, יונגערמאַן, יונגערמאַן,—האָט דער דאָקטאָר ווייטער גערעדט מיט אַזאַ אויסדריק, גלייך ווי אין אָט די צוויי ווערטער וואָלט געווען עטוואָס אַזוינס, וואָס זאָל מיך באַליידיקן:— ווי קומט איר גיין פאַרבאָרגן, ביי אייך איז דאָך נאָך, גאָט צו דאַנקען, די נשמה תמימותדיק־ריין. איבעריקנס, וואָס טויג די טענות? איך וואָלט אַליין איך אַהער נישט געגאַנגען, ווען נישט... (דער דאָקטאָר האט צונויפגעדריקט די ציין)... ווען כ׳וואָלט נישט געווען אַזאַ אויסטערלישער מענטש. אָבער אָט וואָס עס חידושט מיך: ווי אַזוי זעט איר נישט, מיט אייער שכל, וואָס עס טוט זיך אַרום אייך?

—וואָס זשע טוט זיך עס אַזוינס?—האָב איך אונטערגעכאַפּט, און אָנגעשטרענגט מיין אויפמערקזאַמקייט.

דער דאָקטאָר האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט עפּעס אַ שפּאַסיקער באַדויערונג.

—יאָ, כ׳בין דאָך אַ גוטער,—האָט ער אַרויסגערעדט, ווי צו זיך אַליין:—מ׳דאַרף דאָס אים זייער נייטיק זאָגן. מיט איין וואָרט,—האָט ער צוגעגעבן, אויפהייבנדיק די שטים:—איך חזר אייך איבער: די אַטמאָספערע פון דעמדאָזיקן הויז טויג פאַר אייך נישט. דאָ איז אייך אמת אָנגענעם, אָבער דאָס איז נאָך ווייניק! איך אַן אָראַנזשעריע דופטעט אויך זייער געשמאַק— אָבער וווּיבען דאָרט טאָר מען נישט, עי! פאָלגט מיך, נעמט זיך ווידער פאַר קיידאַנאָווען.

די פירשטין איז אַריין און האָט זיך גענומען קלאָגן פאַרן דאָקטאָר אויף ציין־ווייטאָק. נאָכדעם איז אַריינגעקומען זינאַידאַ.

—אָט,—האָט די פירשטין צוגעגעבן:—ה׳ דאָקטאָר, זידלט איר גוט אויס. אַ גאַנצן טאָג טרינקט זי וואַסער מיט אייז. צי דען איז עס געזונט פאַר איר ביי איר שוואַך האַרץ?

www.libtool.com.cn

—פּאַרוואָס טוט איר עס?—האָט לושין געפרעגט.
—וואָס קאָן דערפון אַרויסקומען?
—וואָס? איר קאָנט זיך צוקילן און שטאַרבן.
—טאַקע באמת? צי דען מיינט איר אַזוי? נו, מילא—וועלן מיר זיך איבערפּעקלען אויף יענער וועלט!
—אַזוי גאָר!—האָט אַ וואָרטשע-געטאָן דער דאָקטאָר.
די פירשטין איז אַרויסגעגאַנגען.
—אַזוי גאָר,—האָט איבערגעחזרט זינאַידאַ.—צי דען איז אַזוי פריילעך צו לעבן? קוקט זיך נאָר אַרום... וואָס—ס'איז גוט? אָדער מיינט איר אפשר, אַז איך פאַרשטיי עס נישט, פיל עס נישט? איך האָב הנאה צו טרינקען וואַסער מיט אייז, און איר קאָנט מיך ערנסט פאַרזיכערן, אַז אַזאַ לעבן איז ווערט, מ'זאָל עס נישט שטעלן אין קאָן פאַר אַ רגע פאַרגעניגן—כ'רייד שוין נישט וועגן גליק.
—נו, יאָ,—האָט לושין באַמערקט:—דער קאַפּריז און די אומאָפּהענגיקייט... דידאָזיקע צוויי ווערטער כאַראַקטעריזירן אייך פולשטענדיק: אייער גאַנצע נאַטור איז אין דידאָזיקע צוויי ווערטער.
זינאַידאַ האָט זיך נערוועיש צעלאַכט.
—איר האָט פאַרשפּעטיקט מיט דעם נייס, ליבער דאָקטאָר. איר באַאָבאַכטעט שלעכט; איר שטייט־אָפּ.—טוט־אָן ברילן.—עס קריכן מיר איצט נישט אין קאָפּ קיין קאַפּריזן; אייך מאַכן צום נאַר, זיך מאַכן צום נאַר... ס'אַרא שרעקלעכע פריילעכקייט!—און וואָס איז נוגע דער אומאָפּהענגיקייט... מאָסיע וואָלדעמאַר—האָט זינאַידאַ פּלוצלינג צוגעגעבן און אַ טופּע־געטאָן מיטן פיסל:—מאַכט נישט קיין מעלאַנכאָלישע פיזיאָגנאָמיע. כ'קאָן נישט פאַרטראָגן, ווען מ'באַדויערט מיך.—
זי איז שנעל אַוועקגעגאַנגען.

www.libtool.com.cn

—שעדלעך, שעדלעך איז דאָ פאַר אייך די אַטמאָספערע,—
יונגערמאַן,—האָט מיר לושין נאָכאַמאָל געזאָגט.

# XI.

דעמזעלבן טאָג אין אָוונט האָבן זיך ביי די זאַסעקינס צונויפגעקליבן די געוויינטלעכע געסט; צווישן זיי בין איך אויך געווען.

דער שמועס איז אַוועק וועגן מיידאַנאָווס פּאָעמע; זינאַידאַ האָט זי אָפנהאַרציק געלויבט.—אָבער ווייסט איר וואָס?—האָט זי געזאָגט מיידאַנאָוון:—ווען איך וואָלט געווען אַ דיכטער—וואָלט איך גענומען אַנדערע פּאַבולעס. אפשר, דאָס אַלץ איז נאַרישקייטן, נאָר מיר קומען אַמאָל אין קאָפּ אויסטערלישע געדאַנקען, באַזונדערס בעת איך שלאָף נישט, פאַרן פרימאָרגן, בעת דער הימל הייבט־אָן ווערן אי ראָז, אי גרוי.—איך וואָלט, למשל... איר וועט פון מיר נישט לאַכן?

—ניין! ניין!—האָבן מיר אַלע אויסגערופן אין איין קול.

—איך וואָלט פאָרגעשטעלט,—האָט זי פאָרגעזעצט, קרייצנדיק די הענט אויף דער ברוסט און צילנדיק די בליקן אין אַ זייט:—איך וואָלט פאָרגעשטעלט אַ גאַנצע געזעלשאַפט פון יונגע מיידלעך, ביינאַכט, אין אַ גרויסן שיפל—אויף אַ שטילן טייך. די לבנה שיינט, און זיי אַלע זיינען אין ווייסן און אין קרענץ פון ווייסע בלומען, און אַלע זינגען זיי עפּעס אַ מין הימן.

—כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי, רעדט ווייטער,—האָט מיידאַנאָוו אַרויסגערעדט באַדייטיק און טרוימעריש.

—פּלוצלינג—אַ גערויש, אַ געלעכטער, פאַקעלן, גלעקלעך אויפן ברעג... דאָס לויפט אַ מחנה וואַקכאַנקעס, מיט לידער,

www.libtool.com.cn

מיט געשריי. דאָ איז שוין אייער זאַך אָנצוטאָלן אַ בילד, ה׳ דיכטער... איך וואָלט נאָר געוואָלט, אַז די פאַקעלן זאָלן זיין רויטע און זאָלן זייער רייכערן, און די אויגן ביי די וואַק־כאַנקעס זאָלן גלאַנצן אונטער די קרענץ, און די קרענץ דאַרפן זיין טונקעלע. פאַרגעסט אויך נישט קיין טיגרישע פעלן און בעכערס—און גאָלד, אַ סך גאָלד.

—ווו באַדאַרף זיין דאָס גאָלד?—האָט מיידאַנאָוו געפרעגט, אָפּוואַרפנדיק אַהינטער זיינע פלאַכע האָר און פאַרברייטערנדיק די נאָז־לעכער.

—ווו? אויף די אַקסלען, אויף די הענט, אויף די פיס, אומעטום. מ׳זאָגט, אַז אין אַלטערטום האָבן פרויען געטראָגן גאָלדענע רינגען אויף די עלנבויגן און פיס־קנאָכן. די וואַק־כאַנקעס רופן די מיידלעך צו זיך אין שיפל. די מיידלעך האָבן אויפגעהערט זינגען זייער הימן—זיי קאָנען אים נישט פאָרזעצן ווייטער—אָבער זיי רירן זיך נישט פון אָרט. דער טייך הייבט זיי אויף צום ברעג. און אָט הייבט זיך פלוצלינג איינע פון זיי שטיל אויף... דאָס דאַרף מען שיין באַשרייבן: ווי זי שטייט שטיל אויף ביים לבנה־שיין, און ווי אירע חברטעס שרעקן זיך... זי האָט איבערגעשפרייזט דעם ראַנד פונם שיפל, די וואַקכאַנקעס האָבן זי אַרומגערינגלט, אַוועקגעטראָגן אין דער נאַכט אַריין, אין חושך... דאָ שטעלט פאָר קנוילן רויך, און אַלץ האָט זיך אויסגעמישט. עס הערט זיך נאָר זייער הילכן, בלויז איר קראַנץ איז געבליבן אויפן ברעג.

זינאַידאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן. (אָ! זי האָט זיך פאַר־ליבט!—האָב איך ווידער אַ טראַכט־געטאָן.)

—און מער גאָרנישט?—האָט מיידאַנאָוו געפרעגט.

—מער גאָרנישט,—האָט זי געענטפערט.

—דאָס קאָן נישט דינען אַלס פאַבולע פאַר אַ גאַנצע פאָע־

www.libtool.com.cn

מע,—האָט ער ערנסטיק באַמערקט:—אָבער פאַר אַ לירישּ געּ־דיכט וועל איך זיך מיט אייער געדאַנק באַנוצן.

—אין אַ ראָמאַנטישן טאָן? האָט מאַלעווסקי געפרעגט.

—אוודאי, אין אַ ראָמאַנטישן סטיל, אין אַ בייראָנישן.

—לויט מיין מיינונג, איז הוגאָ בעסער פון בייראָנען,—האָט נאָכלעסיק אַ זאָג געטאָן דער יונגער גראַף:—ער איז אינ־טערעסאַנטער.

—הוגאָ איז אַן ערשטקלאַסישער שריפטשטעלער,—האָט מיידאַנאָוו געענטפערט:—און מיין פריינט טאָנקאָשעעוו, אין זיין שפּאַנישן ראָמאַן על־טראָוואַדאָר...

—אַך, דאָס איז יענץ בוך מיט די פראָגעצייכנס קאָפּ אַראָפּ?—האָט זינאַידאַ איבערגעשלאָגן.

—יאָ. אַזוי איז עס אָנגענומען ביי די שפּאַניער. כ׳האָב געוואָלט זאָגן, אַז טאָנקאָשעעוו...

—נו! איר וועט ווידער פאַרפירן אַ ויכוח וועגן קלאַסי־ציזם און ראָמאַנטיזם,—האָט אים זינאַידאַ אויפסניי איבערגעריסן.

—לאָמיר בעסער נעמען שפּילן.

—אין פאַנטן?—האָט לושין אונטערגעכאַפּט.

—ניין, אין פאַנטן איז לאַנגווייליק; נאָר אין פאַרגלייכן.

(דאָס דאָזיקע שפּיל האָט זינאַידאַ אַליין אויסגעקלערט: מ׳פלעגט אָנרופן עפּעס אַ געגנשטאַנד, איטלעכער האָט זיך באַמיט אים מיט עפּעס צו פאַרגלייכן, און יענער, ווער ס׳האָט צוגעקליבן דעם בעסטן פאַרגלייך, פלעגט באַקומען דעם פּריז). זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. די זון האָט זיך נאָר־וואָס אַראָפּגע־זעצט; אויפן הימל זיינען הויך געשטאַנען לאַנגע, רויטע וואָלקנס.

—צו וואָס זיינען ענלעך דידאָזיקע וואָלקנס?—האָט זינאַי־דאַ געפרעגט, און נישט וואַרטנדיק אויף אונזער ענטפער, האָט

www.libtool.com.cn

זי געזאָגט:—איך געפין, אַז זיי זיינען ענלעך צו יענע פּור־פּורנע זעגלען, וועלכע זיינען געווען אויף דער גאָלדענער שיף ביי קלעאָפּאַטראַ, בעת זי איז געפאָרן באַגעגנען אַנטאָנין. איר געדענקט, מיידאַנאָוו, נישט לאַנג האָט איר מיר וועגן דעם דערציילט?

מיר האָבן אַלע, ווי פּאָלאָני אין „האַמלעט", באַשלאָסן, אַז די וואָלקנס האָבן טאַקע דערמאָנט דידאָזיקע זעגלען, און אַז קיין בעסערן פאַרגלייך וועט שוין קיינער פון אונז נישט געפינען.

—וויפיל איז דעמאָלט אַלט געווען אַנטאָני?—האָט זינאַידאַ געפרעגט.

—יאָ, אַ יונגער,—האָט מיידאַנאָוו פעסט באַשטעטיקט.

—אַנטשולדיקט,—האָט לושין אויסגערופן:—ער איז אַלט געווען איבער פערציק יאָר.

—איבער פערציק יאָר,—האָט זינאַידאַ איבערגעחזרט, אַ קוק־טוענדיק אויף אים מיט אַ שנעלן בליק.

כ'בין באַלד אַוועק אַהיים.—„זי האָט ליב געקריגן", האָבן מיינע ליפּן נישט ווילנדיק געפליסטערט... „אָבער וועמען?"

## XII.

טעג זיינען פאַרביי. זינאַידאַ איז געוואָרן אַלץ משונהדי־קער, אַלץ אומפאַרשטענדלעכער. איינמאָל בין איך צו איר אַריינגעקומען און זי דערזען זיצנדיק אויף אַ שטרויענעם שטול, און איר קאָפּ איז געווען צוגעדריקט צום שאַרפן ראַנד פון טיש. זי האָט זיך אויסגעגלייכט... איר גאַנץ געזיכט איז געווען באַגאָסן מיט טרערן.

www.libtool.com.cn

—אַ! איר!—האָט זי געזאָגט מיט אַ גרויזאַמען שמייכל.—קומט זשע אַהער.

כ'בין צו איר צוגעגאַנגען: זי האָט מיר אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן קאָפּ, און פּלוצלינג האָט זי מיך אַ כאַפּ־געטאָן פאַר די האָר און זיי גענומען דרייען.

—ס'טוט וויי...—האָב איך לסוף אַרויסגערעדט.

—אַ! ס'טוט וויי! און מיר טוט נישט וויי? מיר טוט נישט וויי?—האָט זי איבערגעחזרט.

—אַי!—האָט זי מיטאַמאָל אויסגעשריען, דערזעענדיק, אַז זי האָט מיר אויסגעריסן אַ קליין ביסל האָר.—וואָס האָב איך עס געטאָן? אָרעמער מעסיע וואָלדעמאַר!

זי האָט פאָרזיכטיק אויסגעגלייכט די אויסגעריסענע האָר, האָט זיי אַרומגעוויקלט אַרום פינגער און זיי אויפגעדרייט אין אַ רינגעלע.

—כ'וועל אייערע האָר אַריינלייגן צו זיך אין מעדאַליאָן און וועל זיי טראָגן,—האָט זי געזאָגט, און ביי איר אין די אויגן האָבן אַלץ געגלאַנצט טרערן.—דאָס וועט אייך, אפשר, אַ ביסל טרייסטן... און איצט... זייט מיר געזונט.

כ'האָב זיך אומגעקערט אַהיים און געטראָפן דאָרט אַ נישט־אָנגענעמלעכקייט. די מוטער האָט זיך געהאַלטן אין אי־בערווערטלען מיטן פאָטער: זי האָט אים אין עפּעס פאָרגע־וואָרפן און ער, ווי זיין טבע איז געווען, האָט קאַלט און העפ־לעך צוגעשוויגן—און באַלד גאָר אַוועקגעפאָרן. איך האָב נישט געקאָנט הערן וועגן וואָס די מוטער האָט גערעדט, און אגב האָט עס מיך אין דער מינוט נישט אינטערעסירט; כ'געדענק נאָר, אַז נאָכן ענדיקן דאָס געשפּרעך מיטן פאָטער, האָט זי מיך געהייסן אַריינרופן צו זיך אין קאַבינעט און מיט גרויס אומצופרידנהייט האָט זי זיך אָפּגערופן וועגן מיינע אָפטע באַ-

www.libtool.com.cn

זוכן ביי דער פּירשטין, וועלכע איז געווען, לויט אירע ווער־טער, une femme capable de tout.*) כ׳בין צוגעגאַנגען צו איר צום הענטל (דאָס פלעג איך שטענדיק טאָן, בעת כ׳פלעג וועלן איבעררייסן דעם שמועס) און בין אַוועקגעגאַנגען צו זיך. זי־נאַידאַס טרערן האָבן מיך לגמרי צעמישט: כ׳האָב לחלוטין נישט געוווסט, אויף וועלכן געדאַנק זיך אָפּצושטעלן, און בין אַליין גרייט געווען צו וויינען: כ׳בין דאָך געווען אַ קינד, נישט קוקנדיק אויף מיינע זעכצן יאָר. איך האָב שוין מער וועגן מאַלעווסקין נישט געקלערט, כאָטש ביעלאָווזאָראָוו איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ בייזער און בייזער און האָט געקוקט אויפן געשיקטן גראַף, ווי אַ וואָלף אויף אַ באַראַן; אָבער איך האָב וועגן גאָרנישט און וועגן קיינעם נישט געטראַכט. כ׳האָב זיך פאַרלוירן אין פאָרשטעלונגען און השערות און אַלץ געזוכט אָפּגעזונדערטע ערטער. באַזונדערס ליב געקריגן האָב איך די חורבות פון דער אָראַנזשעריע. כ׳פלעג זיך אַרויפדראַפּען אויף אַ הויכע וואַנט, זיך זעצן, און זיצן פלעג איך דאָרט ווי אַזאַ אומגליקלעכער, איינזאַמער און אומעטיקער בחורל, אַז מיר איז געוואָרן אַ רחמנות אויף זיך אַליין—און דידאָזיקע צערפּולע עמ־פינדונגען האָבן מיך אַזוי געלייַנדערט, האָבן מיך אַזוי טיף פאַרשכורט!...

און אָט זיץ איך איינמאָל אויף דער וואַנט, קוק אין דערווייט און הער אַ גלאָקן־קלאַנג... פּלוצלינג איז איבער מיר עפּעס דורכגעלאָפן—אַ ווינטל, צי נישט קיין ווינטל און נישט קיין ציטער, נאָר פּונקט ווי אַ בלאָזן, גלייך ווי אַן עמפּינדונג פון עמעצנס נאָענטקייט... כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אונטן,

---

*) אַ פרוי, וואָס איז מסוגל צו אַלץ.

www.libtool.com.cn

איבערן וועג, אין אַ לײַכט גרוי קלייד, מיט אַ רױזן שירם איבערן אַקסל, איז איילנדיק זינאַידאַ געגאַנגען. זי האָט מיך דערזען און זיך אָפּגעשטעלט, און אָפּוואַרפנדיק דעם ראַנד פון איר שטרויענעם הוט, האָט זי אויפגעהויבן אויף מיר אירע סאַמעטענע אויגן.

—וואָס טוט איר דאָרט, אויף אַזאַ הויכקייט?—האָט זי מיך געפרעגט מיט אַ מאָדנעם שמייכל.—אָט—האָט זי ווייטער גערעדט:—איר פאַרזיכערט אַלץ, אַז איר האָט מיך ליב—וועט איר אַ שפרונג־טאָן צו מיר אויפן וועג, אויב איר האָט מיך באמת ליב.

זינאַידאַ האָט נישט באַוויזן אַרויסצוריידן דידאָזיקע ווערטער, ווי איך בין שוין געפלויגן אונטן, גלייך ווי עמעצער וואָלט מיך פון הינטן אונטערגעשטופּט. די וואַנט האָט געהאַלטן ביי צוויי סאַזשען די הויך. איך האָב אַ טאַנץ־געטאָן מיט די פיס אויף דער ערד, אָבער דער שטויס איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז כ'האָב זיך נישט געקאָנט אויפהאַלטן: כ'בין אומגעפאַלן און אויף אַ רגע פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין. אַז כ'בין געקומען צו זיך, האָב איך, נישט עפנענדיק די אויגן, דערפילט נעבן זיך זינאַידאַן.—„מיין ליב ייִנגעלע,—האָט זי געזאָגט, זיך אָנבייגנדיק איבער מיר—און אין איר שטים האָט געקלונגען אַן אומרויִקע צאַרטקייט:—ווי אַזוי האָסטו עס געקאָנט אָפּטאָן אַזאַ זאַך, ווי אַזוי האָסטו עס געפאָלגט... איך האָב דיך דאָך ליב... שטיי־אויף”.

איר ברוסט האָט געאָטעמט נעבן מיינער, אירע הענט האָבן זיך אָנגערירט אָן מיין קאָפּ, און מיטאַמאָל—וואָס איז מיט מיר דאַן געשען!—אירע ווייכע, פרישע ליפּן האָבן אָנגעהויבן באַדעקן מיין גאַנץ געזיכט מיט קושן... אירע ליפּן האָבן באַרירט מיינע ליפּן... אָבער דאָ האָט זינאַידאַ זיך אָנגעשטויסן,

www.libtool.com.cn

אפנים, לויטן אויסדרוק פון מיין געזיכט, אַז כ׳בין שוין גע־קומען צו זיך, כאָטש די אויגן האָב איך נאָך אַלץ נישט גע־עפנט, און, גיך אונטערהייבנדיק זיך, האָט ער אויסגערעדט:— „נו, שטייט אויף, שטיפער, משוגענער; וואָס זשע ליגט איר אין שטויב?״ — כ׳האָב זיך אויפגעהויבן.—דערלאַנגט מיר מיין שירם,—האָט זי נאַידאַ געזאָגט:—זע, ווי ווייט כ׳האָב אים אַוועק־געוואָרפן; קוקט זשע נישט אויף מיר אַזוי... וואָס פאַראַ שטות־ערייַ? איר האָט זיך נישט צעקלאַפּט? כ׳רעכן, אַז איר האָט זיך אָפּגעבריט אין דער קראָפּיווע? מ׳זאָגט דאָך אייך, קוקט נישט אויף מיר... אַז ער פאַרשטייט גאָרנישט, ענטפערט נישט אַ וואָרט,—האָט זי צוגעגעבן ווי פאַר זיך.—גייט אַהיים, מעסיע וואָלדעמאַר, פּוצט אייך אָפּ, אָבער איר זאָלט נישט וואַגן צו גיין נאָך מיר, ווען נישט וועל איך בייז ווערן, און וועל שוין קיינמאָל נישט...

זי האָט אירע ווערטער נישט דערענדיקט און פלינק זיך דערווייטערט, און איך האָב זיך צוגעזעצט אויפן וועג... די פיס זיינען נישט געווען בכוח מיך צו האַלטן. די קראָפּיווע האָט מיר אָפּגעבריט די הענט, דער רוקן האָט געבראָכן און דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט; אָבער דאָס געפיל פון העכסטן גליק, וואָס האָט מיך דעמאָלט אַרומגענומען, האָט זיך שוין אין מיין לעבן מער נישט איבערגעחזרט. דאָסדאָזיקע גע־פיל האָט געגלעט אַלע מיינע אברים ווי אַ זיסער שמאַרץ און אויסגעגאַנגען איז עס לסוף אין אַ באַגייסטערט שפּרינגעריי און אויסגעשרייען. גלייך ווי כ׳וואָלט נאָך אַ קינד געווען.

www.libtool.com.cn

## XIII.

כ׳בין געווען אַזוי פריילעך און שטאָלץ דעמדאָזיקן גאַנצן טאָג, כ׳האָב אַזוי לעבעדיק אָפּגעהיט אויף מיין געזיכט די עמפּינדונג פון זינאַידאַס קושן, כ׳האָב מיט אַזאַ ציטער פון באַגייסטערונג דערמאָנט איר יעדעס וואָרט, כ׳האָב אַזוי געצערטלט מיין אומגעריכט גליק, אַז מיר איז אַזש געוואָרן שרעקלעך, כ׳האָב אַפילו נישט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף איר, דעם גורם פון די נייע עמפּינדונגען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מ׳קאָן גאָרנישט פאָדערן מער פון מזל, אַז איצט וואָלט מען געדאַרפט נעמען, גוט אַ זיפץ־טאָן צום לעצטן מאָל און שטאַרבן". דערפאַר, אויפן צווייטן טאָג, גייענדיק אין פליגל, האָב איך געפילט אַ גרויסע פאַרלעגנהייט, וואָס כ׳האָב זיך אומזיסט באַמיט צו פאַרבאָרגן אונטער דער מאַסקע פון באַשיידענער ריידעוודיקייט, וואָס פאַסט פאַר אַ מענטשן, וועלכער וויל געבן אָנצוגעהערן, אַז ער קאָן אָפּהיטן אַ סוד. זינאַידאַ האָט מיך אויפגענומען זייער פשוט, אָן שום אויפגערעגטקייט, זי האָט מיר בלויז אַ דראָע־געטאָן מיטן פינגער און געפרעגט: צי האָב איך נישט קיין בלויע פלעקן? מיין גאַנצע באַשיידענע פרייקייט אין האַלטן זיך און סודותדיקייט זיינען מאָמענטאַל פאַרשוווּנדן, און צוזאַמען דערמיט אויך מיין פאַרלעגנהייט. געוויס, קיין שום אויסערגעוויינלעכס האָב איך נישט דערוואַרט, אָבער זינאַידאַס רויקייט האָט מיך ווי מיט קאַלט וואַסער אָפּגעגאָסן. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז כ׳בין אין אירע אויגן אַ קינד — און מיר איז געוואָרן זייער שווער! זינאַידאַ איז אומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער, יעדעס מאָל שנעל אַ שמייכל־געטאָן, ווי

www.libtool.com.cn

נאָר זי פלעגט אַ בליק־טאָן אויף מיר ; אָבער אירע רעיונות זיינען געווען ווייט, כ׳האָב עס קלאָר געזען... „מ׳דאַרף אַליין אַ רעד־טאָן וועגן נעכטיקער פּאַסירונג,—האָב איך אַ קלער־געטאָן: —מ׳דאַרף זי אַ פרעג טאָן, ווההין האָט זי זיך עס אַזוי געאיילט, כדי צו דערוויסן זיך ענדגילטיק...״ נאָר כ׳האָב בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך צוגעזעצט אין ווינקל.

ס׳איז אַריינגעקומען ביעלאָוואָראָוו ; כ׳האָב זיך מיט אים דערפרייט.

—כ׳האָב נישט געפונען פאַר אייך קיין רויק רייטפערד,— האָט ער געבומען ריידן מיט אַ האַרטן קול :—פרייטאַג איז ערוב פאַר איינס, אָבער איך בין נישט זיכער. כ׳האָב מורא.

—פאַרוואָס שרעקט איר זיך,—האָט זינאַידאַ געפרעגט :— דערלויבט צו פרעגן ?

—פאַרוואָס ? איר קאָנט דאָך נישט רייטן. זאָל גאָט היטן, וואָס עס קאָן פּאַסירן ! וואָס פאַראַ פאַנטאַזיע איז אייך פלוצ־לינג געקומען אין קאָפּ אַריין ?

—נו, דאָס איז שוין מיין עסק, מעסיע מיין חיה. אויף אַזאַ אופן, וועל איך שוין בעטן פעטער וואַסילעוויטשן... (מיין פאָטער האָט מען גערופן פעטער וואַסילעוויטש. כ׳האָב זיך זייער געחידושט, וואָס זי האָט אַזוי לייכט און פריי דערמאָנט זיין נאָמען, גלייך ווי זי וואָלט זיכער געווען אין זיין גרייטקייט, איר צו דינען).

—אַזוי גאָר,—האָט ביעלאָוואָזאָראָוו געענטפערט,—איר ווילט עס מיט אים פאָרן ?

—מיט אים אָדער מיט אַן אַנדערן—דאָס איז פאַר אייך אַלצאיינס. אַבי נישט מיט אייך.

—נישט מיט מיר,—האָט ביעלאָוואָראָוו איבערגעחזרט.— ווי איר ווילט. מילא. אַ פערד וועל איך אייך צושטעלן.

www.libtool.com.cn

—אָבער זעט נאָר, נישט עפּעס אַ קו. איך וואָרן אייך פּאָרויס אַז כ׳האָב חשק צו שפּרינגען.

—שפּרינגט, פליט פונמיינטוועגן... מיט וועמען זשע, מיט מאַלעווסקין וועט איר פאָרן, וואָס?

—און פּאַרוואָס טאַקע נישט מיט אים, קריגער? נו, באַ־רויקט זיך,—האָט זי צוגעגעבן:—און בליצט נישט מיט די אויגן. כ׳וועל אייך אויך מיטנעמען. איר ווייסט, וואָס פאַראַ באַדייטונג ס׳האָט פאַר מיר איצט מאַלעווסקי—פוי!—זי האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ.

—איר זאָגט עס, כדי מיך צו טרייסטן,—האָט ביעלאָוואָ־ראָוו אַ וואָרטשע־געטאָן.

זינאַידאַ האָט זיך פאַרזשמורעט.

—דאָס וועט אייך טרייסטן? אָ... אָ... אָ... קריגער?—

האָט זי לסוף געזאָגט, ווי זי וואָלט נישט געפונען קיין אַנדער וואָרט.—און איר, מעסיע וואָלדעמאַר, צי וואָלט איר מיט אונז מיטגעפאָרן?

—איך האָב נישט ליב... אין אַ גרויסער געזעלשאַפט...—

האָב איך אַ מורמל־געטאָן, נישט אויפהייבנדיק די אויגן.

—איר האָט ליבער tête-à-tête נו, איטלעכער האָט זיך זיין ברירה,—האָט זי אַ זיפץ־טוענדיק אַרויסגערעדט.—גייט זשע, בעלאָוואָראָוו, זייט זיך מתעסק. כ׳דאַרף דאָס פערד האָבן אויף מאָרגן.

—יאָ; און געלט פונוואַנען נעמט מען?—האָט זיך אַריינ־געמישט די פירשטין.

זינאַידאַ האָט אַ קנייטש־געטאָן די ברעמען.

—כ׳בעט ביי אייך נישט קיין געלט; בעלאָוואָראָוו וועט מיר געטרויען.

—וועט געטרויען, וועט געטרויען...—האָט די פירשטין אַ

www.libtool.com.cn

יואָרטשע-געטאָן, און פלוצלינג האָט זי הויך אויסגעשריען :— דוניאַשקאַ !

— Maman, כ׳האָב אייך דאָך געשענקט אַ גלעקל,—האָט די יונגע פירשטין באַמערקט.

—דוניאַשקאַ !—האָט די אַלטע איבערגעחזרט

בעלאָוואָראָוו האָט זיך געזעגנט ; כ׳בין צוזאַמען מיט אים אַוועק. זינאַידאַ האָט מיך נישט פאַרהאַלטן.

## XIV.

דעם אַנדער פרימאָרגן בין איך פרי אויפגעשטאַנען, זיך אויסגעשניטן אַ שטעקן און בין אַוועק הינטער דער זאַסטאַווע. כ׳וועל גיין, האָב איך זיך געקלערט, צעשטרייען מיין צער. דער טאָג איז געווען אַ פרעכטיקער, אַ ליטערער און נישט קיין צו הייסער ; אַ פריילעכער, פרישער ווינט האָט שפאַצירט אי־בער דער ערד און האָט מעסיק גערוישט און געשפילט, אַלץ גערירט און קיין שום זאַך נישט באַומרויקט. כ׳האָב לאַנג אומ-געבלאָנדזשעט איבער בערג און וועלדער ; כ׳האָב זיך נישט געשפירט גליקלעך, כ׳בין אַרויס פון שטוב מיט דער כוונה זיך איבערצוגעבן דעם טרויער,—אָבער מיין יוגנט, דאָס פרעכטיקע וועטער, די פרישע לופט, די הנאה פון שנעלן גאַנג, די צאַרט־קייט פון איינזאַמען ליגן אין געדיכטן גראָז—האָבן געהאַט זייער ווירקונג : די ערינערונג וועגן יענע אומפאַרגעסלעכע ווערטער, וועגן יענע קושן, איז אויפסניי אַריינגעדרונגען אין מיין נשמה. מיר איז אָנגענעם געווען צו טראַכטן, אַז זינאַידאַ קאָן נישט, פונדעסטוועגן, נישט אָפּשאַצן מיין אַנטשלאָסנקייט, מיין העל-דישקייט... „אַנדערע זיינען פאַר איר בעסער פון מיר,—האָב

www.libtool.com.cn

איך געקלערט,—מילא! דערפאַר, אַנדערע ריידן נאָר, אַז זיי וועלן טאָן. און איך האָב געטאָן! און בלויז דאָס בין איך נאָך ביכולת צו טאָן פאַר איר?״—מיין דמיון האָט זיך צעשפּילט. כ׳האָב זיך גענומען פאָרשטעלן, ווי אַזוי כ׳וועל זי אַרויסראַטעווען פון שונאימס הענט, ווי כ׳וועל, אינגאַנצן אַ באַגאָסענער מיט בלוט, זי אַרויסשלעפּן פון געפענגעניש, ווי אַזוי כ׳וועל שטאַרבן ביי אירע פיס. כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן דעם בילד וואָס איז ביי אונז געהאַנגען אין גאַסט־צימער: מאַלעק־אַדעל, וועלכער טראָגט אַוועק מאַטילדען—און אין מיטנדערינען האָט מיין אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן אַ דערשיינענער גרויסער בונטער האָלץ־ראָב. דערדאָזיקער פויגל האָט זיך פאַרעסקט גע־דראַפּעט אויף אַ דינעם שטאַם פון אַ בעריאָזע און האָט פון הינטער איר אַרויסגעקוקט מיט אומרויקייט דאָ רעכטס, דאָ לינקס, גלייך ווי אַ מוזיקאַנט פון הינטערן קאָנטראַבאַס־העלזל.

נאָכדעם האָב איך גענומען זינגען „נישט ווייסע שנייען״ און בין אַריבער אויף דעם דעמאָלט־באַוווסטן ראָמאַנס: „כ׳דער־וואַרט דיך, ווען דער שפּילעוודיקער ווינטל״; נאָכדעם האָב איך גענומען לייענען אויף אַ הויכן קול יערמאַקס ווענדונג צו די שטערן פון כאָמיאַקאָווס טראַגעדיע; כ׳האָב זיך געפּרוווט צו פאַרפאַסן עפּעס אין אַ סענטימענטאַלן טאָן, האָב אַפילו צוגע-קלערט אַ שורה, מיט וועלכער ס׳האָט זיך באַדאַרפט ענדיקן דער גאַנצער שיר: „אָ, זינאַידאַ! זינאַידאַ!״ אָבער ס׳איז גאָר-נישט אַרויסגעקומען. אינמיטן איז אָנגעקומען די מיטאָג־שעה. כ׳האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל, איבער וועלכן ס׳האָט זיך געפלאָכטן אַ שמאָל זאַמדיק שטעגעלע, וואָס האָט געפירט אין שטאָט־אַריין. כ׳בין אַוועק איבער דעמדאָזיקן שטעגל... הינטער מיר האָט זיך דערהערט אַ טויב קלאַפּן פון פערדישע קאָפּי־טעס. כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט, נישט ווילנדיק שטיין געבליבן

www.libtool.com.cn

און אַראָפגענומען דאָס היטל: כ'האָב דערזען מײַן פאָטער און זינאַידאַן. זיי זענען געפאָרן אין איין רײַ. דער פאָטער האָט אין איר עפּעס אַרײַנגערעדט, האָט זיך איבערגעבויגן צו איר מיטן גאַנצן קערפער, אָנשפאַרנדיק זיך מיט דער האַנט אויפן פערדס האַלז; ער האָט געשמייכלט. זינאַידאַ האָט אים אויסגעהערט שווייגנדיק, שטרענג אַראָפגעלאָזט די אויגן און צוגעדריקט די ליפּן. לכתחילה האָב איך דערזען זיי אַליין; נאָר אין עטלעכע רגעס אַרום האָט זיך פון הינטער אַ שייד־וועג אין טאָל באַוויזן בעלאָוואָראָוו, אין אַ הוזאַרן־מונדיר מיט אַ דאָלמאַן, אויף אַ שוואַרץ פערד, וואָס איז באַדעקט געווען מיט שוים. דאָס גוטע פערד האָט געוואָרפן מיטן קאָפּ, געפּירקעט און געטאַנצט: דער רייטער האָט אים אי איינגעהאַלטן, אי גערעדלט מיט די שפּאָרן. איך האָב זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט. דער פאָטער האָט צענויפגענומען דעם ציימל, זיך אָפּגענייגט פון זינאַידאַן, זי האָט אויף אים לאַנגזאַם אויפגעהויבן די בליקן—און ביידע זיינען אַוועקגעפלויגן... בעלאָוואָראָוו האָט זיך אַוועקגעלאָזט נאָך זיי, הילכנדיק מיטן שווערד. „ער איז רויט ווי אַ קרעבס,—האָב איך אַ קלער־געטאָן, און זי... פאַרוואָס איז זי אַזוי בלאַס? איז געפאָרן רייטנדיק אַ גאַנצן פרימאָרגן—און איז בלאַס?"

כ'האָב פאַרדאָפּלט די טריט און געוויזן אָנצוקומען אַהיים האַרט פאַרן מיטאָג. דער פאָטער איז שוין געזעסן, אַן איבערגעטאָענער, אָפּגעוואַשענער און פרישער, נעבן דער מוטערס פאָטעל און איר פאָרגעלייענט מיט זיין גלייכער קלינגענדיקער שטים אַ פעליעטאָן פון „Journal des debàts"; אָבער די מוטער האָט אים אויסגעהערט אָן אויפמערקזאַמקייט, און דערזעענדיק מיך, האָט זי געפרעגט, ווו כ'בין עס פאַרפאַלן געוואָרן אַ גאַנצן טאָג; זי האָט צוגעגעבן, אַז זי האָט פיינט, ווען מ'שלעפּט

www.libtool.com.cn

זיך אַרום גאָט ווייס ווו און גאָט ווייס מיט וועמען. כ'האָב דאָך אומשפּאַצירט אײנער אַליין, האָט זיך מיר געהאַט געוואָלט ענטפֿערן, כ'האָב אָבער אַ בליק־געטאָן אויפֿן פֿאָטער און עפּעס געשוויגן.

## XV.

אין משך פֿון די ווײטערדיקע פֿינף, זעקס טעג האָב איך זינאַידאַן כּמעט נישט געזען: זי האָט זיך אָנגעגעבן אַלס חולה. דאָס האָט פֿונדעסטוועגן נישט געשטערט די שטענדיקע באַזוכער פֿונם פֿליגל צו מעלדן זיך—ווי זײ האָבן זיך אויסגעדריקט—אויף זײער דעזשור. געקומען זײנען אַלע, אַחוץ מײדאַנאָוון, וועלכער האָט באַלד דעם מוט פֿאַרלוירן און זיך געלאַנגווײלט, ווי נאָר ער פֿלעגט נישט האָבן קײן געלעגנהײט אַנטציקט צו ווערן. בעלאָוזאָראָוו איז געזעסן בײז אין אַ ווינקל, אײנגאַנצן אַ פֿאַרקנעפּלטער און אַ רויטער; אויף גראַף מאַלעווסקיס פֿײן פּנים האָט שטענדיק געבלאָנדזשעט עפּעס אַ שלעכט שמײכעלע; ער האָט באמת פֿאַרלוירן דעם חן בײ זינאַידאַן און מיט אַ באַזונדער זאָרג האָט ער באַדינט דער אַלטער פֿירשטין, איז געפֿאָרן מיט איר אין אַ פּאָסט־קאַרעטע צום גענעראַל־גובערנאַטאָר. איבעריגנס, דידאָזיקע נסיעה איז געווען נישט קײן געלונגענע און מאַלעווסקי האָט אַפֿילו געהאַט אַן אומאָנגענעמלעכקײט: מ'האָט אים דערמאָנט עפּעס אַ געשיכטע מיט עפּעס קאָמוניקאַציע-אָפּי-צירן—און ער האָט זיך, אין זײנע דערקלערונגען, געמוזט פֿאַרענטפֿערן, אַז ער איז דאַן נישט געניט געווען. לושין פֿלעגט קומען צו פֿאָרן צו צווײ מאָל אַ טאָג, אָבער זיצן פֿלעגט ער דאָרט נישט לאַנג. איך האָב אַ ביסל פֿאַר אים מורא געהאַט

www.libtool.com.cn

נאָך אונזער לעצטן שמועס, און אין דערזעלבער צייט האָב איך צו אים געפילט אַן אמתע סימפּאַטיע. איינמאָל איז ער מיט מיר אַוועק שפּאַצירן איבערן ניעסקוטשני-גאָרטן, איז געווען זייער גוטמוטיק און פריינטלעך, האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט די נעמען און אייגנשאַפטן פון כלערליי גראָזן און בלומען און מיטאַמאָל, ווי מ׳זאָגט,—פון בוידעם אַראָפּגעפאַלן—האָט ער זיך אַ קלאַפּ־געטאָן איבערן שטערן און אויסגערופן: „און איך, שוטה, האָב געמיינט, אַז זי איז אַ קאָקעטקע! אפנים, ס׳איז זייער זיס צו מקריב זיין זיך—פאַר אַנדערע״.

—וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן?—האָט איך געפרעגט.

—אייך וויל איך גאָרנישט זאָגן,—האָט לושין קורץ אָפּגעהאַקט.

—מיך האָט זינאַידאַ אויסגעמיטן: מיין דערשיינען—כ׳האָב נישט געקאָנט דאָס נישט באַמערקן—האָט אויף איר געמאַכט נישט קיין אָנגענעמען איינדרוק. זי האָט זיך נישט ווילנדיק אָפּגעקערט פון מיר... נישט ווילנדיק; אָט וואָס ס׳איז געווען פּיינלעך, אָט וואָס ס׳האָט מיך דערשלאָגן! נאָר ס׳איז נישטאָ וואָס צו מאַכן—און כ׳האָב זיך באַמיט נישט צו קומען איר פאַר די אויגן, און בלויז פונדערווייטנס האָב איך זי אָפּגעהיט, וואָס נישט שטענדיק פלעגט עס מיר געלונגען. מיט איר איז, ווי פריער, פאָרגעקומען עטוואָס אומבאַגרייפלעכס; איר געזיכט האָט זיך פאַרענדערט, און זי אינגאַנצן איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. באַזונדערס האָט מיך איבערראַשט דערדאָזיקער שנוי אין איר—אין איינעם אַ ליבן, שטילן אָוונט. איך בין געזעסן אויף אַ נידעריק ביינקעלע, אונטער אַ ברייטן פלידער־שטרויך; כ׳האָב ליב געהאַט דאָסדאָזיקע ערטל: פון דאָרט האָט מען געזען דאָס פענסטער פון זינאַידאַס חדר. זיץ איך מיר אַזוי; איבער מיין קאָפּ, אין די טונקל־געוואָרענע בלעטער, האָט זיך

www.libtool.com.cn

פאַרעסקט געפּאָרעט אַ קליין פייגעלע; אַ גרויע קאַץ, אויסציענדיק דעם רוקן, האָט זיך פּאָרזיכטיק געגנבעט אין גאָרטן; די ערשטע זשוקעס האָבן שווער געזשומט אין דער נאָך דורכזיכטיקער, הגם שוין נישט ליכטיקער לופט. כ׳בין געזעסן, און געקוקט אויף דעם פענסטער, און געוואַרט, צי עס וועט זיך נישט עפענען: און אינדער אמתן—ס׳האָט זיך אויפגעמאַכט און אין אים האָט זיך זינאַידאַ געוויזן. זי האָט געטראָגן אַ ווייס קלייד—און זי אַליין, איר געזיכט, די אַקסלען, די הענט—זיינען געווען בלאַס ווי שניי. זי איז לאַנג געשטאַנען אַן אומבאַוועגלעכע און האָט לאַנג געקוקט פאַרגליווערט און גלייך פון אונטער די אַראָפּגעלאָזטע ברעמען. כ׳האָב נאָך ביי איר אַזאַ בליק קיינמאָל נישט געזען. נאָכדעם האָט זי פעסט-פעסט צונויפגעדריקט די הענט, צוגעטראָגן זיי צו די ליפּן, צום שטערן—און פלוצלינג, פאַנאַנדערנעמענדיק די פינגער, האָט זי אָפּגעוואָרפן די האָר פון די אויערן, אַ טרייסל-געטאָן מיט זיי, און מיט עפּעס אַן אַנטשלאָסנקייט אַ שאָקל־געטאָן פון אויבן אַראָפּ מיטן קאָפּ און דאָס פענסטער צוגעמאַכט.

אין אַ דריי טעג אַרום האָט זי מיך באַגעגנט אין גאָרטן. כ׳האָב זיך געוואָלט אַוועקדרייען אין דער זייט, נאָר זי אַליין האָט מיך אָפּגעשטעלט.

—גיט מיר די האַנט,—האָט זי מיר געזאָגט מיט דער פריערדיקער ליבלעכקייט:—מיר האָבן שוין לאַנג נישט געפּלוידערט.

כ׳האָב אויף איר אַ בליק־געטאָן: אירע אויגן האָבן שטיל געפינקלט, און דאָס געזיכט האָט געשמייכלט, גלייך ווי דורך אַ נעפּל.

—איר זייט נאָך אַלץ נישט געזונט?—האָב איך זי געפרעגט.

—ניין, איצט איז שוין אַלץ פאַרביי,—האָט זי געענטפערט

www.libtool.com.cn

און אָפּגעריסן אַ קליינע רויטע רויז.—כ׳בין אַ ביסל מיד, אָבער ס׳מאַכט נישט אויס.

—און איר וועט ווידער זיין פונקט אַזאַ, ווי פריער?— האָב איך געפרעגט.

זינאַידאַ האָט צוגעטראָגן די רויז צום געזיכט—און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, גלייך ווי דער אָפּשיין פון לויטערע בלום-בלעטעלעך וואָלט געפאַלן אויף אירע באַקן.—צי דען האָב איך זיך פאַרענדערט? האָט זי מיך געפרעגט.

—יאָ, איר האָט זיך פאַרענדערט,—האָב איך שטילערהייט געענטפערט.

—כ׳בין מיט אייך געווען קאַלט—כ׳ווייס,—האָט זינאַידאַ אָנגעהויבן:—אָבער איר האָט נישט באַדאַרפט דערויף קיין אַכט לייגן... כ׳האָב אַנדערש נישט געקאָנט... נו, וואָס זאָלן מיר זוגן דעם ריידן!

—איר ווילט נישט, אַז איך זאָל אייך ליב האָבן—אָט וואָס!—האָב איך אומעטיק אויסגערופן מיט נישט ווילנדיקער איפּבערויזונג.

—ניין, האָט מיך ליב, אָבער נישט אַזוי ווי פריער.

—ווי אַזוי?

—לאָמיר זיין פריינט—אָט ווי אַזוי!—זינאַידאַ האָט מיר געגעבן אַ שמעק־טאָן די רויז.—פאָלגט מיך, איך בין דאָך פיל עלטער פון אייך—כ׳וואָלט דאָך געקאָנט זיין, כמעט, אייער מו-מע; נו, נישט קיין מומע, אַן עלטערע שוועסטער. און איר...

-כ׳בין פאַר אייך אַ קינד,—האָב איך זי איבערגעשלאָגן.

—נו, יאָ, אַ קינד, אָבער אַ ליב, פיין, קלוג קינד, וואָס כ׳האָב זייער ליב. ווייסט איר וואָס? פון היינטיקן טאָג אָן מאַך איך אייך פאַר אַ פּאַזש; און איר פאַרגעסט נישט, אַז פּאַזשן טאָרן זיך נישט אָפּשיידן פון זייערע דאַמען, אָט דאָס

www.libtool.com.cn

איז דער צייכן פון אייער נייעם ערנפּאָסטן,—האָט זי צוגעגעבן אַריינטועענדיק די רויז אין אַ קנאָפּ־לעכל פון מיין קורטקע:—אַ צייכן פון אונזער גנאָד צו דיר.

—איך האָב פון אייך פריער באַקומען אַנדערע חסדים,—האָב איך אַרויסגעמורמלט.

—אַ!—האָט זי־באַ־ידאַ אַרויסגערעדט און אויף מיר אַ בליק־געטאָן פון דער זייט.—סאַראַ זכרון ער האָט! איז וואָס? כ'בין אויך איצטער גרייט...

און אָנבייגנדיק זיך צו מיר, האָט זי מיר אָפּגעפּרעסט אויפן שטערן אַ ריינעם, רויקן קוש.

איך האָב נאָר אַ קוק געטאָן אויף איר, און זי האָט זיך אָפּגעניגט און זאָגנדיק:—„גייט נאָך מיר, מיין פּאַזש",—איז זי אַוועק אין פליגל. איך בין נאָכגעגאַנגען נאָך איר—און געווען אַלץ אין פאַרלעגנהייט. צי דען,—האָב איך מיר געטראַכט.—איז דאָסדאָזיקע מילדע, פאַרשטענדיקע מיידל—יענע זעלביקע זי־נאַידאַ, וועלכע איך האָב געקענט?" אויך איר גאַנג האָט מיר אויסגעוויזן שטילער—איר גאַנצע פיגור מאַיעסטעטישער און שלאַנקער...

און, גאָט מיינער! מיט וואָסער נייער קראַפט האָט זיך אין מיר צעפלאַקערט די ליבע!

## XVI.

נאָך מיטאָג האָבן זיך אין פליגל ווידער צונויפגעזאַמלט געסט—און די יונגע פירשטין איז צו זיי אַרויס. דאָ איז איצט געווען די גאַנצע געזעלשאַפט אין פולן צוזאַמענשטעל, פּונקט ווי אין יענעם ערשטן, אומפאַרגעסלעכן פאַר מיר אָוונט: אַפילו

www.libtool.com.cn

נירמאַצקי איז אויך געקומען צוקריכן; מיידאַנאָוו איז דאָסמאָל געקומען פריער פון אַלעמען—ער האָט מיטגעבראַכט נייע שירים. ס'האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די שפּילן אין פאַנטן, אָבער שוין אָן די פריערדיקע אויסטערלישע המצאות, אָן נאַריש־מאַכן־זיך און טומל—דער ציגיינערישער עלעמענט איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. זינאַידאַ האָט באַשאַפן אין אונזער קרייזל אַ נייע שטימונג. איך בין געזעסן נעבן איר, לויטן רעכט פון אַ פּאַזש. צווישן אַנדערן, האָט זי פאָרגעלייגט, אַז יענער, וועמעס פאַנט עס וועט ווערן אַרויסגענומען, זאָל דערציילן וואָס אים האָט זיך געחלומט, אָבער דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן. די חלומות זיינען אַרויסגעקומען אָדער נישט אינטערעסאַנט (בעלאָוזאָראָוון האָט זיך אויסגעוויזן אין חלום, אַז ער האָט אָנגעקאָרמעט זיין פערד מיט קאַראַשיקעס, און אַז דאָס פערד האָט געהאַט אַ הילצערנעם קאָפּ), אָדער אומנאַטירלעכע, פאַרפאַסטע. מיידאַנאָוו האָט אונז מזכה געווען מיט אַ גאַנצער דערציילונג: דאָ זיינען געווען קברים־מערות, און מלאכים מיט לירעס, און ריידעוודיקע בלומען, און קלאַנגען, שוועבנדיקע פונדערווייטנס. זינאַידאַ האָט אים נישט געלאָזט דערענדיקן. „אויב מ'האָט זיך שוין גענומען צו פאַרפאַסונגען,—האָט זי געזאָגט:—טאָ זאָל יעדער איינער דערציילן וואָס עס איז, אומבאַדינגט אויסגעטראַכטס”.— דעם ערשטן איז אויסגעקומען צו ריידן דעמזעלביקן בעלאָוזאָראָוו.

דער יונגער הוזאַר האָט זיך פאַרלוירן.—איך קאָן גאָרנישט אויסטראַכטן!—האָט ער אויסגעריפן.

—רעדט נישט קיין נאַרישקייטן!—האָט אונטערגעכאַפּט זינאַידאַ.—נו, שטעלט זיך פאָר, למשל, אַז איר זייט אַ באַווייבטער, און דערציילט אונז, ווי אַזוי וואָלט איר פאַרבראַכט די צייט מיט אייער ווייב. איר וואָלט זי פאַרשפּאַרט?

www.libtool.com.cn

—איך וואָלט זי פאַרשפּאַרט.

—און וואָלט אַליין אויך מיט איר געזעסן?

—און וואָלט אַליין אויך מיט איר אומבאַדינגט געזעסן.

—אויסגעצייכנט. נו, און אויב איר וואָלט עס דערעסן, און זי וואָלט אייך פאַרראַטן?

—וואָלט איך זי דערהרגעט:

—און אויב זי וואָלט אַנטלאָפן?

—וואָלט איך זי דעריאָגט, און פונדעסטוועגן דערהרגעט.

—אַזוי. נו, לאָמיר זאָגן, איך וואָלט געווען אייער ווייב, וואָס וואָלט איר דאַן געטאָן?

—בעלאָוואָראָוו האָט צוגעשוויגן.—איך וואָלט זיך דער־הרגעט.

זינאַידאַ האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.—איך זע, בײַ אייך איז קורץ און שאַרף.

דער צווייטער פאַנט איז אַרויס זינאַידאַס. זי האָט אויפ־געהויבן די אויגן צום סופיט און זיך פאַרקלערט.—אָט, הערט זיך איין—האָט זי לסוף אָנגעהויבן.—מיר איז איינגעפאַלן... שטעלט אייך פאָר אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ, אַ זומער־נאַכט און אַ וואונדער־באַרן באַל. דעמדאָזיקן באַל גיט די יונגע קעניגין. אומעטום איז גאָלד, מאַרמאָר, קרישטאָל, זייד, פייערן, אַלמאַזן, בלומען, רויכערייַ, אַלע קאַפּריזן פון לוקסוס.

—איר האָט ליב לוקסוס?—האָט זי לושין איבערגעשלאָגן.

—לוקסוס איז שיין,—האָט זי געענטפערט:—כ׳האָב ליב אַלעס שיינעס.

—מער פון פּרעכטיקס?—האָט ער געפרעגט.

—דאָס איז עפּעס כיטרע, כ׳פאַרשטיי נישט. שטערט מיר נישט. אַלזאָ, דער באַל איז אַ הערלעכער. געסט אַ ים, אַלע זיינען זיי יונג, שיין, טאַפּער, אַלע זיינען ביז שגעון פאַר־

www.libtool.com.cn

ליבט אין דער קעניגין.

—קיין פרויען זיינען נישטאָ צווישן די געסט?—האָט מאַלעווסקי געפרעגט.

—ניין—אָדער ווארט—פאַראַן.

—אַלץ נישט קיין שיינע?

—אמתע יפת־תוארס. אָבער אַלע מענער זיינען פאַרליבט אין דער קעניגין. זי איז הויך און שלאַנק. אויף אירע שוואַרצע האָר טראָגט זי אַ קליינינקעם גאָלדענעם דיאַדעם.

כ'האָב אַ קוק־געטאָן אויף זינאַידאַן—און אין דער רגע האָט זי מיר אויסגעוויזן אויף אַזוי פיל העכער פון אונז אַלעמען, פון איר ווייסן שטערן, פון אירע אומבאַוועגלעכע ברעמען האָט געווייט מיט אַזאַ קלאָרן פאַרשטאַנד און מיט אַזאַ מאַכט, אַז איך האָב אַ קלער־געטאָן: „דו אַליין ביסט עס די קעניגין!"

—אַלע שטופן זיך אַרום איר,—האָט זינאַידאַ ווייטער גערעדט:—אַלע פאַרשווענדן פאַר איר די סאַמע חניפהדיקסטע ווערטער.

—און זי האָט ליב חניפה?—האָט לושין געפרעגט.

—סאַראַ אומדערטרעגלעכער מענטש! ער שלאָגט אַלץ איבער... ווער האָט עס נישט ליב קיין חניפה?

—נאָך איינע, די לעצטע פראַגע,—האָט באַמערקט מאַלעווסקי:—די קעניגין האָט אַ מאַן?

—כ'האָב וועגן דעם אַפילו נישט געטראַכט. גיין, צו וואָס אַ מאַן?

—אוודאי,—האָט אונטערגעכאַפט מאַלעווסקי:—צו וואָס אַ מאַן?

— Silence!*) האָט אויסגערופן מיידאַנאָוו, וועלכער האָט

*) שטילער.

www.libtool.com.cn

שלעכט געמאַלטע פראַנצויזיש.

—מערסי,—האָט אים זינאַידאַ געזאָגט.—אַלזאָ, די קעניגין הערט אויס די אַלע רייד, הערט די מוזיק, אָבער זי קוקט נישט אויף קיינעם נישט פון די געסט. זעקס פענסטער זיינען פאַנאַנדערגעעפנט פון אויבן ביז אונטן, פון סופיט ביז דער דיל, און הינטער זיי איז אַ טונקעלער הימל מיט גרויסע שטערן, און אַ טונקעלער גאָרטן מיט גרויסע ביימער. די קעניגין קוקט אַרויס אין גאָרטן. דאָרט, ביי די ביימער, איז אַ פאָנטאַן: ער ווייסלט זיך אין דעם חושך—אַ לאַנגער, לאַנגער, ווי אַ געשפענסט. די קעניגין הערט, דורך די רייד און מוזיק, דאָס שטילע פּלעט־ששערן פונם וואַסער. זי קוקט און טראַכט: איר אַלע, מיינע הערן, זייט פיין, קלוג, רייך, איר האָט מיך אַרומגערינגלט, ביי אייך איז מיין יעדעס וואָרט טייער, איר זייט אַלע גרייט ביי מיינע פיס צו שטאַרבן, איך געוועלטיק איבער אייך... אָבער דאָרט, נעבן פאָנטאַן, נעבן דעמדאָזיקן פּלעטשערנדן וואַסער, שטייט און וואַרט אויף מיר יענער, וועמען איך האָב ליב, ווער עס געוועלטיקט איבער מ׳ר. יענער טראָגט נישט קיין רייכע קליידער, נישט קיין טייערע שטיינער, קיינער קען אים נישט, אָבער ער וואַרט אויף מיר און איז זיכער, אַז כ׳וועל קומען—און כ׳וועל טאַקע קומען, און ס׳איז גאָר נישטאָ אַזאַ מאַכט, וואָס זאָל מיך אָפּהאַלטן, בעת כ׳וועל וועלן גיין צו אים, און פאַרבלייבן מיט אים, און פאַרלירן זיך מיט אים דאָרט, אין טונקל פונם גאָרטן, אונטערן שאָרך פון די ביימער, אונטערן פּלעטשערן פון פאָנטאַן...

זינאַידאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן.

—דאָס איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה?—האָט מאַלעווסקי כיטרע געפרעגט.

זינאַידאַ האָט אַפילו נישט אַ קוק־געטאָן אויף אים.

www.libtool.com.cn

—און וואָס וואָלטן מיר געטאָן, מיינע הערן,—האָט פּלוצלינג לושין גענומען ריידן:—ווען מיר וואָלטן געוועזן צווישן די געסט און געוווסט וועגן דעמדאָזיקן גליקלעכן בײַם פּאָנטאַן?

—שטייט, שטייט,—האָט זינאַידאַ איבערגעריסן:—איך וועל אייך אַליין זאָגן, וואָס יעדער פון אייך וואָלט געטאָן. איר, בעלאָוואָזאָראָוו, וואָלט אים אַרויסגערופן אויף אַ דועל; איר, מיידאַנאָוו, וואָלט אויף אים אָנגעשריבן אַן עפּיגראַם... איבעריקנס, ניין—איר קאָנט נישט שרייבן קיין עפּיגראַמען: איר וואָלט אויף אים פאַרפאַסט אַ לאַנגן יאַמב, אויף דעם אופן ווי באַרביע, און וואָלט אָפּגעדרוקט אייער ווערק אין „טעלעגראַף”. איר, נירמאַצקי, וואָלט בײַ אים געדונגען... ניין, איר וואָלט אים געגעבן געלט־הלוואות אויף פּראָצענט; איר, דאָקטאָר...—זי האָט זיך אָפּגעשטעלט...—אָט, וועגן אייך ווייס איך נישט, וואָס איר וואָלט געוועזט געטאָן.

—לויטן באַרוף פון אַ לייב־מעדיקער,—האָט לושין געענטפערט:—וואָלט איך געראַטן דער קעניגין, נישט צו געבן קיין בעלער, ווען די געסט גייען איר נישט אָן...

—אפשר וואָלט איר גערעכט געווען. און איר, גראַף?...

—און איך?—האָט מאַלעווסקי איבערגעחזרט מיט זיין נישט־גוטן שמייכל...

—און איר וואָלט אים אונטערגעטראָגן אַ פאַרגיפטע קאָנפעטקע.

מאַלעווסקיס פּנים האָט זיך לייכט פאַרקרימט און האָט אָנגענומען אַ...*) אויסדרוק, אָבער באַלד האָט ער זיך צעלאַכט.

—וואָס אָנבאַלאַנגט אייך, וואָלדעמאַר...—האָט זינאַידאַ ווײַ־

---

*) אין אָריגינאַל איז דער שם־התואר: ...ЖИДОВСКОЕ א. ז.

www.libtool.com.cn

טער גערעדט:—איבעריקנס גענוג; לאָמיר שפּילן אין אַן אַנ־דער שפּיל.

—מעסיע וואָלדעמאַר, אַלס פּאַזש ביי דער קעניגין, וואָלט געהאַלטן איר שלייף, בעת זי וואָלט געלאָפן אין גאָרטן,—האָט מאַלעווסקי גיפטיק באַמערקט.

איך האָב זיך אָנגעצונדן, אָבער זינאַידאַ האָט מיר פלינק אַ לייג-געטאָן די האַנט אויף דער פּלייצע און, אונטערהייבנדיק זיך, האָט זי מיט אַ לייכט ציטערנדער שטים אַרויסגערעדט:— איך האָב קיינמאָל נישט געגעבן אייער דורכלויכט קיין רעכט צו זיין פרעך, און דעריבער בעט איך אייך אַוועקצוגיין.—

און זי האָט אים אָנגעוויזן אויף דער טיר.

—אַנטשולדיקט, פּירשטין,—האָט מאַלעווסקי אַרויסגעמורמלט און איז אינגאַנצן בלאַס געוואָרן.

—די פּירשטין איז גערעכט,—האָט אויסגערופן בעלאָוואָ־ראָוו און זיך אויך אויפגעהויבן.

—ביי גאָט, כ'האָב עס בשום אופן נישט דערוואַרט,—האָט מאַלעווסקי ווייטער גערעדט:—אין מיינע ווערטער, דוכט זיך, איז גאָרנישט געווען אַזעלכעס... כ'האָב אַפּילו אין זינען נישט געהאַט אייך צו באַליידיקן... זייט מיר מוחל.

זינאַידאַ האָט אויף אים אַ וואָרף־געטאָן אַ קאַלטן בליק און קאַלט אַ לאַך־געטאָן.

—ביטע, בלייבט,—האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ נאַכלעסי־קער האַנט־באַוועגונג:—איך מיט מעסיע וואָלדעמאַרן זיינען בחנם בייז געוואָרן. אייך זיינען אָנגענעם איירע שטעכווערט־לעך... זאָל אייך זיין צו געזונט.

—אַנטשולדיקט מיר,—האָט מאַלעווסקי נאָכאַמאָל איבערגע־חזרט; און איך, דערמאָנענדיק זיך זינאַידאַס באַוועגונג, האָב אויפסניי אַ קלער־געטאָן, אַז אַן אמתע קעניגין וואָלט נישט גע־

www.libtool.com.cn

קאָנט מיט גרויס ווירדע ווייזן דעם פּרעכֿן די טיר.

דאָס פּאַנטאָן־שפּיל איז שוין נישט לאַנג געגאַנגען נאָך דערדאָזיקער קליינער סצענע; אַלעמען איז אַ ביסל געוואָרן אומבאַקוועם, נישט אַזוי פון דער סצענע גופא, ווי פון עפּעס אַן אַנדערן, נישט אינגאַנצן קלאָרן, אָבער שווערן געפיל. קיי־נער האָט וועגן דעם געפיל נישט גערעדט, אָבער איטלעכער האָט עס דערקענט אין זיך און אין זיין שכן. מיידאַנאָוו האָט אונז דורכגעלייענט זיינע שירים—און מאַלעווסקי האָט זיי אויפ־געכאַפּט מיט איבערגעטריבענער היץ.

—ווי עס ווילט זיך אים איצט ווייזן פאַר אַ גוטן; האָט מיר לושין איינגערוימט.

מיר זענען זיך גיך פונאַנדערגעגאַנגען. אויף זינאַידאַן איז פּלוצלינג אָנגעפאַלן אַ פאַרטראַכטקייט; די אַלטע פירשטין האָט אַרויסגעשיקט זאָגן, אַז דער קאָפּ טוט איר וויי; נירמאַצ־קי האָט זיך גענומען באַקלאָגן אויף זיין רעוומאַטיזם...

איך האָב לאַנג נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן, ס'האָט מיך איבערראַשט זינאַידאַס דערציילונג.—צי דען איז אין דעם פאַראַן אַ רמז?—האָב איך זיך אַליין געפרעגט:—און אויף וועמען, אויף וואָס האָט זי געגעבן אָנצוגעהערן? און אויב ס'איז טאָקע פאַראַן אויף וואָס צו געבן אָנצוגעהערן... ווי זשע אַנט־שליסט מען זיך? ניין, ניין, ס'קאָן נישט זיין,—האָב איך גע־פּליסטערט, איבערדרייענדיק זיך פון איין גליענדיקער באַק אויף דער צווייטער... אָבער כ'האָב זיך דערמאָנט זינאַידאַס אויסדרוק פונם געזיכט בשעת איר דערציילן... כ'האָב זיך דער־מאָנט דעם אויסגעשריי, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן ביי לו־שינען אין ניעסקוטשני־גאָרטן, די פּלוצלינגע ענדערונגען אין איר באַנעמען זיך מיט מיר—און האָב זיך פאַרלוירן אין באַ־שיידונגען. „ווער איז ער?" דידאָזיקע דריי ווערטער זענען ווי־

www.libtool.com.cn

געשטאַנען פאַר מיינע אויגן, אָנגעצייכנטע אין דער פינסטער; -גלייך ווי אַ נידעריקער, בייזער וואָלקן וואָלט זיך געווען אי־בער מיר אויפגעהאָנגען—און איך האָב געשפּירט זיין דריקן און געוואַרט, אַז אָט-אָט וועט ער צעשמעטערט ווערן. צו אַ סך זאַכן בין איך די לעצטע צייט געוויינט געוואָרן, אויף אַ סך זאַכן האָב איך זיך אָנגעקוקט ביי די זאַסעקינס; זייער אָפּגע־לאָזנקייט, די חלבנע ליכטלעך, די צעבראָכענע מעסערס און גאָפּלען, דער טרויעריקער וואָניפּאַטי, די אָפּגעקראָכענע דינסטן, די מאַניערן פון דער פירשטין גופא—דאָסדאָזיקע גאַנצע אויס־טערלישע לעבן האָט מיך שוין מער נישט איבערראַשט... אָבער צו דעם, וואָס כ׳האָב איצט נעבלהאַפט געזען אין זינאַידאַן,— האָב איך זיך נישט געקאָנט צוגעוויינען... אַן אַוואַנטוריסטין,—האָט וועגן איר אַמאָל מיין מוטער געזאָגט. זי—אַן אַוואַנטוריסטין, זי, מיין אָפּגאָט, מיין גאָטהייט! דערדאָזיקער נאָמען האָט מיך גע־בריט, כ׳האָב זיך באַמיט צו אַנטלויפן פון אים אין קישן, כ׳בין געוואָרן אויפגעבראַכט—און אין דערזעלביקער צייט וואָלט איך אויף אַלץ אין דער וועלט איינגעגאַנגען, כ׳וואָלט אַלץ אַוועק־געגעבן, אַבי נאָר צו זיין יענער גליקלעכער ביים פאָנטאַן!...

דאָס בלוט האָט זיך אין מיר אָנגעצונדן און געזעצט. „גאָרטן... פאָנטאַן..."—האָב איך מיר געקלערט... — „לאָמיר אָקאָרשט אַריבערגיין אין גאָרטן." כ׳האָב זיך געשיקט אָנגעטאָן און אַרויסגעמאַכט זיך פון שטוב. די נאַכט איז געווען אַ טונ־קעלע, די ביימער האָבן קוים געפליסטערט; פון הימל איז געפאַלן אַ שטילע קילקייט, פון גאָרטן האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון קראָפּ. כ׳בין דורכגעגאַנגען אַלע אַלעען; דער גרינגער קלאַנג פון מיינע טריט האָט מיך אי צעמישט, אי אויפגעמונ־טערט; איך האָב זיך אַלע וויילע אָפּגעשטעלט, געוואַרט און זיך צוגעהערט, ווי מיין האַרץ האָט געקלאַפּט—שטאַרק און שנעל.

www.libtool.com.cn

לסוף האָב איך זיך דערנענטערט צום פּאַרקאַן און זיך אָנגעלענט אָן אַ יונגן דינעם שטאַנג. מיטאַמאָל—צי האָט זיך עס מיר אויסגעדוכט?—עטלעכע טריט פון מיר האָט זיך אַ ווייז-געטאָן אַ פרויען־פיגור... כ׳האָב אָנגעשטרענגט געצילט מיין בליק אין דער פינסטערניש און דעם אָטעם איינגעהאַלטן. וואָס איז דאָס אַזוינס? צי הער איך עס טריט—אָדער קלאַפּט עס ווידער מיין האַרץ?—ווער איז דאָ?—האָב איך אַרויסגעשטאַמלט קוים צו הערן. וואָס איז עס ווידער? אַ פאַרשטיקט געלעכטער?... אָדער אַ שאָרך צווישן די בלעטער... אָדער אַ קרעכץ איבערן סאַמע אויער? מיר איז געוואָרן שרעקלעך...—ווער איז דאָ?—האָב איך נאָך שטילער איבערגעחזרט.

די לופט האָט אויף אַ רגע אַ ריזל-געטאָן; איבערן הימל האָט אַ לייכט־געטאָן אַ פייערדיק שטרייפל: אַ שטערן איז אַראָפּגעזונקען.—זינאַידאַ?—האָב איך געוואָלט פרעגן, אָבער דער קלאַנג איז אָפּגעשטאָרבן אויף מיינע ליפּן. און מיטאַמאָל איז אַלץ אַרום געוואָרן טיף ריידלאָז, ווי דאָס טרעפט אָפט אין מיטן נאַכט... אַפילו די גראָזשפּרינגערס האָבן אויפגעהערט צו גרילצן אין דיביימער—בלויז אַ פענסטער האָט ערגעץ אַ קלימפּער־געטאָן. איך בין געשטאַנען, געשטאַנען, ביז וואַנען כ׳האָב זיך אומגעקערט צו זיך אין צימער אַריין, צו מיין אָפּגעקעלטערטן געלעגער. כ׳האָב געשפּירט אַ משונהדיקע אויפרעגונג: גלייך ווי כ׳וואָלט געגאַנגען אויף אַ זעונג—און געבליבן אַן איינזאַמער און דאַן פאַרבייגעגאַנגען נעבן אַ פרעמד גליק.

## XVII.

דעם אַנדערן טאָג האָב איך געזען זינאַידאַן בלויז פאַר-

www.libtool.com.cn

בייגייענדיק: זי איז געפאָרן ערגעץ מיט דער פירשטין אויף
אַ דראָזשקע. דערפאַר האָב איך געזען לושינען, וועלכער האָט,
קוים באַערט מיט אַ גרוס, און מאַלעווסקין. דער יונגער גראַף
האָט אַ לאַך־געטאָן און פריינטלעך גענומען צו מיר ריידן. פון
די אַלע באַזוכער אינם פליגל האָט בלויז ער איינער געקאָנט
זיך אַריינדרייען צו אונז אין שטוב און האָט נושא־חן געווען
ביי מיין מוטער. דער פאָטער האָט אים נישט געהאַט אַזוי גערן
און איז זיך מיט אים באַגאַנגען העפלעך ביז צו באַליידיקונג.

Ah, monsieur le page*)—האָט מאַלעווסקי אָנגעהויבן: עס
פרייט מיך זייער אייך צו זען. וואָס טוט אייער פרעכטיקע קעניגין?

זיין פריש, שיין פנים איז מיר אין דער מינוט געווען
אַזוי עקלהאַפט—און ער האָט געקוקט אויף מיר אַזוי פאַראַכטנד־
שפּילעוודיק, אַז איך האָב אים לגמרי נישט געענטפערט.

—איר זייט אַלץ אין גרימצאָרן?—האָט ער ווייטער גע־
רעדט:—בחנם. נישט איך האָב דאָך אייך אָנגערופן פאַזש, און
פאַזשן זיינען פאַראַן הויפּטזעכלעך ביי קעניגינס. נאָר דערלויבט
מיר אייך צו באַמערקן, אַז איר דערפילט שלעכט אייער פליכט.

—ווי אַזוי?

—פאַזשן דאַרפן זיין שטענדיק ביי זייערע געביטערינס;
פאַזשן דאַרפן וויסן אַלצדינג, וואָס זיי טוען, זיי דאַרפן אַפילו
אויף זיי אַכטונג געבן,—האָט ער צוגעגעבן מיט אַ נידעריקערער
שטים:—ביי טאָג און ביי נאַכט.

—וואָס ווילט איר זאָגן?

—וואָס איך וויל זאָגן? כ'דריק זיך אויס, דוכט, גענוג
קלאָר. בייטאָג—און ביינאַכט. בייטאָג איז נאָך ווי עס איז;
בייטאָג איז ליכטיק און באַמענטשט; ביינאַכט אָבער—דאָ קאָנסטו
פונקט וואַרטן אויף אַ צרה. מיין עצה, איר זאָלט נישט שלאָפן

*) אַ, הער פאַזש.

www.libtool.com.cn

אין די נערט און אַכטונג געבן, אַכטונג געבן ווי ווייט איר קאָנט נאָר. געדענקט—אין גאָרטן, ביינאַכט,ביים פּאָנטאַן—אָט ווי מען דאַרף היטן. איר וועט מיר זאָגן אַ דאַנק.

מאַלעווסקי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און זיך אומגעדרייט צו מיר מיטן רוקן. ער האָט, אפנים, נישט צוגעגעבן קיין באַזונדערע באַדייטונג צו דעם. וואָס ער האָט מיר געזאָגט; ער האָט פאַרמעגט אַ רעפּוטאַציע פון אַן אויסגעצייכנטן מיסטיפיקאַטאָר און געשמט מיט זיין פעיקייט צו פאַרדרייען מענטשן די קעפּ אויף מאַסקאַראַדן! דערצו האָט מיטגעהאָלפן יענע, כמעט אומבאַוווסטזיניקע ליגנערישקייט, מיט וועלכער ס'איז געווען דורכגעדרונגען זיין גאַנץ וועזן... ער האָט זיך נאָר געוואָלט אַ רייץ-טאָן מיט מיר; אָבער זיין יעדעס וואָרט איז ווי אַ גיפט דורכגעגאַנגען איבער אַלע מיינע אָדערן. דאָס בלוט האָט מיר אין קאָפּ אַ זעץ-געטאָן. „אַ! אָט וואָס! האָב איך זיך אַליין געזאָגט:—גוט! הייסט עס, נישט בחנם האָט מיך געצויגן אין גאָרטן! דאָס טאָר נישט געשען!"—האָב איך הויך אויסגערופן און אַ קלאַפּ-געטאָן זיך מיט דער פויסט אין ברוסט, כאָטש כ'האָב אייגנטלעך נישט געוווסט—וואָס עס טאָר נישט געשען.—„צי מאַלעווסקי גופא וועט באַווייזן אין גאָרטן,—האָב איך געקלערט (ער האָט זיך, אפשר, אויסגעפּלוידערט: ף'אַזאַ חוצפּה איז ער אויך מסוגל). צי עמעצער אַנדערש—(דער צוים אַרום אונזער גאָרטן איז געווען זייער אַ נידעריקער און ס'האָט גאָר נישט געקאָסט קיין מי אַריבערצוקלעטערן איבער אים)—אָבער קיין המוציא מיט האָניק וועט שוין יענער נישט האָבן, ווער ס'וועט זיך מיר אָנטרעפן! איך ראַט קיינעם נישט צו טרעפן זיך מיט מיר! כ'וועל ווייזן דער גאַנצער וועלט און איר, דער פאַררעטערין (כ'האָב זי טאַקע אָנגערופן פאַררעטערין)—אַז איך קאָן נקמה נעמען!"

www.libtool.com.cn

כ׳האָב מיך אומגעקערט צו זיך אין צימער, האָב אַרויס־
גענומען פון שרייב־טיש דאָס נישט־לאַנג געקויפטע ענגלישע
מעסערל, האָב עס אָנגעטאַפּט דעם שאַרף און, קנייטשנדיק מיט
די ברעמען, האָב איך עס מיט אַ קאַלטער און קאָנצענטרירטער
אַנטשלאָסנקייט אַריינגעשטעקט צו זיך אין דער טאַש, גלייך
ווי צו טאָן אַזעלכע מיני זאַכן איז ביי מיר געווען נישט אויס־
טערליש און נישט צום ערשטן מאָל. דאָס האַרץ אין מיר האָט
זיך בייז געהויבן און איז פאַרשטיינט געוואָרן; ביז ביינאַכט
האָב איך די ברעמען נישט פאַנאַנדערגערוקט און די ליפּן
נישט אויפגעריסן, און בין כסדר אומגעגאַנגען היין און צוריק,
דריקנדיק מיט דער האַנט אין דער טאַש דאָס צעהיצטע מע־
סער, און האָב זיך באַצייטנס מכין געווען צו עפּעס גרויזאַמס.
דידאָזיקע נייע, נאָך נישט־געוועזענע עמפּינדונגען האָבן מיך
אַזוי שטאַרק פאַרנומען און אַפילו אויפגעמונטערט, אַז וועגן
זינאַידאַן האָב איך אייגנטלעך ווייניק געטראַכט. מיר האָט זיך
אַלץ געפּלאָנטערט אין קאָפּ:—אַלעקאָ, דער יונגער ציגיינער—
„וווהין, דו בחור שיינער?—ליג...״, און נאָכדעם: (זעמפּירא)
„אינגאַנצן ביסט פאַרשפּריצט מיט בלוט!... אָ, וואָס האָסטו גע־
טאָן? (אַלעקאָ) גאָרנישט! *) מיט וואָס פאַראַ גרויזאַם שמייכע־
לע האָב איך עס איבערגעחזרט דאָס: גאָרנישט! דער פאָטער
איז אינדערהיים נישט געווען; נאָר מיין מוטער, וועלכע האָט
זיך זינט אַ געוויסער צייט געפונען אין אַ מצב פון אַ כמעט
שטענדיקער טויבער אויפרעגונג, האָט געווענדט איר אויפמערק־
זאַמקייט אויף מיין פאַטאַל אויסזען און ביים אָוונטברויט מיר
געזאָגט:—וואָס בלאָזטו זיך ווי אַן אינדיק?—איך האָב איר בלויז

---

*) פּערזן פון פּושקינס „ציגיינער״. א. ז.

www.libtool.com.cn

געענטפערט מיט אַ נאָכגיביקן שמייכל און בעת מעשה געקלערט:
„ווען זיי וואָלטן געוווּסט!" דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן
עלף; כ'בין אַוועק צו זיך, האָב מיך אָבער נישט אויסגעטאָן;
כ'האָב געוואַרט אויף האַלב־נאַכט; לסוף האָט אויך די האַלב־
נאַכט־שעה געשלאָגן. „שוין צייט!" האָב איך אַ פליסטער־געטאָן
דורך די ציין און, צוקנעפּלענדיק זיך ביז אין דער הויך,
פאַרקאַשערנדיק אַפילו די אַרבל, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט
אין גאָרטן.

כ'האָב שוין פאָרויס זיך אויסגעווײלט אַן אָרט, ווו צו
היטן. אין עק גאָרטן, דאָרט, ווו דער פּאַרקאַן, וועלכער טיילט
אָפּ אונזער נחלה פון זאַסעקינס, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער
אַלגעמיינער וואַנט, איז געוואָקסן אַן איינזאַמער יעלאָווער בוים.
שטייענדיק אונטער זיינע נידריקע, געדיכטע צווייגן, האָב איך
גוט געקאָנט זען, אויף וויפל די נאַכט־טונקלקייט האָט דער־
לויבט, וואָס עס איז אַרום פאָרגעקומען; דאָ האָט זיך אויך
געפלאָכטן דאָס שטעגל, וואָס האָט מיר שטענדיק אויסגעוויזן
געהיימניספול: ווי אַ שלאַנג איז עס אונטערגעקראָכן אונטערן
פּאַרקאַן, וועלכער האָט אין דעם אָרט געהאַט שפּורן פון אי־
בערגעקראָכענע פוס-טריט; דאָס שטעגל האָט געפירט צו דער
קיילעכדיקער אַלטאַנקע פון געדיכטע אַקאַציעס. כ'האָב זיך
פאַרקליבן ביזן יעלאָוון בוים, זיך צוגעטוליעט צו זיין שטאַם
און אָנגעהויבן היטן.

די נאַכט איז געווען אַזאַ שטילע, ווי נעכטן; נאָר אויפן
הימל זיינען געווען ווייניקער וואָלקנס—און די קאָנטורן פון די
הויכע בלומען אַפילו, האָבן זיך קלערער אָנגעזען. די ערשטע
רגעס פון דערוואַרטונג זיינען געווען שווערע, כמעט שרעקלע-
בע. איך האָב זיך אַנטשלאָסן אויף אַלץ, האָב נאָר געקלערט:
ווי זאָל איך זיך באַגיין? צי זאָל איך אַ דונער-טאָן: וווהין

www.libtool.com.cn

גייסטו? שטיי! זיי זיך מודה—אָדער אַ טויט!"—אָדער פּשוט
דערשלאָגן... יעדער קלאַנג, יעדער שאָרך און ריר האָט מיר
אויסגעוויזן גרויס, אומגעווײנלעך... כ'האָב זיך פאַרבעריייט...
כ'האָב זיך אָנגעבויגן פאָרויס... ס'איז אָבער פאַרביי אַ האַלבע
שעה, אַ שעה: מיין בלוט האָט זיך איינגעשטילט, אָפּגעקילט;
דאָס באַוווּסטזיין, אַז כ'טו דאָס אַלץ אומזיסט, אַז כ'בין אַפילו
אַ ביסל לעכערלעך, אַז מאַלעווסקי האָט פון מיר חוזק געמאַכט
—האָט זיך אָנגעהויבן אַריינגנבענען אין מיין נשמה. כ'האָב
אַוועקגעוואָרפן מיין וואַך־פּלאַץ און בין דורכגעגאַנגען דעם
גאַנצן גאָרטן. ווי צולהכעיס, איז ערגעץ נישט געווען צו הערן
דאָס קלענסטע גערויש. אַלץ האָט גערוט; אַפילו אונזער הונט
איז געשלאָפן אַן אויפגעדרייטער ווי אַ קנויל ביים טירל. כ'האָב
אַרויפגעקלעטערט אויף דער מפּולת פון דער אָראַנזשעריע, דער־
זען פאַר זיך אַ ווייט פעלד, דערמאָנט זיך די באַגעגניש מיט
זינאַידאַן און האָב זיך פאַרטיפט אין רעיונות...

כ'האָב אַ ציטער־געטאָן... ס'האָט זיך מיר געדוכט אַ סקריפּ
פון אַ געעפנטער טיר, נאָכדעם אַ לייכטער קנאַק פון אַן אי־
בערגעבראָכן צווייגל. כ'האָב זיך מיט אַ שפרונג אַראָפּגע־
לאָזט פון דער מפּולת—און פאַרבליבט געוואָרן אויפן אָרט. שנע־
לע, לייכטע, אָבער פאָרזיכטיקע טריט האָבן זיך דייטלעך גע־
טראָגן אין גאָרטן. די טריט האָבן זיך דערנענטערט צו מיר.
„אָט איז ער... אָט איז ער לסוף!" איז מיר אַדורכגעלאָפן
איבערן האַרץ. כ'האָב ציטערדיק אַרויסגענומען דאָס מעסער פון
טאַש, ציטערדיק עס אויפגעמאַכט—און עפּעס רויטע פונקן האָבן
זיך גענומען דרייען ביי מיר אין די אויגן, פון פּחד און שלעכט־
קייט האָבן זיך אויפן קאָפּ די האָר אַ ריר געטאָן... די טריט
האָבן זיך געווענדט גלייך אויף מיר—האָב איך זיך איינגע־
בויגן און געצויגן זיך זיי אַנטקעגן... ס'האָט זיך געוויזן אַ

www.libtool.com.cn

מענטש... גאָט מיינער! דאָס איז מיין פאָטער געווען!

כ׳האָב אים תּיכף דערקענט, כאָטש ער האָט זיך אינ־גאַנצן אַרומגעהילט אין אַ טונקעלן מאַנטל און דעם הוט אַראָפּ־געררוקט אויפן פּנים. ער איז פאַרבייגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער. ער האָט מיך נישט באַמערקט, כאָטש קיין שום זאַך האָט מיך נישט פאַרשטעלט, כ׳האָב זיך אָבער אַזוי איינגע־קאָרטשעט און אויפגעדרייט, אַז כ׳האָב זיך, דוכט, אויסגעגלייכט מיט דער סאַמע ערד. דער אייפערזיכטיקער און גרייטער אויף אַ מאָרד אָטעלאָ איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שי־לער־יינגל... כ׳האָב זיך אַזוי שטאַרק דערשראָקן פאַר מיין פאָ־טערס אומגעריכטן אָנקומען, אַז אין די ערשטע מינוטן האָב איך אַפילו נישט באַמערקט, פונוואַנען ער איז געגאַנגען און וווהין ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. ערשט דאַן האָב איך זיך אויסגעגלייכט און אַ קלער־געטאָן: „צו וואָס גייט עס עפּעס אום דער פאָטער איבערן גאָרטן״,—בעת אַרום איז פון ס׳ניי שטיל געוואָרן. פון שרעק האָב איך דעם מעסער אַראָפּגעלאָזט אין גראָז און האָב אים אַפילו נישט גענומען זוכן. כ׳האָב זיך מוראדיק געשעמט. מיט איין מאָל בין איך געוואָרן אויסגע־ניכטערט. אומקערנדיק זיך אַהיים, בין איך, פונדעסטוועגן, צו־געגאַנגען צו מיין בענקעלע אונטערן בוזינאַ־קוסט און אַ בליק־געטאָן אויפן פענסטער פון זינאַידאַס שלאָפצימער. די נישט־גרויסע, אַ ביסל אויסגעבויגענע שויבן פונם פענסטער האָבן זיך טריב געבלויט ביים שוואַכן שיין, וואָס איז געפאַלן פונם נאַכ־טיקן הימל. פלוצלינג—זייער קאָליר האָט זיך גענומען בייטן... הינטער די שויבן—כ׳האָב עס געזען, געזען באַשיינפערלעך—האָט זיך פאָרזיכטיק און שטיל אַראָפּגעלאָזט אַ ווייסלעכער שטאָר, אַראָפּגעלאָזט זיך ביזן אונטערשטן טייל פונם פענסטער—און אַזוי איז ער געבליבן אומבאַוועגלעך.

www.libtool.com.cn

—וואָס איז דאָס עפּעס?—האָב איך אַרויסגערעדט אויפֿן קול, כּמעט נישט-ווילנדיק, בעת כ׳האָב זיך ווידער געפֿונען אין מיין חדר.—איז עס אַ חלום, אַ צופֿעליקייט, אָדער... די השערות, וועלכע זיינען מיר פּלוצלינג געקומען אין קאָפּ, זיינען געווען אַזוי ניי און משונהדיק, אַז כ׳האָב זיך זיי נישט געוואַגט אי־בערצוגעבן.

# XVIII.

כ׳בין אויפגעשטאַנען אינדערפרי מיט קאָפּ-ווייטאָג. די בעכטיקע אויפרעגונג איז פאַרביי. זי האָט זיך פאַרביטן מיט אַ שווערער פאַרלעגנהייט און מיט עפּעס אַזאַ נאָך נישט-געוועזע-נעם אומעט—גלייך ווי אין מיר וואָלט עפּעס געשטאָרבן.

—וואָס זעט איר עפּעס אויס ווי אַ קראַנקער, ביי וועמען מ׳האָט אַרויסגענומען אַ האַלבן מאַרך?—האָט מיר לושין געזאָגט ביים טרעפֿן-זיך מיט מיר. ביים פרישטיק האָב איך בגנבה גע־קוקט דאָ אויפֿן פאָטער, דאָ אויף דער מוטער: ער איז גע־ווען רויק, ווי געוויינלעך; זי, ווי איר שטייגער, האָט זיך אין האַרצן געערגט. כ׳האָב געוואַרט, צי דער פאָטער וועט זיך מיט מיר נישט צערעדן פריינטלעך, ווי דאָס האָט מיט אים אַמאָל פּאַסירט... אָבער ער האָט מיך אַפּילו נישט אַ צערטל־געטאָן מיט זיין אַלטעגלעכער, קאַלטער צערטלעכקייט. „דער־ציילן אַלץ זינאַידאַן?" האָב איך אַ קלער־געטאָן... „ס׳איז דאָך שוין אַלציינס—אַלץ געענדיקט צווישן אונז". כ׳בין צו איר אַוועק, אָבער נישט בלויז כ׳האָב איר גאָרנישט דערציילט—אַפּילו אַ שמועס-טאָן מיט איר איז מיר נישט געלונגען, ווי ס׳וואָלט זיך געגלוסט. צו דער פירשטין איז געקומען צופֿאָרן פון פּעטער־

www.libtool.com.cn

בורג אויף די פעריען איר אייגענער זון, אַ קאַדעט, פון אַ יאָר צוועלף; זינאַידאַ האָט מיר תּיכף באַאויפטראַגט איר ברודער.— אָט האָט איר–האָט זי געזאָגט:—מיין טייערער וואָלאָדיאַ (דאָס ערשטע מאָל האָט זי מיך אַזוי אָנגערופן), אַ חבר. אים רופט מען אויך וואָלאָדיאַ. ביטע, קריגט אים ליב; ער איז נאָך אַ פריץ, אָבער ער פאַרמאָגט אַ גוט האַרץ. ווייזט אים ניעסקוטש-ני, שפּאַצירט מיט אים, נעמט אים אונטער אייער שוץ. נישט אמת, איר וועט עס טאָן? איר זייט אויך אַזאַ גוטער!–זי האָט מיר אַוועקגעלייגט ליבלעך ביידע הענט אויף דער פּלייצע–און כ'האָב זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. דאָס אָנקומען פונם דאָזיקן ייִנגל האָט מיך גופא פאַרוואַנדלט אין אַ ייִנגל. כ'האָב שווייגנדיק געקוקט אויפן קאַדעט, וועלכער האָט אויך אַזוי ריידלאָז זיך פאַרקוקט אויף מיר. זינאַידאַ האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און אונז אַ שטויס־געטאָן איינעם אויפן אַנדערן.—נעמט זיך אַרום, קינדער!—

מיר האָבן זיך אַרומגענומען.

—איר ווילט, וועל איך אייך פירן אין גאָרטן?—האָב איך געפרעגט דעם קאַדעט.

—ביטע,—האָט ער געענטפערט מיט אַ רויער, פשוט קאַ-דעטישער שטים.

זינאַידאַ האָט זיך אויפסניי פאַנאַנדערגעלאַכט... כ'האָב באַוויזן צו באַמערקן, אַז קיינמאָל זיינען נאָך ביי איר נישט געווען אויפן געזיכט אַזעלכע פּרעכטיקע קאָלירן. כ'בין אַוועק מיטן קאַדעט. ביי אונז אין גאָרטן איז געשטאַנען אַן אַלטיטש-קע הוידע. כ'האָב אים אַנידערגעזעצט אויף אַ דינינקע ברעטל און אים גענומען הוידען. ער איז געזעסן אומבאַוועגלעך, אין זיין מונדירל פון גראָבן טוך, מיט ברייטע גאָלדענע פּאָזאַמענטן, און האָט זיך פעסט געהאַלטן פאַר די שטריק.

www.libtool.com.cn

—שפילעט פֿאַנאַנדער אייער קאָלנער,—האָב איך אים גע־זאָגט.

—ס׳שאַדט נישט, מיר זיינען דערצו געוויינט,—האָט ער אַרויסגערעדט און אַ הוסט־געטאָן.

ער איז געווען גערעכט אין זיין שוועסטער: באַזונדערס האָבן זיינע אויגן אָן איר דערמאָנט. מיר איז געווען אי אָנגענעם אים צו באַדינען, אי ס׳האָט אין דערזעלבער צייט יענער נאָ־גענדער אומעט מיר דאָס האַרץ געצויגן. „איצט בין איך אַן אמתדיק קינד", האָב איך געקלערט: „און נעכטן..." כ׳האָב זיך דערמאָנט, ווי כ׳האָב נעכטן דאָס מעטערל אַראָפּגעלאָזן, און האָב עס אויפגעזוכט. דער קאַדעט האָט עס ביי מיר גע־בעטן, האָט אָפּגעריסן אַ גראָבן שטענגל, אויסגעשניטן. פון אים אַ פייפל און גענומען פייפן. אָטעלאָ האָט אויך געפייפט.

אָבער דערפאַר אינגאַנצן—ווי האָט ער עס געוויינט, דער־זעלבער אָטעלאָ, אויף זינאַידאַס הענט, בעת זי האָט אים גע־פונען אין אַ ווינקעלע פון גאָרטן און אים געפרעגט, פאַרוואָס ער איז אַזוי טרויעריק? מיינע טרערן האָבן אַ שטראָם־געטאָן מיט אַזאַ כח, אַז זי האָט זיך דערשראָקן.

—וואָס איז מיט אייך? וואָס א׳ז מיט אייך, וואָלאָדיאַ?—האָט זי געזאָגט, און זעענדיק, אַז איך ענטפער איר נישט און הער נישט אויף צו וויינען, איז איר געהאַט געוואָלט איינגעפאַלן מיך אַ קוש צו טאָן אין דער נאַסער באַק. אָבער כ׳האָב זיך פון איר אָפּגעקערט און אַרויסגעפּליסטערט דורך געוויין:

—איך ווייס אַלץ: צו וואָס זשע האָט איר געשפּילט מיט מיר?... אויף וואָס האָט איר גייטיק געהאַט מיין ליבע?

—כ׳בין שולדיק אַנטקעגן אייך, וואָלאָדיאַ...—האָט זינאַידאַ אַרויסגערעדט:—אַך, כ׳בין זייער שולדיק...—האָט זי געזאָגט און מיט די הענט פאַרבראָכן:—וויפיל איז עס אין מיר פאַראַן

www.libtool.com.cn

שלעכטס, טונקלס, זינדיקס... אָבער איצטער שפּיל איך נישט מיט אייך, כ׳האָב אייך ליב—איר וועט נישט חושד־זיין, פאַרוואָס און ווי אַזוי... פונדעסטוועגן, וואָס זשע ווייסט איר?

וואָס האָב איך איר געקאָנט זאָגן? זי איז געשטאַנען פאַר מיר און געקוקט אויף מיר, און איך צו איר האָב איי־נגאַנצן געהערט, פון קאָפּ ביז די פיס, ווי נאָר זי האָט אויף מיר געקוקט... אין אַ פערטל שעה אַרום בין איך שוין געלאָפן מיטן קאַדעט און זינאַידאַן אויף אַ געוועט-לויף: איך האָב נישט געוויינט, כ׳האָב געלאַכט, כאָטש פון די אָנגעשוואָלענע וויעס האָבן פונם לאַכן אַראָפּגעטריפט טרערן. אַרום האַלז האָב איך, אָנ-שטאָט אַ האַלזטוך, געטראָגן זינאַידאַס אַ לענטע, און בעת מיר איז געלונגען זי צו כאַפּן פאַר דער טאַליע, האָב איך געשריען פון שמחה. זי האָט מיט מיר געמאַכט אַלצדינג, וואָס זי האָט געוואָלט.

## XIX.

איך וואָלט געקומען אין גרויס פאַרלעגנהייט, אויב מ׳וואָלט מיך געצוווּנגען צו דערציילן בפרטות, וואָס עס איז מיט מיר פאָרגעקומען אינם משך פון דער וואָך, נאָך מיין נישט־געלונ־גענער נאַכט־עקספּעדיציע. דאָס איז געווען אַ משונהדיקע, פי־בערדיקע צייט, עפּעס אַ מין תהו ובהו, אין וועלכן ס׳האָבן זיך געדרייט ווי אין ווירבל די סאַמע קעגנזעצלעכסטע געפילן, גע־דאַנקען, חשדים, האָפנונגען, פריידן און ליידן; כ׳האָב מורא געהאַט אין זיך אַ בליק צו טאָן, אויב נאָר אַ זעכצניאָריק ייִנגל קאָן אין זיך אַ בליק-טאָן, כ׳האָב מורא געהאַט זיך אָפּצוגעבן רעכנונג אין וואָס דאָס זאָל נישט זיין; כ׳האָב זיך פּשוט גע־

www.libtool.com.cn

איילט אַדורכצוקלײַבן דעם טאָג ביזן אָוונט; דערפֿאַר בײַנאַכט בין איך געשלאָפֿן... די קינדישע לײַכטזיניקייט האָט מיר געהאָלפֿן. איך האָב נישט באַגערט צו וויסן, צי האָט מען מיך ליב, און האָב אויך נישט געוואָלט מודה זײַן זיך גופֿא, אַז מ׳האָט מיך נישט ליב; דעם פֿאָטער האָב איך אויסגעווייכט — אָבער זײַנאַיִדאַן אויסמײַדן האָב איך נישט געקאָנט... ס׳האָט מיך געברענט ווי מיט פֿײַער אין איר אָנווועזנהייט... אָבער צו וואָס איז מיר נייטיק געווען צו וויסן, וואָס דאָס איז געווען פֿאַר אַ פֿײַער, אויף וועלכן כ׳האָב געברענט און בין צעגאַנגען —גוט איז געווען, זיס איז דאָך געווען צוצעגיין און צו ברענען. כ׳האָב זיך איבערגעגעבן אַלע מײַנע אײַנדריקן און האָב מיט זיך אַליין שעלמיש געשפּילט, האָב זיך אָפּגעקערט פֿון די ערי־נערונגען, און פֿאַרמאַכט האָב איך די אויגן פֿאַר דעם, וואָס כ׳האָב פֿאָרגעפֿילט אין דער צוקונפֿט... דאָסדאָזיקע קוועלן זיך וואָלט אוודאי לאַנג נישט געדויערט... אַ קלאַפּ פֿון אַ דונער האָט פֿאַר איינמאָל אַלץ איבערגעריסן און מיך אַוועקגעשליי־דערט אין אַ נײַע קאָליע.

אומקערנדיק זיך איינמאָל צו מיטאָג פֿון אַ געננוג דויערנדן שפּאַציר, האָב איך זיך פֿאַרחידושט דערוווּסט, אַז כ׳וועל מי־טאָג עסן אייגער אַליין, אַז דער פֿאָטער איז אַוועקגעפֿאָרן און די מוטער איז נישט געזונט, באַגערט נישט צו עסן און האָט זיך פֿאַרשלאָסן בײַ זיך אין שלאָפֿצימער. נאָך די פּנימער פֿון די לאַקייען האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָ האָט פּאַסירט עטוואָס אויסערגעוויינלעכס... פּאַנאַנדערפֿרעגן זיי האָב איך קיין העזה נישט געהאַט, אָבער כ׳האָב געהאַט אַ גוטן ברודער, דעם יונגן בופֿעטשיק, פֿיליפּ, אַ ליידנשאַפֿטלעכער בעלן אויף שירים און אַ פֿײַנער שפּילער אויף אַ גיטאַרע—צו אים האָב איך זיך געווענדט. פֿון אים בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז צווישן

www.libtool.com.cn

טאַטע־מאַמע איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכע סצענע (און איך דעם חדר, ווו עס ווינען די דינסטן, האָט מען אַלץ געהערט ביי איטלעך איינציקן וואָרט; אַ סך איז געזאָגט געוואָרן אין פראַנצויזיש—אָבער דאָס שטוב־מיידל מאַשאַ האָט פינף יאָר גע־ווינט ביי אַ גייטאָרין פון פאַריז און האָט אַלצדינג פאַרשטאַ־נען); אַז מיין מוטער האָט געמאַכט אַ פאָרוווּרף דעם פאָטער פאַר אומטרייַקייט, פאַר באַקאַנטשאַפט מיטן שכנותדיקן פריי־ליין; אַז דער פאָטער האָט זיך לכתחילה פאַרענטפערט, נאָכ־דעם האָט ער זיך אָנגעצונדן און פון זיין זייט געזאָגט עפּעס אַ גרויזאַם וואָרט, „עפּעס מכּח זייערע יאָרן", פון וואָס מיין מוטער האָט זיך צעוויינט; אַז די מוטער האָט אויך דערמאָנט וועגן דעם וועקסל, וואָס איז כּלומרשט געגעבן געוואָרן דער אַלטער פירשטין, און האָט זיך זייער שלעכט וועגן איר אָפּגע־רופן, און וועגן דעם פריילין אויך, און אַז דאָ האָט איר דער פאָטער געדראָט.—און די גאַנצע צרה איז פאָרגעקומען,—האָט פיליפּ ווייטער דערציילט:—צוליב אַן אַנאָנימען בריוו; און ווער ס'האָט אָנגעשריבן—איז אומבאַוווּסט; און אַנדערש, ווי אַזוי אַזעלכע ענינים זאָלן באַוווּסט ווערן, איז קיין סיבה נישטאָ.

—צי דען איז עפּעס פאָרגעקומען?—האָב איך מיט שווער־קייט אַרויסגערעדט, און בשעת־מעשה איז מיר אַדורכגעגאַנגען אַ קעלט איבער די הענט און פיס; טיף אין ברוסט האָט ביי מיר עפּעס אַ ציטער־געטאָן.

פיליפּ האָט באַדייטונגפול אַ ווינק־געטאָן:

—פאָרגעקומען. דידאָזיקע עסקים וועסטו נישט פאַרבאָרגן; ווי פאָרזיכטיק אייער פאָטער זאָל נישט זיין—אָבער מ'מוז דאָך, למשל, אַ קאַרעטע דינגען אָדער כּ׳ווייס דאָרט וואָס... אָן מענטשן קאָן מען זיך אויך נישט באַגיין און ממילא ווערט עס נישט באַוווּסט.

www.libtool.com.cn

כ׳האָב אַוועקגעשיקט פיליפן און זיך אַ וואָרף־געטאָן אויפן געלעגער. כ׳האָב זיך נישט צעוויינט, נישט איבערגעגעבן זיך דער פאַרצווייפלונג; כ׳האָב זיך נישט געפרעגט, ווען און ווי אַזוי דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען; האָב זיך נישט געוווּנדערט, ווי אַזוי האָב איך עס פריער, ווי אַזוי האָב איך עס פון לאַנג זיך נישט אָנגעשטויסן—כ׳האָב אַפילו צום פאָטער קיין טענות נישט געהאַט... דאָס, וואָס כ׳האָב זיך דערוווּסט, איז נישט געווען פאַר מיינע כחות: דידאָזיקע פלוצלינגע אַנטדעקונג האָט מיך דערדריקט... אַלץ איז געווען געענדיקט. אַלע בלומען מיינע זיינען געוואָרן אויסגעפליקט פאַר איינמאָל און זענען געלעגן אַרום מיר, צעוואָרפענע און צעטראָטענע.

## XX.

די מוטער האָט אויפן אַנדערן טאָג מודיע געווען, אַז זי פאָרט צוריק אין שטאָט אַריין. אינדערפרי איז דער פאָטער אַריין צו איר אין שלאָפצימער און איז לאַנג געזעסן מיט איר אויג־אויף־אויג. קיינער האָט נישט געהערט, וואָס ער האָט איר געזאָגט, אָבער די מוטער האָט שוין מער נישט געוויינט; זי האָט זיך באַרויקט און געבעטן מ׳זאָל איר דערלאַנגען עסן— פונדעסטוועגן האָט זי זיך נישט געוויזן און איר באַשלוס נישט געענדערט. כ׳געדענק, כ׳האָב אַרומגעבלאָנקעט אַ גאַנצן טאָג, נאָר אין גאָרטן בין איך נישט אַריין, האָב צומאָל אויפן פליגל נישט אַ בליק־געטאָן—און אינאָוונט בין איך געווען אַן עדות פון אַ וווּנדערבאַר געשעעניש: מיין פאָטער האָט אַרויסגעפירט דעם גראַף מאַלעווסקי אונטערן אָרעם דורכן זאַל אין פאָדערצימער און אין דער געגנוואַרט פונם לאַקיי האָט ער אים קאַלט גע-

www.libtool.com.cn

זאָגט: „מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען אייער דורכלויכט אין איין הויז געוויזן די טיר; נאָר איצט וועל איך זיך מיט אייך נישט גיין אויסטענהן, אָבער כ'האָב דעם כבוד אייך איבערצוגעבן, אַז אויב איר וועט נאָכאַמאָל צו מיר באַווייזן, וועל איך אייך אַרויסשליידערן דורכן פענסטער. אייער האַנטשריפט געפעלט מיר נישט". דער גראַף האָט זיך אָנגעבויגן, צונויפגעדריקט די ציין, האָט זיך איינגעקאָרטשעט און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די הכנות צום איבערפאָרן אין שטאָט אַריין, אויף אַ ר ב אַ ט, ווו מיר האָבן געהאַט אַ הויז. דעם פאָטער האָט זיך שוין, אַליין נישט געוואָלט פאַרבלייבן לענגער אויף זומער־ווויִנונג; אָבער, אפנים, אַז אים איז געלונגען צו פועלן ביי דער מוטער, זי זאָל אָפּווישן די ליפּן און שווייגן. אַלץ איז געטאָן געוואָרן שטיל, נישט געאיילט, די מוטער האָט אַפילו געהייסן גריסן דער פירשטין און איר איבערגעבן די באַדויערונג, וואָס צוליב קראַנקייט וועט זי זיך מיט איר נישט זען ביזן אָפּפאָרן. איך האָב אומגעבלאָנדזעט, ווי אַ מטורף, און באַגערט איין זאַך—עס זאָל וואָס פריער צו אַלצדינג אַ סוף נעמען. איין מחשבה איז פון מיין קאָפּ נישט אַרויס: ווי אַזוי האָט זי עס געקאָנט, אַ יונג מיידל—נו, און אגב—אַ פירשטין־צו אַנטשליסן זיך אויף אַזאַ פירונג, וויסנדיק אַז מיין פאָטער איז נישט קיין פרייליידיקער מענטש און האָבנדיק די מעגלעכקייט חתונה צו האָבן, כאָטש, למשל, מיט בעלאָוזאָראָוון? אויף וואָס דען האָט זי געהאָפּט? ווי האָט זי עס נישט מורא געהאַט צו פאַרלירן איר גאַנצע צוקונפט? יאָ, האָב איך געטראַכט, אָט דאָס איז—ליבע, דאָס איז—ליידנשאַפט, דאָס איז—איבערגעבנקייט... און דערמאָנט האָבן מיר זיך לוי־שינס ווערטער: אַז מ'איז מקריב זיך אַליין, איז זיס פאַר אַנ־

www.libtool.com.cn

דערע. אויף אַ וואָסער עס איז אופן איז מיר אויסגעקומען צו זען אין איינעם פון די פליגל־פענסטער אַ בלאַסן פלעק... צי דען איז עס זינאַידאַס געזיכט?" האָב איך אַ קלער־געטאָן... טאַקע, דאָס איז געווען איר געזיכט. כ'האָב נישט אויסגעהאַלטן. כ'האָב זיך נישט געקאָנט מיט איר צעשיידן, נישט זאָגנדיק איר אַ לעצטן „זיי געזונט". כ'האָב אויסגענוצט אַ גינסטיקע רגע און בין אַוועק אין פליגל.

אין גאַסט־צימער האָט מיך די אַלטע פירשטין באַגעגנט מיט איר געוויינלעכן נישט־זויבערן נאַכלעסיקן גרוס.

—וואָס האָבן, טייערער, אייערע אַזוי פרי געמאַכט אַן אַליאַרם?—האָט זי אַרויסגערעדט, אָנשטאָפּנדיק טאַבאַק אין ביידע נאָזלעכער.

איך האָב אויף איר אַ בליק־געטאָן און ס'איז מיר גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן. דאָס וואָרט וועקסל, וואָס פיליפּ האָט געזאָגט, האָט מיך געפּייניקט. איר איז קיין שום זאַך נישט איינגעפאַלן... על כל פּנים, האָט זיך מיר דאַן אַזוי אויסגעוויזן. זינאַידאַ איז אַרויסגעקומען פונעם שכנותדיקן צימער, אין אַ שוואַרץ קלייד, אַ בלאַסע, מיט פאַנאַנדערגעפלאָכטענע האָר: זי האָט מיך שווייגנדיק גענומען פאַר אַ האַנט און אַוועקגעפירט מיט זיך.

—כ'האָב דערהערט אייער קול,—האָט זי אָנגעהויבן:—און בין תיכּף אַרויסגעגאַנגען. אייך איז עס אַזוי גרינג געווען אונז אַוועקצוּוואַרפן, שלעכטער יינגל?

—כ'בין זיך געקומען מיט אייך געזעגנען, פירשטין,—האָב איך געענטפערט:—זיכער, אויף שטענדיק. איר האָט אפשר געהערט—מיר פאָרן אַוועק.

זינאַידאַ האָט שטאַר אַ קוק־געטאָן אויף מיר.

—יאָ, כ'האָב געהערט. אַ דאַנק, וואָס איר זייט געקומען.

www.libtool.com.cn

כ׳האָב שוין געמיינט, אַז כ׳וועל אייך נישט זען. דערמאָנט מיך נישט צום שלעכטן. כ׳האָב אייך אַמאָל געפּייניקט; נאָר פונדעסטוועגן, בין איך נישט אַזאַ, ווי איר שטעלט מיך פאָר.

זי האָט זיך אָפּגעקערט און זיך צוגעטוליעט צום פענס־טער.

—אין דער אמת, כ׳בין נישט אַזאַ. כ׳ווייס, איר האָט וועגן מיר אַ שלעכטע מיינונג.

—איך?

—יאָ, איר... איר.

—איך?—האָב איך ווייטאָקלעך איבערגעחזרט און דאָס האַרץ האָט אין מיר אַ צאַפּל־געטאָן ווי פריער, אונטערן איינ-פלוס פונם אומבאַזיגבאַרן כשוף, וואָס לאָזט זיך אין ווערטער נישט איבערגעבן.—איך? גלייבט, זינאַידאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, אַז וואָס איר זאָלט נישט האָבן געטאָן, ווי איר זאָלט מיך נישט האָבן געפּלאָגט, וועל איך אייך דאָך ליב האָבן און פאַרגעטערן ביזן סוף פון מיין לעבן.

זי האָט זיך שנעל אויסגעדרייט צו מיר און פאַנאַנדער־שפּרייטנדיק ברייט די הענט, האָט זי אַרומגענומען מיין קאָפּ און מיך פעסט און הייס אַ קוש־געטאָן. גאָט ווייס, וועמען דערדאָזיקער לאַנגער, געזעגן־קוש האָט געזוכט, נאָר איך האָב דורשטיקערהייט פאַרזוכט זיין זיסקייט. כ׳האָב געוווסט, אַז ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט איבערחזרן. זייט געזונט, זייט געזונט,—האָב איך געזאָגט...

זי האָט זיך אַרויסגעריסן און איז אַוועק. אויך איך בין אַוועקגעגאַנגען. ט׳בין נישט ביכולת איבערצוגעבן דאָס געפיל, מיט וועלכן כ׳בין פון דאָרט אַרויס. כ׳וואָלט נישט באַגערט, אַז עס זאָל זיך ווען־עס־איז ווידער איבערחזרן; אָבער כ׳וואָלט זיך גערעכנט פאַר אַן אומגליקלעכן, אויב כ׳וואָלט דאָסדאָזיקע

www.libtool.com.cn

געפיל קיינמאָל נישט איבערגעלעבט.

מיר זיינען אַריבערגעפאָרן אין שטאָט אַריין. נישט באַלד האָב איך זיך אָפּגעטשעפּעט פון דעם פאַרגאַנגענעם, נישט באַלד האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט. מיין ווונד האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעהיילט; אָבער אייגנטלעך לגבי מיין פאָטער האָב איך נישט געהאַט קיין שום שלעכט געפיל; אדרבא: ער איז נאָך ווי אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן... זאָלן פּסיכאָלאָגן דערקלערן דידאָזיקע סתירה, אויב זיי ווייסן. איינמאָל בין איך געגאַנגען איבערן בולוואַר און, צו מיין אומבאַשרייבלעכער פרייד, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף לושינען. איך האָב אים ליב געהאַט פאַר זיין אָפענעם, נישט־צביעותדיקן כאַראַקטער, און אגב איז ער מיר געווען טייער צוליב די ערינערונגען, וואָס ער האָט אין מיר אויפגעוועקט. כ׳בין צו אים פשוט צוגעפאַלן.

—אַהאַ!—האָט ער אַרויסגערעדט און געקנייטשט מיט די ברעמען.—דאָס זייט איר, יונגערמאַן! לאָזט אָקאָרשט אַ קוק־טאָן אויף זיך! איר זייט נאָך אַלץ געל, נאָר דאָך איז אין די אויגן נישטאָ די אַמאָליקע אומרייניקייט. איר זעט אויס ווי אַ מענטש, נישט ווי אַ שטוביק הינטל. דאָס איז וווּיל. נו, וואָס זשע מאַכט איר? איר אַרבעט?

כ׳האָב אַ זיפץ־געטאָן. ליגן זאָגן האָט זיך מיר נישט געגלוסט, און זאָגן דעם אמת האָב איך זיך געשעמט.

—נו, ס׳שאַדט נישט,—האָט לושין ווייטער גערעדט:—זייט ביי זיך נישט געפאַלן. דער עיקר: מ׳דאַרף לעבן נאָרמאַל און זיך נישט לאָזן דעם קאָפּ פאַרדרייען מיט פאַרליבענישן. ווען נישט, איז וואָס דער תכלית דערפון? וווהין די כוואַליע וואָלט נישט אַוועקגעטראָגן—אַלצײַנס צרהדיק; אַ מענטש מעג שטיין כאָטש אויף אַ שטיין, אָבער אויף די אייגענע פיס. איך—אָט

www.libtool.com.cn

הוסט איך... און בעלאָוואָראָוו—האָט איר געהערט?
—וואָס אַזוינס? ניין.
—פאַרפאַלן געוואָרן אָן שום ידיעה; מ׳זאָגט, ער איז אַוועקגעפּאָרן אויף קאַווקאַז. אַ מצווה אויף אים! פאַר אייך אַ לעקציע, יונגערמאַן. און די גאַנצע צרה איז צוליב דעם, וואָס זיי קאָנען נישט באַצייטנס צעשיידן־זיך, צערייסן די נעצן. אָט איר, דוכט, זייט בשלום ניצול געוואָרן. זעט זשע, פאַלט ווי־דער נישט אַריין. זייט געזונט.
„כ׳וועל נישט אַריינפאַלן”, האָב איך געטראַכט... „כ׳וועל זי מער נישט זען”; אָבער ס׳איז מיר באַשערט געווען צו זען נאָכאַמאָל זינאַידאַן.

# XXI.

מיין פאָטער פלעגט יעדן טאָג אַרויספאָרן אויף אַ שפּאַ־ציר רייטנדיק; ער האָט געהאַט אַ ווויל, רויטפוקסיק, ענגליש פערד, מיט אַ לאַנגן, דינעם האַלז און לאַנגע פיס, אַן אומ־דערמידלעכס און שלעכטס. גערופן האָט מען עס עלעקטריק. אַחוץ פאָטער האָט קיינער אויף אים נישט געקאָנט רייטן. איינמאָל איז ער געקומען צו מיר אין אַ גוטן הומאָר, וואָס ס׳האָט שוין לאַנג מיט אים נישט פּאַסירט: ער האָט זיך גע־קליבן אַרויספאָרן און האָט שוין געהאַט אָנגעטאָן די שפּאָרן. כ׳האָב אים גענומען בעטן ער זאָל מיך מיטנעמען מיט זיך.
—לאָמיר בעסער שפּילן אין טשעכאַרדע,—האָט מיר דער פאָטער געענטפערט:—ווען נישט, וועסטו אויף דיין שלימזלדיק פערד נישט באַוויזן נאָך מיר נאָכצופאָרן.
—כ׳וועל באַווייזן; איך וועל אויך אָנטאָן שפּאָרן.

www.libtool.com.cn

—נו, טאָ קום.

מיר זיינען אַוועק. איך האָב געהאַט אַ שוואַרץ־האָריק פערדל, שטאַרק אויף די פיס און אַ גאַנץ שטיפערישער; אמת, אים איז אויסגעקומען צו שפּרינגען אין דער לופטן, בעת עלעקטריק איז געגאַנגען אין פולן געלאַף, אָבער איך בין, פונדעסטוועגן, נישט אָפּגעשטאַנען. כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ רייטער ווי מיין פאָטער. ער איז געזעסן אַזוי שיין און באָכלעסיק־פלינק, אַז, ס׳האָט זיך געדוכט, דאָס פערד אַליין אונטער אים האָט עס געפילט און האָט זיך איבערגענומען מיט זיין רייטער. מיר זיינען דורכגעפאָרן איבער אַלע בולוואַרן, זיינען געווען אויפן דעוויטשע־פּאָלע, איבערגעשפּרונגען איבער עטלעכע פּאַרקאַנעס (לכתחילה האָב איך מורא געהאַט צו שפּרינגען, אָבער דער פאָטער האָט געהאַט אַ האַס צו פּחדנים,—און כ׳האָב אויפגעהערט מורא צו האָבן), איבערגעפאָרן צוויי מאָל דעם מאָסקוואַ-טייך—און איך האָב שוין געטראַכט, אַז מיר קערן זיך אום אַהיים, בפרט נאָך, אַז דער פאָטער אַליין האָט באַמערקט, דאָס מיין פערד איז פאַרמאַטערט. אָבער פלוצלינג האָט ער פאַרקערעוועט אין אַ זייט פון קרימער בראָד און אַוועקגעטאַנצט לענג-אויס דעם ברעג.—כ׳האָב זיך געלאָזט נאָך אים. אויסגלייכנדיק זיך מיט אַ הויכער קופּע אויפגעלייגטע אַלטע קלעצער, איז ער געשיקט אַראָפּגעשפּרונגען פון עלעקטריקן, געהייסן מיך אַראָפּקריכן, און איבערגעבנדיק מיר דעם ציימל פון זיין פערד, האָט ער געזאָגט, כ׳זאָל אויף אים דאָ וואַרטן ביי די קלעצער, און אַליין האָט ער זיך פאַרקערעוועט אין אַ קליין געסל און איז פאַרשוואונדן געוואָרן. כ׳האָב גענומען אומגיין הין און צוריק פּאַזע דעם ברעג, פירנדיק נאָך זיך די פערד און קריגנדיק זיך מיט עלעקטריקן, וועלכער האָט אין גאַנג כסדר געריסן דעם קאָפּ, זיך אויפגעטרייסלט, געפירקעט

www.libtool.com.cn

און געהירזשעט; און בעת כ׳פלעג שטיין בלייבן, פלעגט ער, בייטנדיק די פיס, גראָבן מיט דער קאָפּיטע די ערד, האָט מיט אַ קוויטשעריי געביסן מיין פערד אין האַלז אַריין, מיט איין וואָרט, ער האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ צעלאָזענער (pour sang*. דער פאָטער האָט זיך לאַנג נישט צוריקגעקערט. פון טייך האָט זיך געטראָגן אַ נישט אָנגענעמע פייכטקייט; אַ קליין רעגנדל איז שטיל אָנגעלאָפן און האָט בונט געמאַכט מיט פיטשינקע טונקעלע פלעקן די נאַרישע, גרויע קלעצער, אַרום וועלכע כ׳האָב אַרומגעוואָגלט, און וועלכע האָבן מיך שטאַרק דערעסן. ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ בענקשאַפט, נאָר דער פאָטער איז אַלץ נישט געווען. עפּעס איינער אַ וועכטער אַ טשוכאָנעץ, אויך אינגאַנצן אַ גרויער, מיט אַ ריזיק הוזאַרן-היטל, ווי אַ טאָפּ, אויפן קאָפּ און מיט אַ העלעבאַרדע (צו וואָס, דוכט, האָט דער וועכטער דאָ געדאַרפט זיין אויפן ברעג פונם מאָסקוואַ-טייך!), האָט זיך צו מיר דערנענטערט און ווענדנדיק צו מיר זיין זקניש, צעקנייטשט געזיכט, האָט ער אַרויסגערעדט:

—וואָס טוט איר דאָ מיט די פערד, פריצל? ווייזט מיר, כ׳וועל זיי צוהאַלטן.

כ׳האָב אים נישט געענטפערט? ער האָט ביי מיר געבעטן טאַבאַק. כדי זיך פון אים אָפּצוטשעפּען (אגב האָט מיך די אומגעדולדיקייט געפייניקט) האָב איך געמאַכט עטלעכע טריט אין יענער ריכטונג, וווהין דער פאָטער איז אַוועק; נאָכדעם בין איך דורכגעגאַנגען דאָס געסל ביזן עק, פאַרקערעוועט זיך הינטערן ראָג און שטיין געבליבן. אויף דער גאַס, אַ פערציק טריט פון מיר, איז פאַר אַן אָפן פענסטער פון אַ הילצערן

---

*) אַ היציק פערד.

www.libtool.com.cn

הייזל געשטאַנען מיין פּאָטער מיטן רוקן צו מיר. ער האָט זיך אָנגעלענט מיט דער ברוסט אָן דער אונטערשטער טייל פון פענסטער־ראַם, און אינם שטיבל, ביז העלפּט פּאַרדעקט מיטן פּאָרהענגל, איז געזעסן אַ פּרויענצימער אין אַ טונקל קלייד און האָט גערעדט מיט מיין פּאָטער; דאָסדאָזיקע פרויענצימער איז געווען זינאַידאַ.

כ'בין שטיין געבליבן פּאַרבליפט. כ'בין זיך מודה, אַז דאָס האָב איך בשום אופן נישט דערוואַרט. מיין ערשטע באַוועגונג איז געווען צו אַנטלויפן. „דער פּאָטער וועט זיך אַרומקוקן", האָב איך אַ טראַכט-געטאָן, „און דאַן בין איך פּאַרלוירן"... אָבער ס'האָט מיך אָפּגעשטעלט אַ מאָדנע געפיל, אַ געפיל שטאַרקער פון נייגעריקייט, שטאַרקער אַפילו פון אייפערזוכט, שטאַרקער פון שרעק. כ'האָב גענומען קוקן, אָנגעשטרענגט זיך צו צוהערן. ס'האָט אויסגעוויזן, אַז דער פּאָטער האָט עפּעס געוואָלט אויספּועלן. זינאַידאַ האָט נישט נאָכגעגעבן. ווי איצטער זע איך איר געזיכט—אַ טרויעריקס, אַן ערנסטס, אַ שיינס און מיט אַן אומבאַשרייבלעכן אויסדרוק פון איבערגעגעבנקייט, אומעט, ליבע און פון עפּעס אַ פאַרצווייפלונג-קיין אַנדער וואָרט קאָן איך נישט צוקלייבן. זי האָט אַרויסגערעדט איין־זילביקע ווערטער, האָט די אויגן נישט אויפגעהויבן און בלויז געשמייכלט—געהאָרכזאַם און פאַרעקשנט. בלויז לויט איר שמייכל האָב איך דערקענט, אַז דאָס איז זינאַידאַ. דער פּאָטער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג מיט די אַקסלען און פאַרריכט דעם הוט אויפן קאָפּ—וואָס ס'האָט תמיד געדינט ביי אים פּאַר אַ סימן פון אומגעדולדיקייט... נאָכדעם האָבן זיך דערהערט די ווערטער: Vous devez vous sèparer de cette...*) זינאַידאַ האָט זיך אויס־

---

*) איר מוזט עס זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ.

www.libtool.com.cn

געגלייכט און אויסגעצויגן די האַנט... מיטאַמאָל איז פאַר מיינע אויגן געשען אַ משונהדיקע זאַך: דער פאָטער האָט פלוצלינג אויפגעהויבן דעם שפּיץ־רוט, מיט וועלכן ער פלעגט אַראָפּקלאַפּן דעם שטויב פון זיינע ראָק־פּאָלעס—און ס׳האָט זיך דערהערט אַ שניידנדער קלאַפּ איבער דערדאָזיקער האַנט, וואָס איז געווען אַנטבלויזט ביזן עלנבויגן. כ׳האָב זיך קוים איינגעהאַלטן בישט אַ געשריי צו טאָן, און זינאַידאַ האָט אַ ציטער־געטאָן אַ קוק געטאָן שווייגנדיק אויף מיין פאָטער און אונטערטראָגנדיק פּאַמעלעך די האַנט צו די ליפּן, האָט זי אַ קוש־געגעבן אויף איר רויט־געוואָרענעם צייכן. דער פאָטער האָט אַ שמיץ־געטאָן דעם שפּיץ־רוט אָן אַ זייט, איז איילנדיק אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּלעך פונם גאַניקל און זיך אַריינגעריסן אין שטוב... זינאַידאַ האָט זיך אומגעווענדט—און אויסשטרעקנדיק די הענט, האָט זי דעם קאָפּ פאַרוואָרפן און איז אויך אָפּגעגאַנגען פונם פענסטער.

אַרומגעכאַפּט פון שרעק, מיט אַ מין שוידער פון פאַרלעגנהייט אין האַרצן, האָב איך זיך אַ לאָז־געטאָן לויפן צוריק, אַדורכגעפלויגן דאָס געסל, שיר נישט איינגעלאָזט עלעקטריקן און זיך אומגעקערט אויפן ברעג טייך. כ׳האָב גאָרנישט געקאָנט משיג זיין. כ׳האָב געוווסט, אַז אין מיין קאַלטן, איינגעהאַלטענעם פאָטער האָבן אַמאָל אויפגעברויזט אָנפאַלן פון משוגעת—און פונדעסטוועגן האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט תופס זיין, וואָס אַזעלכעס האָב איך עס געזען... אָבער כ׳האָב אין דער רגע דערפילט, אַז וויפיל איך זאָל נישט לעבן, איז פאַר מיר אויף שטענדיק אוממעגלעך צו פאַרגעסן זינאַידאַס באַוועגונג, איר בליק, איר שמייכל; אַז איר געשטאַלט, דאָסדאָזיקע נייע געשטאַלט, וואָס האָט זיך מיר פלוצלינג געוויזן, וועט זיך אויף אייביק איינקריצן אין מיין זכרון. כ׳האָב אומזיניק געקוקט אויפן

www.libtool.com.cn

טייך און נישט באַמערקט, אַז פון מיינע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן. מ'שלאָגט זי, האָב איך געקלערט... זי שלאָגט מען... זינאַידאַן שלאָגט מען...

—נו, וואָס שטייסטו, גיב מיר דאָס פערד?—האָט זיך הינטער מיר דערהערט דעם פאָטערס שטים.

כ'האָב אים מאַשינעל דערלאַנגט דאָס ציימל. ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף עלעקטריקן... דאָס דורכגעקעלטערטע פערד האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און אַ שפּרונג־געטאָן פאָרויס אויף אָנדערטאַלבן סאַזשען... אָבער דער פאָטער האָט אים באַלד איינגענומען; ער האָט אים אַריינגעשטאָכן די שפּאָרן אין די זייטן און אַ קלאַפּ־געטאָן מיט דער פויסט איבערן האַלדז...

עך, אַ שאָד, וואָס כ'האָב נישט דעם שפּיץ־רוט,—האָט ער אויסגעברומט.

כ'האָב זיך דערמאָנט דעם פריערדיקן פייף און קלאַפּ פונם זעלבן שפּיץ־רוט, און האָב אויפגעציטערט.

—ווו האָסטו אים דען אַהינגעטאָן?—האָב איך געפרעגט דעם פאָטער אין אַ ווײַלע־אַרום.

דער פאָטער האָט מיר נישט געענטפערט און איז אַוועקגעפלויגן פאָרויס. איך האָב אים אָנגעיאָגט. ס'האָט זיך מיר אומבאַדינגט געוואָלט זען זיין פּנים.

—דו האָסט זיך פאַרבענקט נאָך מיר?—האָט ער אַרויסגערעדט דורך די ציין.

—אַ ביסל. ווו האָסטו פאַרלוירן דיין שפּיץ־רוט?—האָב איך אים ווידער געפרעגט.

דער פאָטער האָט אויף מיר אַ קוק־געטאָן.

—כ'האָב אים נישט פאַרלוירן,—האָט ער געזאָגט:—כ'האָב אים אַוועקגעוואָרפן.

www.libtool.com.cn

ער האָט זיך פֿאַרטראַכט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ...
און דאָ ערשט האָב איך צום ערשטן און אפשר צום לעצטן מאָל דערזען, וויפֿיל צערטלעכקייט און מיטגעפֿיל עס האָבן געקאָנט אויסדריקן זיינע שטרענגע שטריכן.

ער איז אויפֿסניי אַוועקגעפֿלויגן, און דאָ האָב איך אים שוין נישט געקאָנט דעריאָגן; כ׳בין געקומען אַהיים מיט אַ פֿערטל שעה שפּעטער פֿון אים.

„אָט דאָס איז ליבע״, האָב איך זיך ווידער געזאָגט, זיצנדיק בייגעבויגן ביי מיין שרייב־טיש, אויף וועלכן ס׳האָבן זיך שוין געגנומען ווייזן העפֿטן און ביכער:—„דאָס איז ליידנשאַפֿט!... ווי קאָן מען עס, דוכט זיך, נישט ווערן אויפֿגעבראַכט, ווי קאָן מען עס פֿאַרטראָגן אַ קלאַפּ פֿון אַ וועלכער האַנט דאָס זאָל נישט זיין... פֿון אַ סאַמע ליבער האַנט! און, אפֿנים, מ׳קאָן עס יאָ, אויב מ׳איז נאָר פֿאַרליבט... נאָר איך... כ׳האָב זיך פֿאָרגעשטעלט...

דער לעצטער חודש האָט מיך זייער אַלט געמאַכט—און מיין ליבע, מיט אַלע אירע אויפֿרעגונגען און יסורים, האָט זיך מיר גופֿא אויסגעוויזן עפּעס אַזוי קליין, אַזוי קינדעריש, אַזוי אומבאַדייטנד לגבי יענעם אַנדערן, אומבאַקאַנטן עפּעס, וועגן וואָס כ׳האָב קוים געקאָנט האָבן אַ שטיקל השגה און וואָס האָט מיך געשראָקן, ווי אַן אומבאַקאַנט, שיין אָבער גרויזאַם געשטאַלט, וואָס דו באַמיסט זיך בחנם אָנצוקוקן אין דער האַלב־פֿינסטערניש...

אין דערזעלבער נאַכט האָט זיך מיר געחלומט אַן אויס־טערלישער, שרעקלעכער חלום. מיר האָט זיך געדוכט, אַז כ׳גיי אַריין אין אַ נידעריק, טונקל צימער... דער פֿאָטער שטייט מיט אַ שפּיץ־רוט אין האַנט און טופּעט מיט די פֿיס; אין אַ ווינקל האָט זיך צוגעטוליעט זינאַידאַ און נישט אויף דער האַנט, נאָר אויפֿן שטערן איז ביי איר אַ רויטער שטריך... און הינטער זיי

www.libtool.com.cn

ביידען הייבט זיך אויף בעלאָוואָראָוו אינגאַנצן אַ פאַרבלוטיק־טער, צעעפנט די בלאַסע ליפּן און דראָעט ביז דעם פאָטער.

אין צוויי חדשים אַרום בין איך אַריין אין אוניווערזיטעט, און אין אַ האַלב יאָר אַרום איז מיין פאָטער געשטאָרבן (פון אַן אַטאַק) אין פּעטערבורג, ווו ער האָט זיך נאָר־וואָס באַזעצט מיט מיין מוטער און מיט מיר. עטלעכע טעג פאַר זיין טויט האָט ער באַקומען אַ בריוו פון מאָסקווע, וועלכער האָט אים זייער אויפגערעגט... ער איז זיך געגאַנגען וועגן עפּעס בעטן ביי מיין מוטער און, מ׳זאָגט, אַז ער האָט זיך אַפילו צעוויינט, ער, מיין פאָטער! אינם זעלבן אינדערפרי אין יענעם טאָג, בעת ער האָט געקריגן דעם אַטאַק, האָט ער געהאַט אָנגעהויבן אַ בריוו צו מיר אויף פראַנצויזיש: „מיין זון,—האָט ער מיר געשריבן,—ציטער פאַר פרויען־ליבע, ציטער פאַר דאָסדאָזיקע גליק, פאַר דעמדאָזיקן סם"... מיין מוטער האָט נאָך זיין טויט אַוועקגעשיקט אַ גענוג גרויסע סומע געלט קיין מאָסקווע.

## XXII.

ס׳זיינען אַוועק אַ יאָר פיר. כ׳בין נאָר־וואָס אַרויס פון אוניווערזיטעט, און האָב נאָך גוט נישט געוווסט, וואָס כ׳זאָל מיט זיך אָנהייבן טאָן, אין וועלכער טיר אָנצוקלאַפּן; דערווייל האָב איך זיך אומגעדרייט פוסט־און־פּאַס. אין איינעם אַ שיינעם אָוונט האָב איך אין טעאַטער געטראָפן מיידאַנאָוון. ער האָט שוין באַוויזן חתונה צו האָבן און איז אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטן; אָבער קיין שנוי האָב איך אין אים נישט געפונען. ער פלעגט נאָך אַלץ נישט נייטיקערהייט אַריינפאַלן אין התפעלות און פונקט אַזוי שנעל פלעגט ער אויך ווערן מוטלאָזיק.

www.libtool.com.cn

—איר ווייסט,—האָט ער מיר צווישן אַנדערן געזאָגט ;—פרוי דאָלסקאַיאַ איז דאָ פאַראַן.

—וועלכע פרוי דאָלסקאַיאַ?

—איר האָט דען פאַרגעסן? די געוועזענע פירשטין זאַ-סעקינאַ, אין וועלכער מיר אַלע זיינען געווען פאַרליבט, און איר אויך. איר געדענקט, אויף דער זומער־וווינונג, נעבן ניעס-קוטשני?

—זי האָט חתונה־געהאַט מיט דאָלסקין?

—יאָ.

—און זי איז פאַראַן דאָ, אין טעאַטער?

—ניין, אין פעטערבורג, זי איז די טעג אַהער געקומען צו פאָרן ; זי קלייבט זיך קיין אויסלאַנד.

—וואָס פאַראַ מענטש איז איר מאַן?—האָב איך געפרעגט.

—אַ ווילער יונג מיט אַ פאַרמעגן. מיינער אַ מיטוווינער, אין מאָסקווע. איר פאַרשטייט—נאָך יענער געשיכטע... אייך דאַרף דאָס אַלץ זיין גוט באַקאַנט... (מיידאַנאָוו האָט פילדיי-טיק אַ שמייכל־געטאָן) איר איז נישט לייכט געווען צו טאָן אַ שידוך ; ס'זיינען געווען געוויסע פאָלגן... נאָר מיט איר שכל איז אַלץ מעגלעך. גייט אַריבער צו איר : זי וועט זיין זייער צופרידן מיט אייך. זי איז נאָך שענער געוואָרן.

מיידאַנאָוו האָט מיר געגעבן זינאַידאַס אַדרעס. זי איז געשטאַנען אין האָטעל „דעמוט". די אַלטע זכרונות האָבן זיך אין מיר אויפגעכאַפּט... כ'האָב זיך געגעבן אַ וואָרט גלייך אויפן אַנדערן טאָג צו באַזוכן מיין געוועזענע „פאַססיין". ס'האָבן זיך אָבער געמאַכט פאַרדרייעניש : ס'איז פאַרביי איין וואָך, אַ צווייטע, און בעת כ'בין לסוף אַוועק אין האָטעל „דעמוט" און געפרעגט אויף פרוי דאָלסקאַיאַ—האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זי איז מיט פיר טעג צוריק געשטאָרבן, כמעט פלוצלינג, פון אַ געבורט.

www.libtool.com.cn

ס'האָט מיך ווי עפּעס אין האַרץ אַ שטויס־געגעבן. דער געדאַנק, אַז כ'האָב זי געקאָנט זען, און נישט געזען, און וועל זי שוין קיינמאָל נישט זען—דערדאָזיקער ביטערער געדאַנק האָט זיך אין מיר איינגעטרונקען מיטן גאַנצן כח פֿון אומאָפּוווענדבאַרן פֿאָרוורף. געשטאָרבן!—האָב איך איבערגעחזרט, טעמפּ קוקנדיק אויפֿן שווייצאַר. כ'בין שטיל אַרויס אויף דער גאַס און אַוועק, אַליין נישט ווייסנדיק וווהין. דאָס גאַנצע פֿאַרגאַנגענע איז פֿאַר אייב־מאָל אויפֿגעשווומען און אויפֿגעשטאַנען פֿאַר מיר. און אָט, מיט וואָס ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אָט צו וואָס ס'האָט, אייליק און ברויזנד, געשטרעבט דאָסדאָזיקע יונגע, הייסע, גלענצנדע לעבן? איך האָב דאָס געטראַכט, איך האָב זיך עס פֿאָרגעשטעלט די־דאָזיקע טייערע שטריכן, די אויגן, די לאָקן—אין אַן ענגן קעסטל, אין פֿייכטער אונטערערדישער פּינסשטערניש—טאַקע דאָ, נישט ווייט פֿון מיר, דערווייל נאָך אַ לעבעדיקן, און אפֿשר עטלעכע טריט פֿון מיין פֿאָטער... איך האָב דאָס אַלץ געטראַכט, כ'האָב אָנגעשטרענגט מיין פֿאָרשטעלונג און אינצווישן:

„פֿון גלייכגילט־ליפּן כ'האָב געהערט אַ בשורה וועגן טויט

„און כ'האָב איר גלייכגילטיק פֿאַרנומען”—

האָט געקלונגען ביי מיר אין דער נשמה. אָ, יוגנט! יוגנט! דיך אַרט גאָרנישט, גלייך ווי דו וואָלסט באַזעסן אַלע אוצרות פֿון דער וועלט, אַפֿילו דער אומעט איז פֿאַר דיר אַ טרייסט, אַפֿילו דער טרויער פּאַסט דיר צום געזיכט, דו ביסט פֿול גלויבן אין זיך און פֿרעך, דו זאָגסט: איך אַליין לעבזעט! און ביי דיר אַליין פֿליען די טעג און פֿאַרשווינדן אָן שפּור און אָן חשבון, און אַלץ אין דיר פֿאַרשווינדט, ווי וואַקס אויף דער זון, ווי שניי... און אפֿשר באַשטייט דער גאַנצער סוד פֿון דיין צויבער נישט אין דער מעגלעכקייט אַלץ צו טאָנבאָר אין דער מעגלעכקייט צו טראַכטן, אַז דו וועסט אַלץ טאָן;—

www.libtool.com.cn

באַשטייט דוקא אין דעם, וואָס דו לאָזט איבערן ווינט די כחות
וועלכע דו וואָלסט אויף קיין שום אַנדער זאַך נישט געקאָנט
פאַרשווענדן,—אין דעם, אַז איטלעכער פון אונז רעכנט זיך
באמת פאַר אַן אויסבערענגער, אַז איטלעכער פון אונז מיינט
באמת, אַז ער האָט רעכט צו זאָגן: אָ, וואָס וואָלט איך גע־
טאָן, ווען כ׳וואָלט נישט פאַרלוירן בחנם קיין צייט!

און אָט איך... אויף וואָס האָב איך געהאַפּט, וואָס האָב
איך דערוואַרט, וואָס פאַר אַ רייכן עתיד האָב איך פאַרגעזען,
בעת כ׳האָב מיט איין זיפץ, מיט איין טרויעריקער עמפינדונג
באַגלייט אַ רגע דאָס אויפגעשוומענע געשפענסט פון מיין
ערשטער ליבע?

און וואָס איז דען מקוים געוואָרן פון דעם אַלעם, אויף
וואָס איך האָב געהאָפט? און איצטער, בעת אויף מיין לעבן
הייבן שוין אָן אָנלויפן אָוונט־שאָטנס—וואָס איז מיר דען גע־
בליבן מער פרישס, מער טייערס, ווי די ערינערונגען וועגן
יענעם שנעל־פאַרפלויגענעם, פרימאָרגנדיקן פרילינג־שטורם?

אָבער אומזיסט רייד איך אויף זיך לשון הרע. אויך
דעמאָלט, אין יענער לייכטזיניקער, יונגער צייט, בין איך נישט
געבליבן טויב צו דער טרויעריקער שטים, וואָס האָט צו מיר
גערופן; צו דעם פייערלעכן קלאַנג, וואָס איז צו מיר דערגאַנ־
גען פון יענער זייט קבר. כ׳דערמאָן זיך, אַז עטלעכע טעג נאָך
דעם, ווי כ׳האָב זיך דערוווּסט וועגן זינאַידאַס טויט, בין איך
אַליין, לויט אַן אייגענער שטאַרקער תשוקה בייגעווען דעם
טויט פון איינער אַן אָרעמער זקנה, וועלכע האָט געוווינט מיט
אונז אין איין הויז. אַ באַדעקטע מיט טראַנטעס, אויף האַרטע
ברעטער, מיט אַ זאַק אונטערן קאָפּ, איז די זקנה שווער און
פיינלעך אָפּגעשטאָרבן. איר גאַנץ לעבן איז אַוועק אין ביטערן
קאַמף מיט דער אַלטעגלעכער נויט; זי האָט נישט געזען קיין

www.libtool.com.cn

פרייד, נישט פאַרזוכט דעם האָניק פון גליק-האָט זיך געדוכט:
ווי אַזוי קאָן זי זיך נישט דערפרייען מיטן טויט, מיט איר
פרייהייט, מיט איר רו? און פונדעסטוועגן, אַזוי לאַנג ווי איר
זקנהשער גוף האָט זיך נאָך געעקשנט, אַזוי לאַנג ווי איר ברוסט
האָט זיך נאָך פיינלעך געהויבן אונטער דער אייז-קאַלטער האַנט,
וואָס האָט איר געפרעסט, אַזוי לאַנג ווי די לעצטע כחות האָבן
איר נישט פאַרלאָזן-האָט זיך די זקנה אַלץ געצלמט און גע־
פליסטערט: רבונו של עולם, פאַרגיב מיר מיינע זינד,-און
ערשט מיטן לעצטן פונק פון באַוווסטזיין איז פאַרשוווּנדן אין
אירע אויגן דער אויסדרוק פון פחד און גרויל פונם שטאַרבן.
און איך געדענק, אַז דאָ, ביי דעם טויטנבעט פון דערדאָזיקער
אָרעמער זקנה, איז מיר געוואָרן שרעקלעך פאַר זינאַידאַן, און
ס׳האָט זיך מיר פאַרגלוסט תּפילה־טאָן פאַר איר, פאַר מיין פאָ־
טער – און פאַר זיך.

1860

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# סטוק!.. סטוס!.. סטוק!..

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# I.

...מיר האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט אין אַ רעדל—און אַלעקסאַנדר וואַסילעוויטש ר י ד ע ל—אונזער גוטער באַקאַנטער (אַ פאַמיליע האָט ער געהאַט אַ דייטשע—אָבער ער איז געווען אַן אמתער רוס)—אַלעקסנדר וואַסילעוויטש האָט אָנגעהויבן אַזוי:

—איך וועל אייך דערציילן, מיינע הערן, אַ געשיכטע, וואָס האָט מיט מיר פּאַסירט אין די דרייסיקער יאָרן... אַ יאָר פערציק צוריק, ווי איר זעט. כ'וועל עס מאַכן בקיצור—און איר רייסט מיך נישט איבער.

איך האָב דאַן געוווינט אין פּעטערבורג—און האָב נאָרוואָס געענדיקט די אוניווערזיטעט. מיין ברודער האָט געדינט אין דער גוואַרדישער אַרטילעריע אַלס פּראַפּאָרשטשיק. זיין באַטאַרייע איז געשטאַנען אין קראַסנאָע סעלאָ—געווען איז עס זומער־צייט. מיין ברודער האָט געהאַט זיין קוואַרטיר אייגנטלעך נישט אין קראַסנאָע סעלאָ, נאָר אין איינעם פון די שכנותדיקע דערפלעך; איך בין נישט איינמאָל געווען ביי אים צו־גאַסט און בין באַקאַנט געוואָרן מיט אַלע זיינע חברים. ער האָט געוווינט אין אַ גאַנץ זויבער הויז צוזאַמען מיט אַן אַנדער אָפיציר פון זיין באַטאַרייע. דעמדאָזיקן אָפיציר האָט מען גערופן טעגליאָוו, איליאַ סטעפּאַנאָוויטש. מיט אים בין איך באַזונדער באָנט געוואָרן.

מאַרלינסקי איז איצטער פאַרעלטערט געוואָרן – קיינער

www.libtool.com.cn

לייענט אים נישט–און מען מאַכט פון אים חוזק; אָבער אין די דרייסיקער יאָרן האָט מיט אים געקלונגען מער ווי מיט אַלעמען–אַפילו פּושקין, לויט דער השגה פון דער דעמאָלטיקער יוגנט, האָט זיך מיט אים נישט געקאָנט פאַרגלייכן. ער האָט נישט נאָר געשמט אַלס ערשטער רוסישער שריפטשטעלער; ער האָט אַפילו–וואָס עס טרעפט אַ סך שווערער און זעלטענער–ביז אַ געוויסער מדרגה אַרויפגעלייגט זיין חותם אויף זיין דור. די העלדן אַ לאַ מאַרלינסקי האָט מען געקאָנט טרעפן אומעטום, בפרט אין דער פּראָווינץ און בפרט צווישן די אַרמייצעס און אַרטילעריסטן; זיי האָבן גערעדט, בריוו געשריבן מיט זיין לשון; אין אַ געזעלשאַפט האָבן זיי זיך געהאַלטן אָנגעצויגן, צוריקגעהאַלטן „מיט שטורם אין נשמה און פלאַם אינם בלוט", ווי דער לייטענאַנט בעלאָזאָר פון „פּרעגאַטס האָפנונגען". פרויען הערצער זיינען דורך זיי „געפאַנגען" געוואָרן. איבער זיי איז באַשאַפן געוואָרן דאַן דער צונאָמען „פאַטאַלער". דערדאָזיקער טיפּ האָט זיך, ווי באַוווסט, דערהאַלטן לאַנג, ביז פּעטשאָרינס צייטן. וואָס איז דען נישט געווען אין דעמדאָזיקן טיפּ? סיי ביירעניזם, סיי ראָמאַנטיזם; זכרונות וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועגן די דעקאַבריסטן–און פאַרגעטערונג פון נאַ-פּאָלעאָנען; אמונה אין מזל, אין שטערן, אין כח פונם כאַראַק-טער, פּאָזע און פּראַזע–און בענקעניש פון פוסטקייט; אומרויקע רעגונגען פון קליינלעכער אייגנליבע–און אמתע קראַפט און מוט; פיינע שטרעבונגען–און שלעכטע דערציונג, עם-הארצות; אַריסטאָקראַטישע אָנשטעלן–און דאָס אויספּיינערן זיך מיט ניש-טיקייטן... נאָר גענוג פילאָזאָפירן... כ'האָב דאָך צוגעזאָגט צו דערציילן עפּעס.

www.libtool.com.cn

## II.

דער פּאָדפּאָרוטשיק טעגליאָוו האָט געהערט טאַקע צו דעם מין פון אַזעלכע „פּאַטאַלע" מענטשן, כאָטש ער האָט נישט באַזעסן די אויסערלעכקייט, וועלכע איז בטבע געאייגנט ביי דידאָזיקע פּערזענלעכקייטן: ער איז, למשל, קיין האָר נישט ענלעך געווען צו לערמאָנטאָוס „פּאַטאַליסט". דאָס איז געווען אַ מענטש פון מיטעלן וווּקס, אַ גאַנץ פעטער, אַן איינגעהויקערטער, אַ העל־בלאָנדער; אַ געזיכט האָט ער געהאַט אַ רונדיקס, אַ פרישס, רויטבאַקיק, אַ פּאַרריסענע נאָז, אַ נידעריקער, אויף די שלעפן אַ פּאַרוואַקסענער שטערן און גרויסע, רעגלמעסיקע, אייביק אומבאַוועגלעכע ליפּן: ער האָט קיינמאָל נישט געלאַכט, נישט געשמייכלט אַפילו. בלויז זעלטן־ווען, אַז ער איז מיד געוואָרן און האָט זיך פּאַרהוסט, האָבן זיך אַרויסגעזען ביי אים פּירקאַנטיקע ציין, ווייסע, ווי צוקער. דיזעלביקע קינסטלעכע אומבאַוועגלעכקייט איז געווען אויסגעשפּרייט איבער אַלע זיינע שטריכן: ווען נישט זי, די אומבאַוועגלעכקייט, וואָלטן די שטריכן זיינע געהאַט אַ גוטמוטיק אויסזען. אין זיין גאַנצע צורה זיינען בלויז די אויגן געווען נישט אינגאַנצן געוויינלעך, נישט קיין גרויסע זיינען זיי געווען, מיט גרינע שוואַרצאַפּלען און געלע וויעס: דאָס רעכטע אויג איז עטוואָס געווען העכער פונם לינקן, און אויפן לינקן אויג האָט זיך די ברעם אויפגעהויבן וויינ־ קער, ווי אויפן רעכטן, וואָס עס האָט צוגעגעבן זיין בליק עפּעס אַ מין פּאַרשיידנקייט און אויסטערלישקייט און שלעפּע־ ריקייט. טעגליאָווס פיזיאָנאָמיע, וואָס האָט, איבעריקנס, פּאַר־ מאָגט אַ געוויסע אָנגענעמקייט, האָט כמעט שטענדיק אויסגע־

www.libtool.com.cn

דריקט אומצופרידנקייט, מיט אַ צומיש פון פּאַרספּעקטקייט: גלייך ווי ער וואָלט אינעווייניק אין זיך נאָכגעשפּירט נאָך אַ נישט פריילעכער מחשבה, וועלכע ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט תופס זיין. ביי דעם אַלעם האָט ער נישט געמאַכט קיין איינ־דרוק פון אַ בעל-גאווה: מ׳האָט אים גיכער געקאָנט אָנעמען פאַר אַ באַליידיקטן, איידער פאַר אַ גאווהדיקן מענטש. גערעדט האָט ער זייער ווייניק, פאַרהאַקנדיק זיך ביים ריידן, מיט אַ הייזעריקלעכער שטים, איבערחזרנדיק אומנייטיק די ווערטער. להפוך צו דעם גרעסטן טייל פּאַטאַליסטן, האָט ער קיין באַ־וונדער מליצהדיקע איסדריקן נישט באַנוצט—און האָט זיי נאָר געבּרויכט אין שרייבן: אַ האַנטשריפט האָט ער געהאַט אַן אמת קינדישע. נאַטשאַלסטוואָ האָט אים געהאַלטן פאַר „אַזוי־זיך" אַן אָפיצער,—פאַר אַ נישט צו פעיקן און נישט גאַנץ פלייסיקן. „פּאַראַן פּינקטלעכקייט-אָבער קיין אַקוראַטנעקייט איז נישטאָ", האָט וועגן אים געזאָגט דער בריגאַדע-גענעראַל פון דייטשער אָפּשטאַמונג. און אויך פאַר די סאָלדאַטן איז טעגליאָזו געווען —„אַזוי־זיך"—נישט מילכיק, נישט פליישיק. געלעבט האָט ער באַשיידן, לויט זיין פאַרמעגן. אויפן ניינטן יאָר פון זיין לעבן איז ער געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום: זיין פאָטער און מוטער זיינען דערטרונקען געוואָרן פרילינג־צייט, בעת אַ גרויסן גע-וויסער, ביים איבערשווימען אויף אַ פּאַראָם דורך דער אָקאַ. ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ פּריוואַטן פּאַנסיאָן, ווו מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר איינעם פון די טעמפּסטע און רויקסטע תלמידים. לויטן אייגענעם שטאַרקן פאַרלאַנג און לויט דער רע־קאָמענדאַציע פון אַן עלטער־פּעטער, אַן איינפלוסרייכן מענטש, איז ער אָנגעקומען אַלס יונקער אין דער גוואַרדישער אַרטי-לעריע—און, כאָטש מיט גרויס מי, דאָך האָט ער אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען לכתחילה אויף פּראַפּאָרשטשיק, נאָכדעם אויף

www.libtool.com.cn

פּאָדפּאָרוטשיק. מיט די אַנדערע אָפיצערן האָט ער זיך געפונען אין אָנגעצויגענע באַציונגען. מ׳האָט אים נישט ליב געהאַט, באַזוכט האָט מען אים זעלטן־ווען—און ער גופא איז אויך כמעט צו קיינעם נישט געגאַנגען. די אָנוועזנהייט פון זייטיקע מענטשן האָט אים געקוועלט; ער איז גלייך געוואָרן אומנאַטירלעך, אומבאַקוועם... ער האָט אין זיך גאָרנישט געהאַט קיין חברישס—און מיט קיינעם האָט ער זיך נישט „געדוצט״. אָבער געאַכט האָט מען אים יאָ; און געאַכט האָט מען אים נישט פאַר זיין כאַראַקטער אָדער שכל און געבילדעטקייט — נאָר דערפאַר, ווייל מ׳האָט אויף אים דערקענט יענעם באַזונדערן חותם, מיט וועלכן ס׳זיינען געצייכנט די „פאַטאַלע״ מענטשן. „טעגליאָוו האָט געמאַכט אַ קאַריערע, טעגליאָוו וועט זיך מיט עפּעס אויסצייכענען״—דאָס האָט זיך קיינער פון זיינע חברים נישט פאָרגעשטעלט; —אָבער „טעגליאָוו וועט ווייזן עפּעס אַן אויסערגעוויינלעך שפּיצל״—אָדער: „פון טעגליאָוון זאָל ווערן אַ נאַפּאָלעאָן״—דאָס האָט זיך נישט גערעכנט פאַר אַן אומעגלעכע זאַך. ווייל דאָ ווירקט דער „שטערן״—און. ער איז דאָך אַ מענטש מיט אַ „פאָרבאַשטימטן גורל״—ווי עס זיינען די מענטשן מיט „אַ זיפץ״ און „אַ טרער״.

## III.

צוויי צופאַלן, וועלכע באַצייכענען דעם סאַמע אָנהייב פון זיין אָפיצירן-דינסט, האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו פאַרזיכערן אים זיין פאַטאַלע רעפּוטאַציע. און דהיינו: אין סאַמע ערשטן טאָג, וואָס ער איז געוואָרן אָפיצער—אַרום מיטן מערץ—איז ער צוזאַמען מיט אַנדערע נאָר-וואָס אַרויסגעלאָזטע אָפיצערן געגאַנגען

www.libtool.com.cn

אין פולער פּאַראַד־פּאָרם איבערן שטראַנד. אין יענעם יאָר איז פרי געקומען דער פרילינג, די נעוואַ האָט זיך געעפנט; די גרויסע קריעס זיינען שוין פאַרבייגעגאַנגען, נאָר דער גאַנצער טייך איז געהעמט געוואָרן דורך אַ קליינעם, צענויפגעפרעסטן אייז, דורכגעזאַפּט מיט וואַסער. די יונגעלייט האָבן גערעדט, געלאַכט... מיטאַמאָל האָט זיך איינער פון זיי אָפּגעשטעלט: ער האָט דערזען אויף דער לאַנגזאַם-זיך רירנדער אויבערפלאַך פונם טייך, אַ צוואַנציק טריט פונם ברעג, אַ קליין הינטל. אַרויפקריכנדיק אויף אַ כלומרשטער קריע, האָט עס געציטערט מיטן גאַנצן קערפּערל און געהילכט. „עס וועט דאָך אומקומען"—האָט אַרויסגעזאָגט אַן אָפּיצער דורך די ציין. דאָס הינטל איז שטיל אַדורכגעטראָגן געוואָרן פאַרביי איינעם פון די טרעפּ, וואָס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן לענג־אויס דעם שטראַנד. פּלוצלינג איז טעגליאָוו, נישט ריידנדיק קיין וואָרט, אַראָפּגעלאָפן איבער דיזעלבע טרעפּ אַראָפּ און איבערשפּרינגענדיק איבער אַ דינעם אייז, פאַלנדיק און טאַנצנדיק, האָט ער זיך דערקליבן צום הינטל, אַ כאַפּ־געטאָן עס פאַרן נאַקן און אומקערנדיק זיך בשלום אויפן ברעג האָט ער עס אַ שליידער־געטאָן אויפן ברוק. די סכנה, אין וועלכער טעגליאָוו האָט זיך געשטעלט, איז געווען אַזוי גרויס, זיין עובדא איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַז זיינע חברים זיינען ווי דערשטוינט געוואָרן—און ערשט דאַן האָבן זיי גענומען ריידן אַלע פאַר איין מאָל, בעת ער האָט אַ רוף־געטאָן אַן איזוואָשטשיק, כדי צו זיך אַהיים פאָרן; דער גאַנצער מונדיר איז אויף אים נאַס געווען. אויף זייערע אויסרופן פון פאַרווונדערונג, האָט טעגליאָוו קאַלטבלוטיק אַרויסגעמורמלט, אַז וואָס עמעצן איז באַשערט אין לעבן, ווערט עס יענער נישט אויסמיידן—און האָט געהייסן דעם קוטשער פאָרן.

—טאָ נעם זשע דיר דעם הונט מיט זיך צום אָנדענקען,—

www.libtool.com.cn

האָט אויסגעשריען איינער פון די אָפיצערן. אָבער טעגליאָוו האָט נאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט—און זיינע חברים האָבן זיך איבערגעקוקט אין שטומער דערשטוינונג.

אַ צווייטער פאַל איז פאָרגעקומען אין עטלעכע טעג אַרום, אויף אַ קאָרטן־אָוונט ביים באַטאַרייע־קאָמאַנדיר. טעגליאָוו איז געזעסן אין אַ ווינקל און קיין אָנטייל נישט גענומען אין שפּיל. „עך, ווען די באָבעשי, ווי אין פּושקינס „דאַמע פּיק", וואָלט מיר פאָרויס געזאָגט, וועלכע קאָרטן ס'דאַרפן געווינען!"—האָט איין פּראַפּאָרשטשיק אויסגערופן, אַראָפּלאָזנדיק זיין דריטע טויזנט. טעגליאָוו האָט זיך שווייגנדיק דערנענטערט צום טיש, גענומען די טאַליע קאָרטן, אַראָפּגענומען און זאָגנדיק: זעקסטל שעל!—האָט ער איבערגעקערט די טאַליע קאָרטן: אונטן איז געווען זעקסטל שעל.—טויז צלם!—האָט ער אויסגערופן און ווידער אַראָפּגענומען: פון אונטן האָט זיך אַרויסגעוויזן די טויז צלם.—מלך שעל!—האָט ער אַרויסגערעדט צום דריטן מאָל מיט אַ בייזן פּליסטער, דורך צונויפגעפּרעסטע ציין—געטראָפן צום דריטן מאָל... און מיטאַמאָל האָט ער זיך אינגאַנצן פאַררייטלט. אפנים, ער האָט עס אַליין נישט דערוואַרט. „אַן אויסגעצייכנטער פאָקוס! ווייזט נאָך עפּעס", האָט דער באַטאַרייע־קאָמאַנדיר באַמערקט.—„מיט קיין קונץ־שטיק פאַרנעם איך זיך נישט",—האָט טעגליאָוו טרוקן געענטפערט—און איז אַרויס אין אַן אַנדער חדר. אויף וואָסער אופן איז עס געשען, וואָס ער האָט פאָרויס געטראָפן די קאָרט—נעם איך זיך נישט אונטער צו דערקלערן: אָבער געזען האָב איך עס מיט די אייגענע אויגן. נאָך אים האָבן אַ סך פון די ביייזנדע שפּילער געפּרוווט מאַכן דאָסזעלביקע—און קיינעם איז עס נישט געלונגען: איין קאָרט האָט נאָך איינער געטראָפן, אָבער צוויי פאַר אַמאָל—בשום אופן נישט. און ביי טעגליאָוון זיינען אַרויס גאַנצע דריי! דערדאָזיקער פאַל

www.libtool.com.cn

האָט נאָך מער פאַרפעסטיקט זיין רעפּוטאַציע פון אַ געהיימניס־פולן, פאַטאַלן מענטש. נאָכדעם איז מיר אָפּטמאָל איינגעפאַלן, אַז ווען אים געלינגט נישט די קונץ מיט די קאָרטן—ווער ווייס וואָס פאַר אַ ווענדונג זיין רעפּוטאַציע וואָלט אָנגענומען, און ווי ער אַליין וואָלט אויף זיך געקוקט. אָבער דאָסדאָזיקע אומ־געריכטע געלינגען האָט ענדגילטיק די זאַך באַשלאָסן.

## IV.

פאַרשטייט זיך, אַז טעגליאָוו האָט זיך תיכף געכאַפּט פאַר דערדאָזיקער רעפּוטאַציע. זי האָט אים צוגעגעבן אַ באַזונדער באַדייטונג, אַ באַזונדער קאָלאָריט... Cela le posait, ווי די פראַנצויזן דריקן זיך אויס,—און ביי זיין נישט איבעריקן שכל, נישט באַדייטנדע קענטנישן און גרויסער אייגנליבע, איז אים אַזאַ רעפּוטאַציע פּונקט צונויץ געקומען. פאַרדינען זי איז גע־ווען שווער, אָבער דערהאַלטן זי—איז קיין קונץ נישט געווען: מ׳האָט נאָר באַדאַרפט שווייגן און זיין אַ מרוק. נאָר נישט אַ דאַנק דערדאָזיקער רעפּוטאַציע בין איך זיך צונויפגעגאַנגען מיט טעגליאָוון—און מ׳קאָן זאָגן, אים ליב געקריגן. ליב געקריגן האָב איך אים, ערשטנס, דערפאַר, ווייל כ׳בין אַליין געווען אַ פּורש מן הצבור—און האָב געזען אין אים אַ מיטברודער; און, צווייטנס, אויך דערפאַר, ווייל אַ מענטש איז ער געווען אַ גאַנץ ווילער און, אין תוך, אַן אויפריכטיקער. ער פלעגט דערוועקן אין מיר אַ מין מיטגעפיל; ס׳פלעגט זיך מיר דוכטן, אַז אַ חוץ זיין אומנאַטירלעכער פאַטאַליטעט, איז איבער אים באמת שווער געהאָנגען אַ טראַגישער גורל, וועלכן ער אַליין האָט נישט גע־זען. פאַרשטייט זיך, אַז דעמדאָזיקן געפיל האָב איך אים

www.libtool.com.cn

ישט אַרויסגעזאָגט: דערוועקן רחמנות—קאָן דען זיין אַן ערגע-
רער בזיון פאַר אַ „פּאַטאַלן״ מענטש? און טעגליאָוו איז צו מיר
געווען גוט אויפגעלייגט: מיט מיר איז אים געווען לייכט, מיט
מיר האָט ער געשמועסט,—אין מיין אָנוועזנהייט איז ער גרייט
געווען אַוועקצוואַרפן יענעם משונהדיקן פּיעדעסטאַל, אויף
וועלכן ער איז נישט אַליין אַרויפגעקראָכן און נישט אַרויפגע-
פאַלן. אַ פּיינלעך, קרענקלעך־אייגנליביקער, האָט ער, אפנים,
פונדעסטוועגן, אין דער טיפקייט פון נשמה מודה געווען, אַז
ער באַרעכטיקט מיט גאָרנישט זיין אייגנליבע, און אַז אַנדערע
קאָנען, אפשר, אויף אים קוקן פון אויבן אַראָפּ... און איך, אַ
ייִנגצניאָריק יינגל, האָב אים נישט געשטערט; די מורא צו
זאָגן עפּעס נאַריש, נישט פּאַסיקס אין מיין געגנוואַרט האָט
נישט געדריקט זיין אייביק־וואַכיק האַרץ. ער איז אַפילו אַמאָל
אַריינגעפאַלן אין פלוידעריי; און וויל צו אים, וואָס אַחוץ
מיר, האָט קיינער נישט געהערט זיינע רייד! זיין רעפּוטאַציע
וואָלט זיך נישט לאַנג געהאַלטן. ער האָט נישט נאָר געקענט
זייער ווייניק—ער האָט כמעט גאָרנישט געלייענט, און האָט זיך
באַגרענעצט דערמיט, וואָס ער האָט זיך אָנגענומען מיט געהע-
ריקע אַנעקדאָטן און געשיכטעס. ער האָט געגלייבט אין פאָר-
געפילן, טרעפענישן, סמנים, באַגעגנישן, אין מזלדיקע און
שלימזלדיקע טעג, אין רדיפות אָדער גוטע נייגונג פונם גורל.
מיט איין וואָרט—אין דער פילדייטיקייט פונם לעבן. ער האָט
אַפילו געגלייבט אין אַזעלכענע „קלימאַטערישע״ יאָרן, וועגן
וועלכע עמיץ האָט אין זיין געגנוואַרט דערמאָנט און וואָס זייער
באַדייטונג האָט ער אַליין גוט נישט פאַרשטאַנען. פאַטאַלע
מענטשן פון געגנווערטיקן שניט דאַרפן נישט אַרויסווייזן אַזעל-
כע ענלעכע גלייבונגען: זיי דאַרפן עס אויפוועקן ביי אַנדערע...
אָבער טעגליאָוון, פון דערדאָזיקער זייט, האָב איך אַליין
נאָר געקענט.

# V.

איינמאָל, געדענקט זיך, אין מיטן אילין־טאָג, דעם 20־טן יולי, בין איך געפאָרן צו גאַסט צו מיין ברודער—און אים נישט געטראָפן: ער איז אַוועקגעפאָרן אין „קאָמאַנדיראָווקע” אויף אַ גאַנצע וואָך. אומקערן זיך קיין פעטערבורג האָב איך נישט געוואָלט? האָב איך זיך אומגעשלעפט מיט דער ביקס איבער די לאָנקעס פון דער סביבה; דערשאָסן אַ פּאָר בעקאַסן, און דעם אָוונט האָב איך פאַרבראַכט מיט טעגליאָוון אויפן בוידעם פון אַ פּוסטן שייער, אין וועלכן ער האָט איינגעאָרדנט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, זיין זומער־רעזידענץ. מיר האָבן וועגן עפּעס געפּלוידערט און איבעריקנס על־פּי־רוב געטרונקען טיי, געררויכערט די לולקעס און געשמועסט דאָ מיטן בעל־הבית, אַ רוסיפיצירטער טשוכאָנעץ, דאָ מיט אַ הענדלער, וואָס האָט זיך געדרייט אַרום דער באַטאַרייע, אַ פּאַרקויפער פון „פייגע פּעלצינען און לימאָנעץ”, אַ ליבלעכער מענטש און אַ וויצלינג, וועלכער האָט באַזעסן אַ סך פעיקייטן און האָט אויך געקאָנט שפּילן אויף אַ גיטאַרע און ער האָט אונז דערציילט וועגן אַן אומגליקלעכער ליבע, וואָס ער האָט אין דער „יוגנט” געפילט צו דער טאָכטער פון אַ דאָרף־„קנעפּל”, ווערנדיק עלטער, האָט דערדאָזיקער דאָן־זשואַן אין אַן אַלעקסאַנדריש העמדל שוין נישט געוווּסט פון קיין אומגליקלעכע ראָמאַנען. פאַר די טויערן פון אונזער שייער האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ברייט פלאַך־פעל[illegible], ווערנדיק ביסלעכווייז פאַרטיפט; אַ קליין טייכל האָט ערטערווייז געבלאַנקט אין די קרומקייטן פון די ראָוון; ווייטער, אין האָריזאָנט, האָבן זיך געזען נידריקע וועלדער. די נאַכט האָט זיך

www.libtool.com.cn

אָנגערוקט, און מיר זיינען געבליבן אַליין. צוזאַמען מיט דער נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד אַ דינער, פייכטער דאַמף, וועלכער האָט זיך אַלץ מער און מער פאַנאַנדערגעוואָקסן און פאַרוואַנדלט געוואָרן לסוף אין אַ געדיכטן נעבל. אויפן הימל איז אויפגעגאַנגען די לבנה: דער גאַנצער נעבל איז דורכגעדרונגען געוואָרן דורך און דורך און איז ווי באַגילדט געוואָרן מיט איר שיין. אַלץ האָט זיך מאָדנע איבערגערוקט, איינגעהילט און צענויפגעמישט; דאָס ווייטע האָט אויסגעוויזן נאָנט, דאָס נאָנטע—ווייט, דאָס גרויסע—קליין, דאָס קליינע—גרויס... אַלץ איז געוואָרן ליכטיק און אומקלאָר. מיר האָבן זיך ווי איבערגעטראָגן אין אַ לעגענדאַריש קעניגרייך, אין קעניגרייך פון ווייס־זילבערדיקן נעבל, טיפער שטילקייט, לייכטן שלאָף... און ווי סודותדיק, מיט וואָסערע זילבערנע פונקען האָבן פון אויבן דורכגעדרונגען די שטערן! מיר זיינען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן. דאָס פאַנטאַסטישע געשטאַלט פון דערדאָזיקער נאַכט האָט אויף אונז געווירקט: עס האָט אונז אַריינגעבראַכט אין אַ פאַנטאַסטישער שטימונג.

## VI

טעגליאָוו האָט דער ערשטער גענומען ריידן, מיט זיינע געוויינלעכע אָפּגעהאַקטע, נישט־דערזאָגטע ווערטער און איבער־חזרונגען, וועגן פאָרגעפילן... וועגן געשפּענסטער. אין פונקט אַזאַ נאַכט, ווי ער דערציילט, האָט זיינער אַ באַקאַנטער סטו־דענט, וועלכער איז נאָר וואָס אָנגעקומען אַלס גוווערנער צו צוויי יתומים און האָט זיך באַזעצט מיט זיי אין אַ פאַוויליאָן, אין אַ גאָרטן,—אין פונקט אַזאַ נאַכט האָט ער דערזען אַ פרויען־

www.libtool.com.cn

פיגור, איבערגעבויגן איבער זייערע געלעגערס, און אויפֿן צווייטן טאָג האָט ער דערקענט דידאָזיקע פיגור אינם פּאָרטרעט, וועלכן ער האָט ביז איצט נישט באַמערקט און וועלכער שטעלט־פֿאָר די מוטער פֿון דיזעלבע יתומים. נאָכדעם האָט מיר טעגליאָוו דערציילט, אַז זיינע עלטערן האָט זיך עטלעכע טעג פֿאַר זייער אומקומען כּלומרשט אויסגעדוכט אַ געֶרויש פֿון וואַסער; אַז זיין זיידע האָט כּלומרשט אין דער באָראָדינאַ־שלאַכט זיך אַרויס־געדרייט פֿון טויט דורכדעם, וואָס, דערזעענדיק אויף דער ערד אַ פּשוטן גרויען קיזלשטיין, האָט ער זיך פּלוצלינג איינגעבויגן און אים אויפֿגעהויבן—און אין דערזעלבער רגע איז איבער זיין קאָפּ אַדורכגעפֿלויגן אַ גראַנאַט און צעבראָכן זיין לאַנגן שוואַרצן סולטאַן.*) טעגליאָוו האָט מיר אַפֿילו צוגעזאָגט צו ווייזן דעמ־זעלבן קיזלשטיין, וואָס האָט מציל געווען זיין זיידן און וועלכן ער האָט איינגעפּאַסט אין אַ מעדאַליאָן. שפּעטער האָט ער גע־רעדט מכּחן באַרוף פֿון איטלעכן מענטש און וועגן זיינעם בפּרט און צוגעגעבן, אַז ביזאַהער גלייבט ער אין אים, און אַז אויב אין אים וועלן זיך דערוועקן ספֿיקות בנוגע דעם, וועט ער זיך דאַן קאָנען אַן עצה געבן מיט זיי און מיטן לעבן, ווייל דע־מאָלט וועט דאָס לעבן פֿאַרלירן פֿאַר אים יעטוועדע באַדייטונג.

„איר מיינט אפשר,—האָט ער אַרויסגערעדט, אַ קוק־טוענדיק פֿון דער קרים אויף מיר:—אַז מיר וועט נישט קלעקן קיין מוט? ווייבאַלד אַזוי, קענט איר מיך נישט... כ'האָב אַן אייזערנעם ווילן!"

„גוט געזאָגט", האָב איך אַ קלער־געטאָן ביי זיך. טעגליאָוו האָט זיך פֿאַרקלערט, טיף אָפּגעזיפֿצט און אַרויס־

*) פֿעדערבוש אויף מיליטערישע העלמען.

www.libtool.com.cn

לאָנדיק פון האַנט די לולקע האָט ער מיר דערקלערט, אַז היינטיקער טאָג איז פאַר אים זייער אַ וויכטיקער.—היינט איז דער אילין־טאָג—מיין נאָמען־טאָג... דאָס... דאָס איז פאַר מיר שטענדיק אַ שווערע צייט.

כ׳האָב גאָרנישט געענטפערט און נאָר געקוקט אויף אים, ווי ער איז געזעסן פאַר מיר, אַן איינגעבויגענער, אַן איינגע־הויקערטער, אַן אומגעשיקטער, מיט אַן אָנגעשטעלטן שלעפעריקן בליק אויף דער ערד.

—היינט,—האָט ער ווייטער גערעדט:—האָט איינע אַ זקנה אַ בעטלערין (טעגליאָוו האָט נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין אָרע־מאַן, ער זאָל אים נישט געבן קיין נדבה) מיר געזאָגט, אַז זי וועט מתפלל זיין פאַר מיין נשמה... צי איז עס נישט משונה־דיק?

„אַ חשק פון אַ מענטשן צו באַשעפטיקן זיך אַלץ מיט זיך?" האָב איך אַ טראַכט געטאָן. איך מוז פונדעסטוועגן צוגעבן, אַז די לעצטע צייט האָב איך גענומען באַמערקן אויף טעגליאָווס פנים אַן אומגעוויינלעכן אויסדרוק פון דאגה און אומרו, און נישט קיין „פּאַטאַלע" מעלאַנכאָליע איז עס געווען: ס׳האָט אים באמת עפעס גענאָגט און געפייניקט. אויך דאָס מאָל האָט מיך איבערראַשט די טרויעריקייט, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט איבער זיינע געזיכט־שטריכן. צי האָבן שוין נישט אָנגעהויבן אין אים אַריינדרינגען יענע ספקות, וועגן וועלכע ער האָט מיט מיר גערעדט? טעגליאָווס חברים האָבן מיר דערציילט, אַז נישט לאַנג פאַר דעם, האָט ער דערלאַנגט צו „נאַטשאַלסטוואָ" אַ פּראָיעקט מכח איבעררעפאָרמירונגען אויפן „לאַפּעטן־געביט" און אַז „נאַטשאַלסטוואָ" האָט אים דעם פּראָיעקט אומגעקערט מיט אַן „אָנשריפט", ד. ה. מיט אַן אויסרייד. קענענדיק זיין נאַטור,

www.libtool.com.cn

בין איך נישט געווען מסופק, אַז אַזאַ גרינגשעצונג פון „נאַטשאַלסטוואָ“ האָט אים טיף באַליידיקט. אָבער דאָס, וואָס כ׳האָב, דוכט, געזען אין טעגליאָוון, איז גיכער ענלעך געווען צו אומעט, האָט געהאַט אַ מער פּערזענלעכן קאָלאָריט.

—פונדעסטוועגן ווערט דאָך פּייכט,—האָט ער מיטאַמאָל אַרויסגערעדט און אַ צוק־געטאָן מיט די אַקסלען :—לאָמיר אַריינגיין אין שטוב, אגב איז שוין צייט צו שלאָפן.

ער האָט געהאַט אַ טבע צו צוקן מיט די אַקסלען און דרייען מיטן קאָפּ פון איין זייט אויפן אַנדערן, גלייך ווי דער האַלזטוך וואָלט אים ענג געוואָרן ; דערביי פלעגט ער זיך אַ כאַפּ־טאָן מיט דער רעכטער האַנט פאַרן גאָרגל. טעגליאָווס כאַראַקטער האָט זיך אויסגעדריקט,—אַזוי, על כל פנים, האָט מיר אויסגעוויזן,—אין דערדאָזיקער בענקנדיקער און נערוועזישער באַוועגונג. אים איז אויך געווען ענג אויף דער וועלט.

מיר האָבן זיך אומגעקערט אין הויז און זיך געלייגט, יעדערער אויף אַ באַנק, ער אויבנאָן, איך—אין פאָדערשטן ווינקל, אויף אויסגעשפּרייטן היי.

## VII.

טעגליאָוו האָט זיך לאַנג געדרייט אויף זיין באַנק, און אויך איך האָב נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. צי זיינע מעשות האָבן צעררייצט מיינע נערוון, אָדער דידאָזיקע מאָדנע נאַכט האָט צערעגט מיין בלוט—דאָס ווייס איך נישט ; נאָר כ׳האָב נישט געקאָנט איינשלאָפן. יעדער ווילן צו שלאָפן איז לסוף פאַרשוונדן, און כ׳בין געלעגן מיט אָפענע אויגן און געטראַכט. אָנגעשטרענגט געטראַכט גאָט ווייסט וועגן וואָס, וועגן די סאַ-

www.libtool.com.cn

מע נאַרישסטע זאַכן,—ווי דאָס טרעפט שטענדיק בעת אַ שלאָפ־לאָזער נאַכט. איבערדרייענדיק זיך פון איין זייט אויפן אַנדערן, האָב איך אויסגעשטרעקט די הענט... דערביי האָב איך צע־קלאַפּט אַ פינגער אָן איינעם פון די וואַנט־קלעצער. ס'האָט זיך דערהערט אַ שוואַכער, אָבער הילכיקער און דויערנדער קלאַנג... כ'האָב, ווייזט־אויס, געטראָפן אויף אַ פוסט אָרט.

כ'האָב אַ צווייט מאָל אַ קלאַפּ-געטאָן מיטן פינגער... שוין בכיוון. דער קלאַנג האָט זיך איבערגעחזרט. דאַן האָב איך נאָכאַמאָל... פלוצלינג האָט טעגליאָוו אונטערגעהויבן דעם קאָפּ.

—רידעל,—האָט ער אַרויסגערעדט:—איר הערט, עמעץ קלאַפּט הינטערן פענסטער.

כ'האָב זיך געמאַכט שלאָפנדיק. ס'האָט זיך מיר מיטאַמאָל פאַרגלוסט אַ טרייב צו טאָן קאַטאָוועס איבער מיין פאַטאַלן חבר. אַלץ איינס—קיין שלאָף נעמט נישט.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויפן קישן. איך האָב אונטערגעוואַרט אַ ווייל און אויפסניי אַ קלאַפּ־געטאָן דריי מאָל נאָכאַנאַנד.

טעגליאָוו האָט זיך ווידער אונטערגעהויבן און זיך גענער־מען צוהערן.

איך האָב נאָכאַמאָל אַ קלאַפּ־געטאָן. כ'בין געלעגן צו אים מיטן פנים, אָבער מיין האַנט האָט ער נישט געקאָנט זען... כ'האָב זי צוריק פאַרוואָרפן, אונטערן צודעק.

—רידעל!—האָט טעגליאָוו אַ געשריי־געטאָן.

כ'האָב זיך נישט אָפּגערופן.

—רידעל!—האָט ער הויך איבערגעחזרט.—רידעל!

—אַ? וואָס איז?—האָב איך געזאָגט, ווי דורכן שלאָף.

איר הערט נישט, עמעץ קלאַפּט אַלץ הינטערן פענסטער.

ער בעט זיך מסתמא אין שטוב אַריין.

www.libtool.com.cn

—אַוודאי אַ דורכגייער...—האָב איך אַרויסגעמורמלט.

—דאַרף מען אים אַריינלאָזן, אָדער געוואָר ווערן, וואָס דאָס איז פאַר אַ מענטש?

אָבער איך האָב שוין נישט געענטפערט און זיך ווידער געמאַכט שלאָפעדיק.

עטלעכע מינוט זיינען פאַרביי... כ'האָב זיך ווידער גענומען פאַר דאָס מייניקע...

„סטוק... סטוק... סטוק!..."

טעגליאָוו האָט זיך תיכף אויסגעגלייכט און גענומען זיך איינהערן.

„סטוק... סטוק... סטוק! סטוק... סטוק... סטוק!..."

דורך די האַלב־געשלאָסענע וויעס, ביים ווייסלעכן שיין פון דער נאַכט, האָב איך געקאָנט גוט נאָכקוקן אַלע זיינע באַוועגונגען. ער האָט געווענדט זיין פנים דאָ צום פענסטער, דאָ צו דער טיר. ס'איז באמת שווער געווען צו פאַרשטיין, פונוואַנען דער קלאַנג האָט זיך געטראָגן: ער איז ווי דורכגע־לאָפן איבערן גאַנצן חדר, גלייך ווי ער וואָלט זיך געגליטשט לענג־אויס די ווענט. כ'האָב פונקט געטראָפן אויף אַן אַקוסטישן אָדערל.

„סטוק... סטוק... סטוק!..."

—רידעל!—האָט טעגליאָוו לסוף אַ געשריי־געטאָן.—רידעל! רידעל!

—וואָס איז געשען?—האָב איך אויסגערעדט גענעצנדיק.

—צי דען הערט איר גאָרנישט! עס קלאַפּט דאָך עמעץ!

—נו, זאָל ער קלאַפּן!—האָב איך געענטפערט און ווידער געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז כ'בין אַנטשלאָפן געוואָרן און אפילו גענומען כראָפּען...

טעגליאָוו האָט זיך באַרויקט.

www.libtool.com.cn

„סטוק... סטוק... סטוק!..."

—ווער איז דאָרט?—האָט טעגליאָוו אויסגעשריען.—אַריין! קיינער, פאַרשטייט זיך, האָט נישט געענטפערט.

„סטוק... סטוק... סטוק!..."

טעגליאָוו איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער, געעפנט דאָס פענסטער, און אַרויסרוקנדיק דעם קאָפּ אין דרויסן, האָט ער געפרעגט מיט אַ ווילדן קול:

—ווער איז דאָרט? ווער קלאַפּט עס?

נאָכדעם האָט ער געעפנט די טיר און איבערגעחזרט זיין פראַגע. אין דער ווייטנס האָט בלויז אַ פערד אַ הירזשע-געטאָן—און מער גאָרנישט.

ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין געלעגער...

„סטוק... סטוק... סטוק!"

טעגליאָוו האָט זיך מאָמענטאַל איבערגעדרייט און זיך אויפגעזעצט.

„סטוק... סטוק... סטוק!"

טעגליאָוו האָט פלינק אָנגעטאָן די שטיוול, אַרויפגעוואָרפן דעם שינעל אויף די אַקסלען, און אָפּטשעפּענדיק די שווערד פון דער וואַנט אַראָפּ, איז ער אַרויס פון שטוב. איך האָב געהערט, ווי ער איז צוויי מאָל אַרומגעגאַנגען אַרום הויז און אַלץ געפרעגט: „ווער איז דאָ? ווער גייט עס דאָ? ווער קלאַפּט עס?" נאָכדעם איז ער פלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן, איז גע־שטאַנען אַ ביסל אויף איין אָרט אויף דער גאַס, נישט ווייט פונם ווינקל, ווו איך בין געלעגן, און מער שוין קיין וואָרט נישט ריידנדיק, איז ער צוריק אין שטוב אַריין און זיך גע־לייגט אין די זאַכן.

„סטוק... סטוק... סטוק!" האָב איך ווידער אָנגעהויבן. „סטוק... סטוק... סטוק!..."

www.libtool.com.cn

אָבער טעגליאָוו האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן, נישט געפרעגט: ווער קלאַפּט? און בלויז אונטערגעשפּאַרט מיט דער האַנט דעם קאָפּ.

זענדיק, אַז דאָס ווירקט שוין מער נישט, האָב איך אין אַ ווײַלע אַרום זיך געמאַכט כּלומרשט אויפוואַכנדיק און קוקנדיק אויף טעגליאָוון האָב איך זיך כּלומרשט פאַרחידושט.

—איר זײַט דען ערגעץ געגאַנגען?—האָב איך געפרעגט.

—יאָ,—האָט ער גלײַכגילטיק געענטפערט.

—איר האָט אַלץ כּסדר געהערט אַ קלאַפּן?

—יאָ.

—און איר האָט קײנעם נישט געטראָפן;

—ניין.

—און דאָס קלאַפּן האָט אויפגעהערט?

—כ'ווייס נישט. איצט איז מיר אַלצײנס.

—איצט? פאַרוואָס דווקא איצט?

טעגליאָוו האָט נישט געענטפערט.

ס'האָט מיר אַ ביסל גענומען באַנג טאָן און ס'איז מיר געוואָרן פאַרדריסלעך אויף אים. פונדעסטוועגן האָב איך זיך נישט אַנטשלאָסן צו מודה זײַן זיך אין מײַן שטיפעריי.

—ווייסט איר וואָס?—האָב איך אָנגעהויבן:—כ'בין איבערצייגט, אַז דאָס אַלץ איז בײַ אײַך נאָר אַן אײַנבילדונג.

טעגליאָוו איז בייז געוואָרן:

—אַ! אַזוי מיינט איר!

—איר זאָגט: איר האָט געהערט אַ קלאַפּ...

—נישט איין קלאַפּ האָב איך געהערט,—האָט ער מיך איבערגעשלאָגן.

—נו, וואָס נאָך?

טעגליאָוו האָט זיך אַ וויג־געטאָן פאָרויס און פאַרביסן

www.libtool.com.cn

די ליפן. ער האָט אפּנים געקווינקלט...

—מ׳האָט מיך גערופן!—האָט ער אַרויסגערעדט לסוף האַלב אין דער שטיל און אָפּגעווענדט דאָס פּנים.

—אייך האָט מען גערופן? ווער זשע האָט אייך גערופן?

—איינע...—טעגליאָוו האָט כּסדר געקוקט אין אַ זייט.—איי־נע, וואָס כ׳האָב וועגן איר ביז איצט נאָר געמיינט, אַז זי איז געשטאָרבן... און איצטער ווייס איך עס אויף זיכער.

—איך שווער אייך, איליאַ סטעפּאַנישט,—האָב איך אויס־גערופן:—דאָס איז בלויז אַן איינבילדונג!

—אַן איינבילדונג?—האָט ער איבערגעחזרט.—ווילט איר זיך אַליין איבערצייגן אויף אַן אמת?

—אדרבא.

—נו טאָ לאָמיר אַרויסגיין אויף דרויסן.

## VIII.

איך האָב זיך אין דער גיך אָנגעטאָן און אינאיינעם מיט טעגליאָוון בין איך אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. אַנטקעגן שטוב, אויף יענער זייט גאַס, זיינען קיין הייזער נישט געווען, ס׳האָט זיך געצויגן אַ נידעריקער, ערטערווייז צעבראָכענער פּאַרקאַן, הינטער וועלכן ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן אַ זייער קרו־מער שפּוע אויף אַ פלאַך־פעלד. אַ נעבל האָט ווי פריער אַרומ־געהילט אַלדינג—און כ׳האָב כמעט גאָרנישט געקאָנט זען פאַר צוואַנציק טריט ווייטער. כ׳בין מיט טעגליאָוון צוגעגאַנגען ביזן פּאַרקאַן און מיר זיינען שטיין געבליבן.

—אָט דאָ,—האָט ער אַרויסגערעדט, און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.—שטייט, שווייגט—און האָרכט!—

www.libtool.com.cn

כ׳האָב, פּונקט אַזוי ווי ער, צוגעלייגט דאָס אויער—און האָב גאָרנישט דערהערט, אַ חוץ דעם געוויינלעכן, ביז לעצט שוואַכן, אָבער אומעטומיקן ווייטן נאַכט־געהייל—דעם אָטעם פון דער נאַכט. פון צייט צו צייט האָבן מיר זיך איבערגעוואָרפן מיט בליקן און אָפּגעשטאַנען אומבאַוועגלעך עטלעכע מינוט. לסוף האָבן מיר זיך שוין געקליבן צו גיין ווייטער...

„אילושאַ!״—האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז כ׳הער אַ פליס־טער פון הינטערן פּאַרקאַן.

כ׳האָב אַ בליק־געטאָן אויף טעגליאָוון—אָבער ס׳האָט אויס־געזען, אַז ער האָט גאָרנישט געהערט און האָט ווי פריער גע־האַלטן אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.

„אילושאַ... אַ אילושאַ...״—האָט זיך דערהערט באַשיינפּער־לעכער פון פריער—אויף אַזוי פיל קלאָר, אַז מ׳האָט געקאָנט פאַרשטיין, אַז דידאָזיקע ווערטער האָט אַ פרוי אַרויסגערעדט.

מיר האָבן ביידע מיטאַמאָל אַ ציטער־געטאָן—און אָנגעקוקט איינע די אַנדערע.

—נו, וואָס?—האָט מיר שטילערהייט געפרעגט טעגליאָוו.— איצטער וועט איר נישט זיין אין ספק?

—שטייט, האָב איך אים געענטפערט אויף אַזוי שטיל:— דאָס איז נאָך גאָר קיין ראיה נישט. מ׳דאַרף אַ קוק־טאָן, צי איז קיינער נישטאָ? אפשר עפּעס אַ לץ...

כ׳בין איבערגעשפּרונגען איבערן פּאַרקאַן און אַוועק אין יענער ריכטונג, פונוואַנען, ווי איך האָב געקאָנט אורטיילן, דאָס קול האָט זיך דערטראָגן.

אונטער די פיס האָב איך דערשפּירט ווייכע, צעקראָכענע ערד; די לאַנגגע פּאַסן בייטן האָבן זיך פאַרלוירן אין נעבל. כ׳האָב זיך געפונען אין אַ גאָרטן. אָבער קיין שום זאַך האָט זיך נישט גערירט נישט אַרום מיר, נישט פאָרויס. אַלץ איז ווי

www.libtool.com.cn

פאַרשטאָרבן געוואָרן אין דער שטומקייט פון שלאָף. כ׳האָב גע־מאַכט נאָך עטלעכע טריט.

—ווער איז דאָ!—האָב איך אַ געשריי־געטאָן נישט ערגער פון טעגליאָוון.

„פררדר!"—איז אַ דערשראָקענער וואַכטל אַרויסגעשפּרונגען פון אונטער די סאַמע פיס מיינע און אַנטלאָפן העט, גלייך, ווי אַ קויל. כ׳האָב זיך נישט ווילנדיק אַ בויג־געטאָן... וואָס פאַראַ שטותעריי!

כ׳האָב אַ קוק־געטאָן אויף צוריק. טעגליאָוו האָט זיך גע־זעצט אויף דעמזעלביקן אָרט, ווו כ׳האָב אים איבערגעלאָזט. כ׳האָב זיך צו אים דערנענטערט.

—אומזיסט איז אייער רופן,—האָט ער אויסגערעדט.—די־דאָזיקע שטים איז דערגאַנגען צו אונז... צו מיר... פונדער־ווייטנס.

ער האָט דורכגעפירט די האַנט איבערן פּנים און מיט שטילע טריט איבער דער גאַס איז ער אַוועק אַהיים.—נאָר איך האָב נישט געוואָלט אַזוי שנעל זיך אונטערגעבן און האָב זיך אומגעקערט אין גאָרטן. אַז עמעץ האָט באמת דריי מאָל אויס־גערופן „אילושאַ"—דערין האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט צווייפלען: אַז אינם דאָזיקן רופן איז געווען עטוואָס קלאָגנ־דיקס און געהיימניספולס—דערין האָב איך זיך אַליין אויך גע־מוזט מודה זיין... אָבער ווער ווייס, אפשר האָט דאָס אַלץ בלויז אויסגעזען אומבאַגרייפלעך—און אין דער אמתן האָט זיך עס דערקלערט אויך אַזוי פּשוט, ווי יענער קלאַפּ, וועלכער האָט אויפגערעגט טעגליאָוון?

כ׳בין אַוועק לענג־אויס דעם פּאַרקאַן, פון צייט־צו־צייט האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און אַרומגעקוקט. האַרט ביים פּאַר־קאַן, אַ קליין שטיקל שטח פון אונזער הויז, איז געוואָקסן אַן

www.libtool.com.cn

אַלטע, געלאָקטע ווערלע: צווישן דער אַלגעמיינער ווייטקייט פון נעבל האָט זי זיך אויסגעטיילט ווי אַ גרויסער שוואַרצער פלעק, צווישן יענער טונקעלער ווייסקייט, וועלכע מאַכט נאָך ערגער בלינד פון ענגשאַפט און טעמפּט־אָפּ דעם בליק, פלוצ־לינג האָט זיך מיר אויסגעדוכט, גלייך ווי עפּעס זייער ריזיקס, לעבעדיקס האָט זיך צונויפגענומען אויף דער ערד נעבן יע־נער ווערלע. מיט אַן אויסגעשריי: „שטיי! ווער איז דאָס?" האָב איך גענומען לויפן פאָרויס. ס׳האָבן זיך דערהערט לייכטע, גלייך ווי האָזן־טריט; פאַרביי מיר האָט שנעל אַ שוועב־געטאָן אַן איינגעקאָרטשעטע פיגור, אַ מענערישע, צי אַ פרויאיש־האָב איך נישט געקאָנט אונטערשיידן... כ׳האָב זי געוואָלט כאַפּן, אָבער כ׳האָב עס נישט באַוויזן, כ׳האָב זיך פאַרטשעפּעט, גע־פאַלן און אָפּגעבריט דאָס פּנים אין קראָפּעווע. אונטערהייבנדיק זיך און אָנשפּאַרנדיק זיך אָן דער ערד, האָב איך דערפילט עפּעס האַרטס אונטערן אָרעם: דאָס איז געווען אַ גראַווירט קופּערן קעמעלע אויף אַ שנירל, פון דעם זעלבן מין, וואָס אונ־זערע פּויערים טראָגן אויפן גאַרטל.

מיינע ווייטערדיקע זוכענישן זיינען געבליבן אומזיסטע— און מיטן קעמעלע אין דער האַנט און מיט צעשטאָכענע באַקן האָב איך זיך אומגעקערט אין שטוב.

# IX.

כ׳האָב טעגליאָון געטראָפן זיצנדיק אויף דער באַנק. אויפן טיש האָט פאַר אים געברענט אַ ליכט און ער האָט עפּעס פאַרשריבן אין אַ נישט גרויסן אַלבאָמל, וואָס ער האָט שטענ־דיק געטראָגן מיט זיך. דערזעענדיק מיך, האָט ער פלינק

www.libtool.com.cn

אַריינגעשטעקט דאָס אַלבאָמל אין טאַש און גענומען אָנשטאָפּן די לולקע.

—אָט, טייערער,—האָב איך אָנגעהויבן: —סאַראַ טראָפּיי כ׳האָב געבראַכט פון מיין מאַרש!—

כ׳האָב אים געוויזן דאָס קעמעלע און דערציילט, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט ביי דער וועטלע.

—כ׳האָב, ווייזט־אויס, איבערגעשראָקן אַ גנב,—האָב איך צוגעגעבן.—איר האָט געהערט—נעכטן האָט מען ביי אונזער שכן אַוועקגעגנבעט דאָס פערד?

טעגליאָוו האָט קאַלט אַ שמייכל געטאָן און פאַררייכערט די לולקע. כ׳האָב זיך אַנידערגעזעצט נעבן אים.

—און איר זייט אַלץ ווי פריער איבערצייגט, איליאַ סטע־פּאַניטש,—האָב איך אַרויסגערעדט:—אַז די שטים, וואָס מיר האָבן געהערט, איז דערפלויגן פון יענע אומבאַקאַנטע לענדער...

ער האָט מיך אָפּגעשטעלט מיט אַ באַפעלנדער האַנט־באַ־וועגונג.

—רידעל,—האָט ער אָנגעהויבן:—מיר ליגן נישט אין זיבען קיין קאַטאָוועסן—און דערפאַר בעט איך אייך אויך נישט צו שפּאַסן.

טעגליאָוו איז באמת ווייט געווען פון קאַטאָוועס. זיין געזיכט האָט זיך פאַרענדערט. עס האָט אויסגעזען בלאַסער, אויסדריקלעכער—און לענגער. זיינע משונהדיקע, „פאַרשידענע" אויגן האָבן שטיל געבלאָנדזשעט.

—כ׳האָב נישט גערעכנט,—האָט ער אויפסניי גענומען ריידן:

—אַז כ׳וועל ווען עס איז דערציילן אַן אַנדערן... אַן אַנדער מענטשן דאָס, וואָס איר וועט באַלד דערהערן, און וואָס ס׳האָט באַדאַרפט שטאַרבן... יאָ, שטאַרבן אין מיין ברוסט; נאָר, ווייזט־אויס, אַזוי דאַרף עס זיין—און כ׳האָב אויך קיין ברירה נישט

www.libtool.com.cn

באַשערט אַזוי! הערט.

און ער האָט מיר פאַרציילט אַ גאַנצע געשיכטע.

איך האָב אייך שוין געזאָגט, מיינע הערן, אַז אַ דערציי־לער איז ער געווען אַ שלעכטער; אָבער אין יענער נאַכט האָט ער מיך איבעראַשט ניט מיטן קענען אַליין איבערגעבן די געשעענישן, וואָס האָבן מיט אים גופא פּאַסירט; דער סאַמע קלאַנג פון זיין שטים, זיינע בליקן, באַוועגונגען, וואָס ער האָט געמאַכט מיט די פינגער, מיט די הענט — מיט איין וואָרט, אַלץ אין אים האָט אויסגעוויזן ניט־נאַטירלעך, ניט־ביטיק און ענדלעך פאַלש. כ׳בין נאָך דעמאָלט זייער יונג געווען און נישט געניט — און האָב נישט געוווּסט, אַז די געוויינהייט אויס־צודריקן זיך ריטאָריש, די פאַלשקייט פון אינטאָנאַציעס און מאַ־נערן קאָן זיך אויף אַזויפיל איינעסן אין אַ מענטשן, אַז ער איז שוין בשום אופן נישט ביכולת פון איר זיך צו באַפרייען: דאָס איז אַזאַ מין קללה. שפּעטער מיט אַ צייט איז מיר אויסגעקו־מען צו טרעפן זיך מיט איינער אַ דאַמע, וועלכע האָט מיר דערציילט מיט אַזאַ אויפגעבלאָזענעם לשון, מיט אַזעלכע טעאַט־ראַלע זשעסטן, מיט אַזאַ מעלאָדראַמאַטישן קאָפּ־טרייסלען און אויגן־גלאָצעריי מכּח דעם רושם, וואָס אויף איר האָט געמאַכט דער טויט פון איר זון — מכּח איר „אומענדלעכן” צער, מכּח איר מורא פאַרן אייגענעם פאַרשטאַנד, אַז איך האָב ביי זיך אַ טראַכט געטאָן: „ווי דידאָזיקע פרוי ליגט און מאַכט פּאָזע! זי האָט איר זון לגמרי נישט ליב געהאַט!” און אין אַ וואָך אַרום בין איך געוויר געוואָרן, אַז די אומגליקלעכע פרוי איז באמת פון זינען אַראָפּ. זינט דעמאָלט בין איך געוואָרן אַ סך פאָרזיכטיקער אין מיינע מיינונגען און אַ סך ווייניקער האָב איך געטרויט מיינע אייגענע איינדריקן.

www.libtool.com.cn

# X.

די געשיכטע, וואָס טעגליאָוו האָט מיר דערציילט, איז געווען בקיצור פאָלגנדע: ביי אים אין פּעטערבורג האָט, אַחוץ זיין הויכגעשטעלטן פעטער, געוווינט אויך אַ מומע, נישט קיין הויכגעשטעלטע פרוי—אָבער מיט אַ פאַרמעגן. זייענדיק קינדער־לאָז, האָט זי אַדאָפּטירט אַ מיידל, אַ יתומה, פון קליינבירגער־לעכן שטאַנד, געגעבן איר אַן אָנשטענדיקע דערציונג—און איז זיך מיט איר באַגאַנגען ווי מיט אַ טאָכטער. גערופן האָט מען זי מאַשאַ. טעגליאָוו האָט זיך מיט איר געזען כמעט אַלע טאָג. געענדיקט האָט זיך דערמיט, אַז זיי האָבן זיך ביידע איינע אין צווייטן איינגעליבּט, און מאַשאַ האָט זיך אים אָפּגעגעבן. די זאַך איז באַקאַנט געוואָרן. טעגליאָווס מומע איז שרעקלעך בייז געוואָרן, האָט אַרויסגעיאָגט מיט שאַנד דאָס אומגליקלעכע מיידל פון איר הויז און איז איבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. דאָרט האָט זי גענומען אַ פרייליין פון אַדעל צום דער־ציען און אַלס יורשטע. אומקערנדיק זיך צו אירע פריערדיקע קרובים, מענטשן אָרעמע און שכּורים,—האָט מאַשאַ געהאַט אַ ביטערן גורל. טעגליאָוו האָט צוגעזאָגט מיט איר חתונה האָבן—און זיין צוזאָג נישט געהאַלטן. ביי זיין לעצטן זען־זיך מיט איר איז ער געצווונגען געווען צו ריידן ווערטער: זי האָט געוואָלט דערגיין דעם אמת—און האָט אויסגעפירט. „נו,—האָט זי געזאָגט:—אויב איך קאָן דיין ווייב נישט זיין, טאָ ווייס איך וואָס מיר בלייבט צו טאָן.” זינט דער זעונג זיינען אַוועק אַן ערך אַ וואָכן צוויי.

—איך האָב זיך אויף אַ מינוט נישט אָפּגענאַרט בנוגע דער

www.libtool.com.cn

באַדייטונג פון אירע לעצטע ווערטער,—האָט טעגליאָוו צוגעגעבן: כ׳בין זיכער. אַז זי האָט זיך דאָס לעבן גענומען, און... אַז דאָס איז געווען איר שטים, אַז דאָס האָט זי מיך גערופן אַהין... נאָך זיך... איך האָב דערקענט איר שטים... מילא: איין סוף!

אָבער פאַרוואָס האָט איר מיט איר נישט חתונה געהאַט, איליאַ סטעפּאַניטש?—האָב איך געפרעגט.—איר האָט זי אויפגעהערט ליב צו האָבן?

—ניין; עד היום האָב איך זי ליידנשאַפטלעך ליב!

דאָ, מיינע הערן, האָב איך אָנגעשטעלט די בליקן אויף טעגליאָוון. ס׳האָט זיך מיר דערמאָנט מיינער אַן אַנדערער באַקאַנטער, אַ זייער פּאַרנינפּטיקער מענטש, וועלכער האָט געהאַט אַ זייער נישט קיין שיינע, נישט קלוגע און נישט רייכע פרוי, און ער איז אין פאַמיליען־לעבן געווען זייער אומגליקלעך. אַז מען האָט אים אין מיין געגנוואַרט געפרעגט: „פאַרוואָס האָט ער חתונה געהאַט? מסתמא דורך אַ ליבע?" האָט ער געענטפערט: „אַך נישט דורך ליבע! גלאַט אַזוי!" און דאָ האָט טעגליאָוו ליידנשאַפטלעך ליב אַ מיידל און האָט נישט חתונה. וואָס? דאָס איז אויך—„גלאַט אַזוי"?!

—פאַרוואָס זשע האָט איר נישט חתונה?—האָב איך נאָכאַמאָל געפרעגט.

טעגליאָווס שלאָפעדיק־מאָדנע אויגן זיינען אַ לויף־געטאָן איבערן טיש.

—דאָס... אין עטלעכע ווערטער... קאָן מען נישט זאָגן,— האָט ער אָנגעהויבן אָפּהאַקנדיק.—ס׳זיינען געווען סבות... און דערצו איז זי... אַ „מעשטשאַנקע". נו, און דער פעטער... כ׳האָב אים אויך געמוזט נעמען אין באַטראַכט.

—אייער פעטער?—האָב איך אויסגעשריען.—אָבער צו וועל-

www.libtool.com.cn

בע רוחות דאַרפט איר אייער פעטער, ווען מען איר זעט בלויז איינמאָל צו ניי-יאָר, בעט איר פאָרט גראַטולירן מיט אַ גוט יום טוב? איר ריכט זיך אויף זיין עשירות? ער האָט דאָך אַליין שיר נישט אַ טויט קינדער!

טעגליאָוון האָט עס געגומען, און ער איז רויט געוואָרן... פאַרייטלט זיך נישט אומעטום גלייך, פלעקנווייז...

—איך בעט מיך נישט צו מוסרן,—האָט ער טויב אַרויס־געריסן.—איבעריקנס, איך פאַרענטפער זיך נישט. כ'האָב אומ־געבראַכט איר לעבן—און איצט וועט מען מוזן אויסצאָלן דעם חוב...

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז אַנטשוויגן גע־וואָרן. איך האָב אויך נישט געפונען וואָס צו זאָגן.

# XI.

אַזוי זיינען מיר געזעסן ביי אַ פערטל שעה. ער האָט געקוקט אין דער זייט, און איך האָב געקוקט אויף אים—און באַמערקט, אַז די האָר ביי אים איבערן שטערן האָבן זיך עפּעס באַזונדערס אונטערגעהויבן און זיך פאַרפלאָכטן אין לאָקן, און דאָס איז, לויט דער באַמערקונג פון איינעם אַ מיליטער־אַרצט, וואָס אויף זיינע הענט זיינען שוין איבערגעוועזן מאַסן פאַר־וווּנדעטע, אַ סימן פון שטאַרקער און טרוקענער היץ אין מח... ס'איז מיר ווידער געקומען אין זינען, אַז דעמדאָזיקן מענטש דריקט באמת די האַנט פון מזל, און אַז זיינע חברים האָבן נישט בחנם אין אים געזען עטוואָס פאַטאַלס. און אין דער־זעלבער צייט האָב איך אים אין האַרצן פאַרמשפּט. אַ „מעש־

www.libtool.com.cn

טשאַנקע״!—האָב איך זיך געקלערט:—און וואָס ביסטו עס פאַר־אַן אַריסטאָקראַט?״

—קאָן זיין, אַז איר פאַראורטיילט מיך, רידעל,—האָט טעג־ליאָוו פלוצלינג אָנגעהויבן, גלייך ווי ער וואָלט געטראָפן וועגן וואָס איך קלער.—מיר אַליין איז... זייער שווער. נאָר וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?

ער האָט זיך אָנגעלענט מיט דער גאָמבע אויף דער האַנט־פלאַך און זיך גענומען בייסן די ברייטע און פלאַכע נעגל פון זיינע קורצע און רויטע, ווי אייזן האַרטע פינגער.

—איך האַלט, איליאַ סטעפּאַניטש, אַז איר דאַרפט זיך פריער איבערצייגן, צי אייערע השערות זיינען טאַקע אמתע... קאָן זיין, אייער געליבטע לעבט און איז געזונט. („זאָגן אים וועגן דער אמתער סבה פונם קלאַפּן?—האָט מיר אַ בליץ־געטאָן אין קאָפּ.—ניין, דערנאָך״

—זי האָט מיר קיין איינציק מאָל נישט געשריבן פון יע־נער צייט, זינט מיר זיינען אין לאַגער,—האָט טעגליאָוו באַ־מערקט.

—דאָס איז נאָך גאָר קיין ראיה נישט, איליאַ סטעפּאַ־ניטש.

טעגליאָוו האָט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט:

—ניין! זי איז שוין געוויס אויף דער וועלט נישטאָ. זי האָט מיך גערופן...

ער האָט זיך מיטאַמאָל אומגעקערט מיטן פּנים צום פענסטער:

כ׳האָב זיך נישט ווילנדיק פאַנאַנדערגעלאַכט:

—נו, האָט שוין קיין פאַריבל נישט, איליאַ סטעפּאַניטש! דאָסמאָל זיינען עס ביי אייך די נערוון. איר זעט: ס׳ווערט שוין ליכטיק. אין צען מינוט אַרום וועט אויפגיין די זון—איצט

www.libtool.com.cn

איז שוין פיר אַ זייגער—און גייסטער האָבן בייטאָג קיין שליטה נישט.

טעגליאָוו האָט געוואָרפן אויף מיר אַ כמורנעם בליק און אַרויסגעמורמלט דורך די ציין: „לעבט וויל״—האָט זיך געלייגט אויף דער באַנק און זיך איבערגעדרייט מיר מיטן רוקן.

איך האָב זיך אויך געלייגט—און, כ׳געדענק, אַז איידער כ׳בין אַנטשלאָפן געוואָרן, האָב איך אַ קלער־געטאָן, אַז צו וואָס גיט עס טעגליאָוו אַלץ אָנצוזעהערן אויף דעם, וואָס ער האָט זיך דאָס לעבן צו נעמען? וואָס פאַראַ בדעה... שטותעריי! וואָס פאַראַ פראַזע! לויטן אייגענעם ווילן האָט ער נישט התונה געהאַט... אַוועקגעוואָרפן... און דאָ וויל ער זיך פלוצלינג ממיתן! ס׳האָט נישט קיין מענטשלעכן זין! מ׳טאָר דען גאָרנישט באַגיין זיך אָן פּאָזע!

מיט דידאָזיקע געדאַנקען בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן זייער שטאַרק—און בשעת כ׳האָב געעפנט די אויגן, איז שוין די זון געשטאַנען הויך אויפן הימל—און טעגליאָוו איז אין שטוב נישט געווען...

ווי זיין דינער האָט דערציילט, איז ער אין שטאָט אַוועק־געפאָרן.

## XII.

איך האָב דורכגעלעבט אַ זייער קוועלנדן און לאַנגווייליקן טאָג. טעגליאָוו האָט זיך נישט אומגעקערט נישט צו מיטאָג, נישט צום אָוונטברויט; דעם ברודער האָב איך אַפילו נישט דערוואַרט. אָוונטס האָט זיך ווידער אויסגעשפרייט אַ געדיכטער

www.libtool.com.cn

נעבל, נאָך אַ שטאַרקערער ווי דער נעכטיקער. כ'האָב זיך שלאָפן געלייגט גאַנץ פרי. אַ קלאַפּ הינטערן פענסטער האָט מיך אויפגעוועקט.

ס'איז געקומען מ יי ן ריי אויפצוציטערן!

דער קלאַפּ האָט זיך איבערגעחזרט—און אַזוי עקשנותדיק־קלאָר, אַז צווייפלען אין זייןווירקלעכקייט איז געווען נישט־מעגלעך. כ'בין אויפגעשטאַנען, געעפנט דאָס פענסטער און דערזען טעגליאָוון. איינגעוויקלט אין שינעל, אין אַן אַראָפּגע־לאָזטן היטל איבער די אויגן, איז ער געשטאַנען אומבאַוועג־לעך.

—איליאַ סטעפּאַניטש!—האָב איך אויסגערופן:—דאָס זייט איר? מיר האָבן לאַנג געוואַרט אויף אייך. קומט אַריין. צי דען איז די טיר פאַרשלאָסן?

טעגליאָוו האָט אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

—כ'האָב נישט בדעה אַריינצוגיין,—האָט ער טויב אַרויס־גערעדט:—כ'האָב אייך בלויז געוואָלט בעטן איבערצוגעבן מאָרגן דעמדאָזיקן בריוו דעם באַטאַריי־קאָמאַנדיר.

ער האָט מיר אויסגעשטרעקט אַ גרויסן קאָנווערט, פאַר־חתמעט מיט פינף חתימות. כ'בין געוואָרן איבערראַשט, דאָך האָב איך מאַשינעל גענומען דעם קאָנווערט. טעגליאָוו איז תיכף אָפּגעגאַנגען אויף דער מיט גאַס.

—שטייט, שטייט,—האָב איך אָנגעהויבן:—ווּהין גייט איר? עס? איר זייט נאָר־וואָס געקומען צו פאָרן? און וואָס איז עס פאַר אַ בריוו?

—איר זאָגט צו, אים צושטעלן לויט דער אַדרעס?—האָט טעגליאָוו אַרויסגערעדט און איז אָפּגעטראָטן אויף נאָך עטלעכע טריט. דער נעבל האָט פאַרפּוכט די קאָנטורן פון זיין פיגור:—איר זאָגט צו?

www.libtool.com.cn

—כ'זאָג צו... אָבער לכתּחילה...

טעגליאָוו איז אָפּגעגאַנגען נאָך ווייטער—און איז געוואָרן אַלענגלעכער, טונקעלער פלעק.

—לעבט־וואָל!—האָט זיך דערהערט זיין קול:—זייט געזונט, רידעל, דערמאָנט מיך נישט צום שלעכטן... און סעמיאָנען פאַרגעסט נישט...

און דער פלעק גופא איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

דאָס איז שוין געווען איבער דער מאָס. „אָ, פאַרשאָלטענער פראַזיאָר!" האָב איך אַ קלער־געטאָן. „דו דאַרפסט דאָך דאָס אַלץ האָבן צום עפעקט!" פונדעסטוועגן איז מיר געוואָרן גרויליק; אַ נישט ווילנדיקער פּחד האָט מיך געפּרעסט אין ברוסט. כ'האָב אָנגעוואָרפן אויף זיך דעם שינעל און אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס...

## XIII.

יאָ; אָבער וווהין איז געווען צו גיין? דער נעבל האָט מיך אַרומגעכאַפּט פון אַלע זייטן. אויף פינף, אויף זעקס טריט אַרום האָט ער נאָך אַ ביסל דורכגעלאָזט דעם בליק, אָבער ווייטער איז ער געשטאַנען ווי אַ וואַנט, אָנגעפּוישט און ווייס, ווי וואַטע. איך האָב זיך גענומען רעכטס איבער דער גאַס פונם דערפל, וואָס האָט זיך טאַקע דאָ געעקט! אונזער שטוב איז געווען דאָס פאָרלעצטע פון עק, און ווייטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויסט פעלד, ווו־נישט־ווו פאַרוואַקסן מיט קוסטעס; הינטערן פעלד, ביי אַ פערטל וויאָרסט פונם דאָרף, האָט זיך געפונען אַ בעריאָזן וועלדל, און דורך דעם וועלדל איז דורכגעפלאָסן יענץ זעלבע טייכל, וואָס האָט אַ ביסל נידריקער אומ־

www.libtool.com.cn

געבויגן דאָס דאָרף. דאָס אַלץ האָב איך גוט געוווּסט, ווייל אַ סך מאָל האָב איך עס אַלץ געזען בייטאָג; איצט אָבער האָב איך גאָרנישט געזען און בלויז לויט דער גרעסערער געדיכטקייט און ווייסקייט פונם נעבל האָב איך זיך געקאָנט אָנשטויסן, ווו ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער באָדן און ווו ס׳האָט געפלאָסן דאָס טייכל. אויפן הימל איז ווי אַ בלאַסער פלעק געשטאַנען די לבנה, אָבער איר שיין איז, ווי אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט, נישט געווען בכח בייצוקומען די רויכיקע צונויפגעפרעסטקייט פונם נעבל און איז געהאַנגען אין דער הייך ווי אַ ברייטער, מאַטער פאָרהאַנג. כ׳בין אַרויס אויפן פעלד—זיך צוגעהערט... אין ערגעץ נישט קיין קלאַנג; בלויז די וואַסערשנעפּן האָבן צוגעפייפט.

—טעגליאָוו!—האָב איך אַ געשריי־געטאָן,—איליאַ סטעפּאַניטש!! טעגליאָוו!!

מיין שטים איז אָפּגעשטאָרבן אַרום מיר אָן ענטפער; ס׳האָט זיך געדוכט, אַז דער נעבל גופא האָט אים ווייטער נישט דורכגעלאָזט.

—טעגליאָוו!—האָב איך איבערגעחזרט.

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן.

כ׳בין אַוועק פאָרויס נישט־געטראַכטערהייט. אַמאָל צוויי האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ פּלויט, איין מאָל בין איך שיער נישט אַריינגעפאַלן אין אַ גראָבן, שיער זיך נישט אָנגעשטויסן אָן אַ פויעריש פערדל, וואָס איז געלעגן אויף דר׳ערד...

—טעגליאָוו! טעגליאָוו!—האָב איך געשריען.

פלוצלינג האָט זיך הינטער מיר, זייער נאָנט, דערהערט אַ נישט הויכע שטים:

—אָט בין איך דאָך... וואָס ווילט איר פון מיר?

כ׳האָב זיך שנעל אויסגעדרייט...

www.libtool.com.cn

פאַר מיר איז מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, אָן היטל אויפן קאָפּ, געשטאַנען טעגליאָוו. זיין פּנים איז געווען בלאַס; נאָר זיינע אויגן האָבן אויסגעזויזן אויפגעצונדערטע און גרעסער ווי געוויינלעך... ער האָט געאָטעמט אויסגעצויגן און שטאַרק דורך די אָפענע ליפּן.

—גאָט צו דאַנקען!—האָב איך אויסגערופן אין אָנפאַל פון שמחה און אים געכאַפּט פאַר ביידע הענט.—גאָט צו דאַנקען! כ'האָב זיך שוין מיאוש געווען אייך צו געפינען. איר שעמט זיך גאָרנישט מיך אַזוי צו שרעקן? איליאַ סטעפּאַניטש, ווי קומט עס צו אייך!

—וואָס ווילט איר פון מיר?—האָט טעגליאָוו איבערגעחזרט.

—איך וויל... איך וויל, ערשטנס, איר זאָלט זיך צוזאַמען מיט מיר אומקערן אַהיים. און צווייטנס וויל איך, איך פאָדער, איך פאָדער פון אייך, ווי פון אַ פריינט, איר זאָלט מיר תיכף דערקלערן, וואָס באַדייטן עס אייערע עובדות און דערדאָזיקער בריוו צום פּאָלקאָווניק? צי דען האָט זיך מיט אייך געטראָפן אין פּעטערבורג עטוואָס אומגעריכטס?

—כ'האָב אין פּעטערבורג געפונען טאַקע דאָס, וואָס איך האָב דערוואַרט,—האָט טעגליאָוו געענטפערט, נישט רירנדיק זיך אַלץ פון אָרט.

—ס'הייסט... איר ווילט זאָגן... אייער באַקאַנטע... דידאָזיקע מאַשאַ...

—זי האָט זיך דאָס לעבן גענומען,—האָט טעגליאָוו אונטערגעכאַפּט איילנדיק און ווי מיט בייזקייט.—אייערנעכטן איז געווען איר לויה. זי האָט מיר אַפילו קיין קוויטעלע נישט איבערגעלאָזט. זי האָט זיך געסמט.

טעגליאָוו האָט איילנדיק אַרויסגערעדט דידאָזיקע שרעק-

www.libtool.com.cn

לעכע ווערטער, און אַליין איז ער אַלץ געשטאַנען אומבאַוועג-
לעך, ווי אַ שטיינערנער.

איך האָב אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

—וואָס איך הער? וואָס פאַר אַן אומגליק! אייער פּאָר-
געפיל איז מקוים געוואָרן... דאָס איז מוראדיק!

אַ פאַרלוירענער, בין איך אַנטשוויגן געוואָרן. טעגליאָוו
האָט שטיל און ווי מיט טריומף פאַרקרייצט די הענט.

—פונדעסטוועגן,—האָב איך אָנגעהויבן:—וואָס זשע שטייען
מיר דאָ? קומט אַהיים.

—לאָמיר גיין,—האָט טעגליאָוו געזאָגט.—אָבער ווי וועלן
מיר געפינען דעם וועג אין דעם נעבל?

אין אונזער הויז שיינט פייער אין די פענסטער—וועלן
מיר זיך אָן אים האַלטן. לאָמיר גיין.

—גייט פאָרויס,—האָט טעגליאָוו געענטפערט.—איך וועל גיין
נאָך אייך.

מיר זיינען אַוועק. אַ מינוט פינף זיינען מיר געגאַנגען—
און דער וועגווייזנדער שיין האָט זיך נישט געוויזן; לסוף האָט
ער אַ בלאַנק-געטאָן פאָרויס אַלס צוויי רויטע פינטעלעך. טעג-
ליאָוו האָט מעסיק געשפּרייזט נאָך מיר. מיר האָט זיך שרעק-
לעך געוואָלט צו דערשלאָגן זיך וואָס גיכער אַהיים און דער-
גיין פון אים די אַלע פּרטים פון זיין אומגליקלעכער נסיעה
קיין פּעטערבורג. אָן איבערראַשטער פון זיינע ווערטער, אין
אָנפאַל פון חרטה און געוויסן אַבערגלויבערישן פּחד, נישט
דערגייענדיק נאָך ביז אונזער הויז, האָב איך זיך אים מודה
געווען, אַז די נעכטיקע געהיימניספולע קלאַפּעריי האָב איך
גאָר אָנגעמאַכט... און וואָס פאַרא טראַגישע ווענדונג האָט אָנ-
גענומען דערדאָזיקער שפּאַס!

טעגליאָוו האָט זיך באַגרענעצט מיט דער באַמערקונג, אַז

www.libtool.com.cn

איך האָב דאָ קיין שולד נישט—אַז מיט מיין האַנט האָט געפירט
עפּעס אַן אַנדער קראַפט—און אַז דאָס באַווייזט נאָר ווי ווייניק
איך קען אים. זיין קול, אַ מאָדנע רויקער און גלייכער, האָט
געקלונגען האַרט איבער מיין אויער.

—אָבער איר וועט מיך דערקענען,—האָט ער צוגעגעבן.—
כ'האָב געזען, ווי איר האָט נעכטן אַ שמייכל־געטאָן, בעת איך
האָב דערמאָנט מכח ווילנסקראַפט. איר וועט מיך דערקענען—
און וועט דערמאָנען מיינע ווערטער.

דאָס ערשטע הויז פונם דאָרף, ווי עפּעס אַ טונקעל פאַר־
זעעניש, איז אַרויסגעשווומען פאַר אונז פונם נעבל... אָט, איז
אַרויסגעקראָכן אויך דאָס צווייטע, אונזער הויז—און מיין יאַגד־
הונט האָט זיך צעבילט, אפנים, מיך דערשפירנדיק.

כ'האָב אָנגעקלאַפּט אין פענסטער.

—סעמיאָן!—האָב איך אַ געשריי־געטאָן צו טעגליאָווס דינ־
נער:—עי, סעמיאָן! עפן אונז שנעלער די פורטקע.

די פורטקע האָט אַ קלאַפּ־געטאָן און זיך פאַנאַנדערגע־
עפנט; סעמיאָן האָט אַ שפּרייז־געטאָן איבער דער שוועל.

—איליאַ סטעפּאַניטש, ביטע,—האָב איך אַרויסגערעדט און
זיך אַרומגעקוקט...

אָבער קיין שום איליאַ סטעפּאַניטש איז שוין הינטער
מיר נישט געווען. טעגליאָוו איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, גלייך
ווי אין דער ערד אַריין.

כ'בין אַריין אין שטוב, ווי אַ משוגע געוואָרענער.

## XIV.

דער כעס אויף טעגליאָוון, אויף זיך גופא האָט פאַרביטן

www.libtool.com.cn

די פאַרווונדערונג, וואָס האָט מיך פריער באַהערשט.

—דער משוגענער באַרין דײַנער !—האָב איך זיך אַרויפ־געוואָרפן אויף סעמיאָנען :—איז דאָס אַ מטורף ! געפלויגן קיין פעטערבורג, נאָכדעם זיך אומגעקערט—און לויפט סתם אין דער וועלט אַרײַן ! כ׳האָב אים געהאַט געפּאַקט, ביזן סאַמע טויער פאַרנאַרט — און מיטאַמאָל... גיי יאָג אים ! ווידער אַנט־לאָפן ! אין אַזאַ נאַכט נישט צו זיצן אין דערהיים ! געפונען אַ צייט, ווען צו שפּאַצירן !

„און פאַרוואָס האָב איך עס אַרויסגעלאָזט זיין האַנט ?״ האָב איך זיך גופא פאַרגעוואָרפן.

סעמיאָן האָט שווייגנדיק געקוקט אויף מיר, גלייך ווי ער וואָלט זיך קלייבן עפּעס צו זאָגן, אָבער—לויטן מנהג פון די דאַמאָלטיקע דינער, האָט ער בלויז אַ ביסל געטראָטן אויף אַן אָרט.

—וויפיל אַ זייגער איז ער אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין?

—האָב איך שטרענג געפרעגט.

—זעקס אַ זייגער אינדערפרי.

—און וואָס,—ער האָט אויסגעזען פאַרזאָרגט, אומעטיק ?

סעמיאָן האָט זיך אָנגעבלאָזן.

—אונזער באַרין איז אַ ווונדערלעכער מענטש,—האָט ער אָנגעהויבן :—ווער קאָן אים דען פאַרשטיין ? אַז ער האָט זיך געקליבן אין שטאָט אַריין, האָט ער זיך געהייסן דערלאַנגען אַ נייעם מונדיר—נו, און ער האָט זיך אויסגעקרויזט.

—אויסגעקרויזט ?

—די האָר אויסגעקרויזט. איך האָב זיי אויך דעם ברענ־אייזן פאָרגעברייט.

כ׳בין זיך מודה, אַז דאָס האָב איך נישט דערוואַרט.

—איז דיר באַוווסט איינע אַ פריילין,—האָב איך געפרעגט

www.libtool.com.cn

סעמיאָנען :—איליאַ סטעפּאַניטשעס אַ פריינדין—מאַשאַ הייסט זי?

—ווי זאָלן מיר נישט קענען מאַריאַ אַנעמפּאָדיסטאָוונאַ! אַ פיין פרייליין.

—דיין באַרין איז אין איר פאַרליבט, אין דערדאָזיקער מאַריאַ... נו, און אַזוי ווייטער?

סעמיאָן האָט אַ זיפץ־געטאָן.

—צוליב דעם פרייליין טאַקע קאָן איליאַ סטעפּאַניטש פאַרלוירן גיין. אָט דערפאַר: ליב האָבן זיי איר מוראדיק—און פאַר אַ ווייב נעמען זי זיינען זיי נישט גרייט—און אַוועקוואַרפן זי איז אויך אַ שאָד. אָט צוליב דערדאָזיקער, צוליב זייער שוואַכקייט. זיי האָבן זי שוין איינמאָל ליב.

—נו, זי איז אַ שיינע?—בין איך געווען טשעקאַווע.

סעמיאָן האָט געמאַכט אַן ערנסט אויסזען:

—די הערן האָבן ליב אַזעלכע.

—און לויט דיין געשמאַק?

—פאַר אונז... נישט קיין פאַסיק אַרטיקל—לגמרי נישט....

—וואָס איז?

—זיי זיינען זייער מאָגער.

—אויב זי וואָלט געשטאָרבן,—האָב איך ווידער אָנגעהויבן:—רעכנסטו, אַז איליאַ סטעפּאַנאָוויטש וואָלט עס נישט איבערגעטראָגן?

סעמיאָן האָט ווידער אַ זיפץ־געטאָן:

—דאָס האָבן מיר נישט די העזה צו זאָגן—ס'איז אַ גאָט־זאַך... אָבער אונזער באַרין איז אַ ווונדערלעכער מענטש!

כ'האָב גענומען פון טיש דעם גרויסן און גאַנץ דיקן בריוו, וואָס טעגליאָוו האָט מיר אָפּגעגעבן, געדרייט אים אין די הענט... די אַדרעס אויפן נאָמען פון „זיין וווילגעבוירן, הער באַטאַריי־קאָמאַנדיר, פּאָלקאָווניק און קאַוואַלער", מיט דער באַ־

www.libtool.com.cn

צייכנונג פונם נאָמען, פאַטער־נאָמען און פאַמיליע–איז געווען זייער דייטלעך און זאָרגפעלטיק אָנגעשר׳בן. אינם איבערשטן ווינקל פונם קאָנווערט איז געשטאַנען דאָס וואָרט: „גײ׳ט׳קס”, צוויימאָל אונטערגעשטראָכן.

–הער או׳ס, סעמיאָן,–האָב איך אָנגעהויבן:–איך האָב מורא פאַר דיין באַריק. ער האָט, דאַכט זיך, שלעכטע געדאַנקען אין קאָפּ. מ׳וועט אים אומבאַדינגט מוזן אויפזוכן.

–איך הער, כ׳בין גרייט–האָט סעמיאָן געענטפערט.

–אמת, דרויסן איז אַזאַ נעבל, אַז אויף צוויי אַרשין קאָן מען נישט זען; אָבער אַלצײנס: מ׳דאַרף זיך פּרווון. מיר וועלן נעמען צו לאַמטערן און אין יעדן פענסטער וועלן מיר אָנצינדן אַ ליכטל–אויף יעדן פאַל.

–איך הער. כ׳בין גרייט,–האָט סעמיאָן איבערגעחזרט.

ער האָט אָנגעצונדן די לאַמטערנס און ליכטלעך–און מיר זיינען אַוועק.

## XV.

ווי אַזוי מיר האָבן ביידע געבלאָנדזשעט, זיך געפּלאָנטערט–דאָס איבערצוגעבן איז אוממעגלעך! די לאַמטערנס האָבן אונז נישט געהאָלפן קיין האָר; זיי האָבן דאָס מינדסט נישט צעטריבן יענעם ווייסן, כמעט ליכטיקן נעבל, וואָס האָט אונז אַרומגערינגלט. איך און סעמיאָן האָבן עטלעכע מאָל פאַרלוירן איינער דעם צווייטן, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מיר האָבן זיך איבערגערופן, געאוקעט און אַלע ווײלע אויסגערופן–איך: „טעגליאָוו! איליאַ סטעפּאַנאָוויטש!“ און ער: „הער טעגליאָוו! אייער וווילגעבוירן!“–דער נעבל האָט אונז אַזוי צעמישט, אַז

www.libtool.com.cn

מיר האָבן געבלאָנקעט, ווי אין חלום.—מיר זיינען ביידע גיך הייזעריק געוואָרן: די פייכטקייט האָט דורכגעדרונגען ביזן סאַמע גרונט פון דער ברוסט. אַ דאַנק די ליכטלעך אין די פענסטער, האָבן מיר זיך ווי עס איז ווידער געטראָפן ביים הויז. אונזערע אינאיינעמדיקע זוכענישן האָבן צו גאָרנישט גע־בראַכט—מיר האָבן בלויז צוגעבונדן איינער דעם אַנדערן—און דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן שוין נישט צו קלערן ווי אַזוי צו האַלטן זיך צוזאַמען, נאָר גיין יעדערער זיין וועג. ער האָט זיך גענומען לינקס, איך רעכטס, און באַלד האָב איך אויפגע־הערט הערן זיין קול. דער נעבל האָט זיך, דוכט, אריינגעריסן אַפילו אין מיין קאָפּ—און איך האָב אומגעבלאָנקעט ווי אַ פאַר־נעבלטער, און האָב בלויז געשריען: טעגליאָוו! טעגליאָוו!

איך!—האָב איך פלוצלינג דערהערט אַן ענטפער.

טאַטע האַרציקער! ווי האָב איך זיך עס דערפרייט! ווי האָב איך זיך עס געוואָרפן אַהין, ווו דער קול האָט זיך מיר דערהערט... אַ מענטשלעכע פיגור האָט זיך אַ שוואַרץ־געטאָן פאָרויס... כ'האָב זיך געלאָזט צו איר... ענדלעך:

אָבער, אָנשטאָט טעגליאָוון, האָב איך דערזען פאַר זיך אַן אַנדער אָפיצער פון דערזעלבער באַטאַריי, וועמען מ'האָט גערופן טעלעפניאָוו.

—דאָס האָט איר זיך מיר אָפּגערופן?—האָב איך אים געפרעגט.

—דאָס האָט איר מיך גערופן?—האָט ער פון זיין זייט געפרעגט.

—ניין; איך האָב טעגליאָוון גערופן.

—טעגליאָוון? כ'האָב אים דאָך די רגע באַגעגנט. סאַראַ משוגענע נאַכט! כ'קאָן בשום אופן אַהיים נישט טרעפן.

—איר האָט געזען טעגליאָוון? וווהין איז ער געגאַנגען?

www.libtool.com.cn

—דוכט זיך—אַהין !—דער אָפּיצער האָט אַ פּיר־געטאָן מיט דער האַנט איבער דער לופט.—אָבער איצט קאָן מען גאָרנישט פאַרשטיין. אָט, למשל, איז אייך באַוווסט ווו דאָס דאָרף איז אײַן רעטונג—אַז אַ הונט וועט זיך צעבילן. אַ שרעקלעך משוגע־נע נאַכט ! דערלויבט אַ ציגאַרל צו פאַררייכערן... פונדעסטוועגן איז עס ווי דו וואָלסט זיך דעם וועג באַלייכטן.

דער אָפּיצער איז, אויף וויפיל כ׳האָב באַמערקט, געווען אַ ביסל בגלופין.

—אייך האָט טעגליאָוו גאָרנישט געזאָגט—האָב איך געפרעגט.

—ס׳הייסט ! איך זאָג אים : גוט ב׳אָוונט, ברודער ! און ער מיר : זיי געזונט, ברודער !—וואָס הייסט זיי געזונט ? פאַר־וואָס עפּעס זיי געזונט ? כ׳וויל זיך דאָך, זאָגט ער, באַלד דער־שיסן פון אַ פּיסטאָלעט.—אַ מאָדנער נפש !

ס׳האָט מיך ביים אָטעם פאַרכאַפּט :

—איר דערציילט, אַז ער האָט אייך געזאָגט...

—אַ מאָדנער נפש !—האָט דער אָפּיצער איבערגעחזרט און זיך אַוועקגעדרייט פון מיר ווייטער.

—כ׳האָב נאָך נישט באַוויזן צו זיך צו קומען פון דעם אָפּיצערס רייד—ווי מיין געהער איז פאַרבליפט געוואָרן פון מיין אייגענעם נאָמען, וועלכער איז עטלעכע מאָל אויסגעשריען געוואָרן מיט אָנשטרענגונג. כ׳האָב דערקענט סעמיאָנס שטים. כ׳האָב זיך אָפּגערופן... ער איז צוגעקומען צו מיר.

## XVI.

—נו, וואָס ?—האָב איך אים געפרעגט.—האָסט געפונען איליאַ סטעפּאַניטשן ?

www.libtool.com.cn

—געפונען

ווו ?

—אָט דאָ, נישט ווייט.

—ווי אַזוי זשע האָסטו... אים געפונען ? ער לעבט ?

—געוויס,—כ׳האָב מיט זיי גערעדט (ס׳איז מיר גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן). זיי זיצן אונטער אַ בעריאָזקע, אין שי־נעל... און גאָרנישט. איך גיב זיי איבער: באַוויליקט, זאָג איך, איליאַ סטעפּאַניטש, אין קוואַרטיר אַריין: אַלעקסאַנדר וואַסיליטש זייַנען זייער באַאומרויקט וועגן אייך. און זיי זאָגן מיר: אַ חשק פון אַ מענטשן צו באַאומרויקן זיך. כ׳וויל זייַן אויף דער פרייער לופט. דער קאָפּ טוט מיר ווי. גיי, זאָגט ער, אַהיים. און איך וועל קומען שפּעטער.

—און דו ביסט אַוועק !—האָב איך אויסגערופן און אַ פּאַטש־געטאָן מיט די הענט.

—ווי דען זשע ? זיי האָבן באַפוילן צו גיין... ווי אַזוי קאָן איך בלייבן ?

אַלע מייַנע שרעקן האָבן זיך מיטאַמאָל צו מיר אומגע־קערט.

—די מינוט פיר מיך צו אים—דו הערסט ? די מינוט ! עך, סעמיאָן, סעמיאָן, כ׳האָב עס פון דיר נישט דערוואַרט ! זאָגסט, ער איז נישט ווייט פון דאַנען ?

—זייער נאָענט, אָט ווו דאָס וועלדל האָט זיך אָנגעהויבן—דאָרט זיצן זיי טאַקע. פון טייכל—פון ברעג—אַ צוויי סאַזשען, נישט מער. כ׳האָב זיי ביים טייכל געפונען.

—נו, פיר מיך, פיר !

סעמיאָן איז געגאַנגען פאָרויס.—

—אָט, זייט מוחל, ביטע... מ׳דאַרף זיך נאָר צום טייכל אַראָפּלאָזן—און דאָרט באַלד...

www.libtool.com.cn

אָבער אָנשטאָט אַראָפּצולאָזן זיך צום טייכל—זײַנען מיר פֿאַרקראָכן אין עפּעס אַ טיף אָרט און האָבן זיך דערשפּירט פֿאַר אַ פּוסטער שאָפּע...

—ע! שטיי!—האָט סעמיאָן מיטאַמאָל אויסגערופֿן.—כ'בין פֿאַרקראָכן, זעט אויס, רעכטס... מ'וועט זיך דאַרפֿן נעמען אָט אָ דאָ, אַ ביסל לינקס...

מיר זײַנען אַוועק אַ ביסל לינקס—און אַרײַנגעפֿאַלן אין אַזאַ געדיכטן בוריאַן, אַז מיר זײַנען קוים אַרויסגעקראָכן... אויף וויפֿיל כ'האָב געדענקט, איז נאָענט פֿון אונזער דאָרף גאָר־נישט געווען ערגעץ אַזאַ געדיכטער בוריאַן. און נאָכדעם האָט פּלוצלינג אַ זומפּ געגומען כליוקען אונטער אונזערע פֿיס; ס'האָבן זיך געוויזן רונדע מאָכיקע קליינע ערד־היגעלעך, וועל־כע כ'האָב אויך קיינמאָל נישט געזען... מיר זײַנען אַוועק צו־ריק און פֿאַר אונז איז אויסגעוואַקסן אַ משופּעדיקער היגל, און אויפֿן היגל שטייט אַ שאַלאַש און אינעווייניק כראַפּעט עמעץ. איך און סעמיאָן האָבן עטלעכע מאָל אַרײַנגעשריען אין שאַ-לאַש אַרײַן: עפּעס האָט זיך אַ קער־געטאָן אין זײַן טיפֿקייט. דאָס שטרוי האָט אַ טרעשטשע-געטאָן און אַ הײַזעריק קול האָט זיך אָפּגערופֿן: איך היט דאָ!

מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צוריק... פֿעלד, פֿעלד, פֿעלד אָן אַ סוף, אָן אַן עק...

כ'בין גרייט געווען זיך צו צעוויינען... ס'האָבן זיך מיר דערמאָנט די ווערטער פֿונם לץ אין „קעניג ליר":—„דידאָזיקע נאַכט וועט אונז סוף כּל סוף אַלעמען משוגע מאַכן..."

—ווּהין גייט מען?—האָב איך פֿאַרצווייפֿלט געפֿרעגט סע־מיאָנען.

—אפֿנים, באַרין, דער וואַלד־שד שטייט אונז אין וועג,—האָט געענטפֿערט דער דינער פֿאַרלוירן.—דאָס איז נישט פּשוט..

www.libtool.com.cn

די זאַך איז נישט קיין גלאַטיקע!

איך האָב שוין געהאַט געוואָלט אויף אים אָנשרייען — אָבער אין דער רגע איז צו מיין געהער דערפּלויגן אַ באַזונדערער, נישט הויכער קלאַנג, וועלכער האָט באַלד צוגעצויגן מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. עפּעס האָט שוואַך אַ קנאַל־געטאָן, אַט אַזוי ווי עמעץ וואָלט אַרויסשלעפּן אַ שטיפּן פּראָפּן פון אַ שמאָל פלעשל־העלזל. דערדאָזיקער קלאַנג האָט זיך דערהערט נישט ווייט פון יענעם אָרט, ווו איך בין געשטאַנען. פּאַריוואָס דער קלאַנג האָט מיר אויסגעוויזן באַזונדערס און אויסטערליש — קאָן איך נישט זאָגן — אָבער כ׳בין באַלד אַוועק לויט זיין ריכטונג.

סעמיאָן איז מיר נאָכגעגאַנגען; אין עטלעכע רגעס אַרום האָט עפּעס הויכס און ברייטס גענומען שוואַרצן־זיך דורכן נעבל.

— דאָס וועלדל! אָט איז עס, דאָס וועלדל! — האָט סעמיאָן פרייידיק אויסגערופן: — און דאָרט... דאָרט זיצט אויף דער באַרין אונטער אַ בעריאָזקע... ווו כ׳האָב אים איבערגעלאָזט — דאָרטן זיצט ער טאַקע, אָט איז ער אַליין!

כ׳האָב זיך איינגעקוקט און אין דער אמתן: אויף דער ערד, ביים וואָרצל פון אַ בעריאָזע, מיטן רוקן צו אונז, אומגעשיקט איינגעהויקערט, איז געזעסן אַ מענטש. כ׳האָב זיך שנעל צו אים דערנענטערט און דערקענט טעגליאָווס שינעל, כ׳האָב דערקענט זיין פיגור, זיין קאָפּ, וועלכער איז געווען איינגעבויגן צו דער ברוסט.

— טעגליאָוו! — האָב איך אַ רוף־געטאָן...

אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגערופן.

— טעגליאָוו! — האָב איך איבערגעחזרט — און אים אַנידערגעלייגט די האַנט אויף דער פּלייצע.

דאַמאָלט האָט ער זיך פּלוצלינג אַ וויג־געטאָן פּאָרויס,

www.libtool.com.cn

געהאָרזאַם און שנעל, גלייך ווי ער וואָלט דערוואַרט מיין
שטויס, און האָט זיך אַ וואָרף־געטאָן אויפן גראָז. איך מיט סע-
מיאָנען האָבן אים באַלד אויפגעהויבן און איבערגעקערט מיטן
פנים אין דער הויך. זיין געזיכט איז נישט געווען בלאַס, נאָר
לעבנלאָז־אומבאַוועגלעך; די צונויפגעפרעסטע ציין האָבן זיך
געווייסלט—און די אויגן זיינע, אויך אומבאַוועגלעכע און נישט
פאַרשלאָסענע, האָבן אָפּגעהיט זייער געוויינלעכן, שלאָפּיקן און
„פאַרשיידענעם״ בליק...

—מיין גאָט!—האָט פּלוצלינג סעמיאָן אַרויסגערעדט—און
מיר געוויזן זיין האַנט אַ רויט-באַפאַרבטע מיט בלוט... דאָסדאָ־
זיקע בלוט איז אַרויסגעגאַנגען פון אונטער טעגליאָווס פאַנאַנ־
דערגעשפּיליעטן שינעל, פון דער לינקער זייט פון זיין ברוסט.

ער האָט זיך דערשאָסן פון אַ נישט־גרויסן איין-לויפיקן
פיסטאָלעט, וועלכער איז געלעגן טאַקע דאָ, נעבן אים. דער
פריער געהערטער שוואַכער הילך איז געווען דער הילך, וואָס
איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן אומגליקלעכן שאָס.

## XVII.

טעגליאָווס זעלבסטמאָרד האָט נישט איבעריקס איבעראַשט
זיינע חברים. איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז, לויט זייער
השגה, האָט ער, אַלס „פאַטאַלער״ מענטש, באַדאַרפט אָפּטאָן
עפּעס אַן אויסערגעוויינלעך שפּיצל, כאָטש דוקא דאָסדאָזיקע
שפּיצל האָבן זיי, אפשר, פון אים נישט דערוואַרט. אינם בריוו
צום באַטאַריי־קאָמאַנדיר האָט ער אים געבעטן, ערשטנס: פאַר־
אָרדנען אויסצושליסן פון די רשימות דעם פּאָדפּאָרוטשיק איליאַ
טעגליאָוו ווי אַ פרייוויליק געשטאָרבענעם; דערביי האָט ער

www.libtool.com.cn

מודיע געווען, אַז ביי אים אין שקאַטולקע וועט זיך געפינען מער מזומן געלט, וויפיל עס וועלן זיך אויף אים אַרויסווייזן חובות; און צווייטנס: צושטעלן דער וויכטיקער פערזאָן, וועל־כע האָט דעמאָלט קאָמאַנדירט מיטן גאַנצן גוואַרדישן קאָרפּוס, דעם צווייטן, נישט־פאַרחתמעטן בריוו, וואָס האָט זיך געפונען אינם זעלבן קאָנווערט. דעמדאָזיקן צווייטן בריוו האָבן מיר אַלע, פאַרשטייש זיך, דורכגעלייענט; מאַנכע פון אונז האָבן פון אים אַראָפּגענומען קאָפּיעס. טעגליאָוו האָט זיך אפּנים אָנגעשטרענגט כדי צו פאַרפאַסן דעמדאָזיקן בריוו. אָט, אייער עקסעלענץ (אַזוי, געדענק איך, האָט ער זיך אָנגעהויבן), ווי שטרענג איר זייט און מאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מינדסטער נישט־אַקוראַטנעקייט אין מונדיר, פאַר דער נישטיקסטער אָפּנייגונג פון דער פאָרם, בעת פאַר אייך שטעלט זיך אַ בלאַסער, פלאַ־טערנדער אָפיצער; און אָט וועל איך זיך איצטער שטעלן פאַר אונזער אַלעמענס נישט־אונטערגעקויפטן זויבער־האַרציקן שופט, פאַרן העכסטן ווען, פאַרן ווען, וואָס איז אומענדלעך גרעסער אַפילו פאַר אייער עקסעלענץ, און איך ווייז זיך גאָר פשוט, אין שינעל, אַפילו אָן אַ האַלזטוך אויפן האַלז״... אַך, סאַראַ שווערן און אומאָנגענעמען רושם ס׳האָט אויף מיר געמאַכט די־דאָזיקע פראַזע, וואָס יעדעס וואָרט, יעדער אות אירער זיינען זאָרגזאַם אַרויסגעפירט געוואָרן דורך די קינדישע האַנטשריפט פונם פאַרשטאָרבענעם! צי דען, האָב איך זיך גופא געפרעגט, צי דען האָט געלוינט צוצוטראַכטן אַזאַ שטות אין אַזאַ מינוט? און טעגליאָוון, שיינט, איז דידאָזיקע פראַזע געפעלן געוואָרן: ער האָט פאַר איר געברויכט די אַלע, דעמאָלט מאָדערנע גע־בויען פון עפּיטעטן און אַמפּליפיקאַציעס אַ־לאַ מאַרלינסקי. ווייַ־טער האָט ער דערמאָנט וועגן שיקזאַל, וועגן רדיפות, מכּ׳ז זיין באַרוף, וועלכער איז אַזוי געבליבן נישט אויסגעפירט, מכּח דעם

www.libtool.com.cn

ווד, וועלכן ער וועט אַוועקטראָגן אין קבר, וועגן מענטשן, וואָס
האָבן אים נישט געוואָלט פאַרשטיין; ער האָט אַפילו געבראַכט
פערזן פון עפּעס אַ דיכטער, וועלכער האָט געזאָגט וועגן המון,
אַז ער טראָגט דאָס לעבן „אַזוי ווי אַ האַלזבאַנד"—און עסט זיך
איין אין פעלערן „ווי אַ שטעכעדיקע שישקע"—און דאָס אַלץ
נישט אָן אָרטאָגראַפישע גרייזן. דעם אמת זאָגנדיק, איז דער-
דאָזיקער לעצטער בריוו פונם אָרעמען טעגליאָוו געווען גאַנץ
געמיין—און כ'שטעל זיך פאָר אַ פאַראַכטלעכע פאַרלעגנהייט פון
דער הויכער פערזאָן, וואָס אויף איר נאָמען איז ער געווען
אַדרעסירט—איך שטעל זיך פאָר מיט וואָס פאַר אַ טאָן זי האָט
אַרויסגערעדט: אַ פּאַסקודנער אָפּיצער! זאָל באַזייטיקט ווערן
דאָס שלעכטע גראָז פון פעלד!" בלויז פאַרן סאַמע סוף פונם
בריוו האָט זיך פון טעגליאָווס האַרץ אַרויסגעריסן אַן אויפריכ-
טיקער געשריי. „אַך, אייער עקסעלענץ!—אַזוי האָט ער פאַרענ-
דיקט זיין שרייבן—איך בין אַ יתום, כ'האָב נישט געהאַט וועמען
ליב צו האָבן יונגערהייט—און אַלע האָבן זיך פון מיר דער-
ווייטערט... און דאָס איינציקע האַרץ, וואָס האָט זיך מיר אָפּ-
געגעבן—האָב איך אַליין אומגעבראַכט!

אין דער טאַש פון שינעל ביי טעגליאָוון האָט סעמיאָן
געפונען אַן אַלבאָמל, וואָס זיין אייגנטימער האָט זיך מיט אים
נישט געשיידט. אָבער כמעט אַלע בלעטער זיינען געווען אויס-
געריסן! בלויז איין בלאַט איז גאַנץ געבליבן, אויף וועלכן
ס'איז געשטאַנען פאָלגנדע אויסרעכנונג:

נאַפּאָלעאָן איז געבוירן געוואָרן דעם 15־טן אויגוסט 1769.

איליאַ טעגליאָוו איז געבוירן געוואָרן דעם 7-טן יאַנואַר 1811

www.libtool.com.cn

1769

15

8 (אויגוסט-דער אַכטער חודש אין יאָר)

ס"ה 1792

1

8

1

9

ס"ה! 19

1811

7

1 (יאַנואַר–דער ערשטער חודש אין יאָר)

1819

1

7

9

2

ס"ה! 19

נאַפּאָלעאָן איז געשטאָרבן דעם 5־טן מאַי 1825.

1825

5

5 (מאַי–דער פינפטער חודש אין יאָר)

18 5

1

8

3

5

ס"ה! 17

איליאַ טעגליאָוו איז געשטאָרבן דעם 21-טן יולי 1834.

1834

21

7 (יולי–דער ז־טער חודש אין יאָר).

1862

1

8

6

2

ס"ה! 17

אָרעמער! איז ער נישט צוליב דעם געוואָרן אַן אַרטי־לעריסט?

www.libtool.com.cn

מ׳האָט אים מקבר געווען ווי אַ רוצח—פון יענער זייט בית־עולם—און אינגיכן האָט מען וועגן אים פאַרגעסן.

# XVIII.

אויפן אַנדערן טאָג נאָך טעגליאָווס לויה (איך האָב זיך נאָך געפונען אין דאָרף, דערוואַרטנדיק דעם ברודער) איז סע־מיאָן אַריינגעקומען אין שטוב און געמאָלדן, אַז איליאַ באַגערט מיך צו זען.

—וועלכער איליאַ?—האָב איך געפרעגט.

—אונזער גאַסן-הענדלער.

כ׳האָב אים געהייסן אַריינרופן.

ער איז אַריין. האָט אַ ביסל באַדויערט דעם הער פּאָד־פּאָרוטשיק; האָט זיך געחידושט, וואָס מיט אים איז אַזוינס פאַרלאָפן...

ער איז דיר געבליבן שולדיק אַ חוב?—האָב איך געפרעגט.

—ניין. וואָס זיי האָבן גענומען—האָבן זיי באַלד אַלץ אויס־געצאָלט פּינקטלעך. נאָר אָט וואָס... דאָ האָט דער גאַסן-הענד־לער אַ לאַן־געטאָן.—ס׳איז געבליבן ביי אייך מיינס אַ זאַכל...

—וואָס איז דאָס פאַראַ זאַכל?

—אָט טאַקע דאָס־אָ.—ער האָט געוויזן מיטן פינגער אויפן גראַווירט קעמעלע, וואָס איז געלעגן אויפן טואַלעט־טישעלע.— אַ זאַכל פון קליינער וויכטיקייט, האָט דער לץ ווייטער גערעדט: אָבער איך האָב עס געקריגן אַלס מתנה...

איך האָב מיטאַמאָל דעם קאָפּ אַ הייב־געטאָן. ס׳האָט מיך ווי מיט אַ ליכטיקייט דורכגענומען,

—דיין נאָמען איז איליאַ?

www.libtool.com.cn

—יאָ, אַזוי איז עס.

—האָב איך עס נישט אַמאָל דיך... דאָ נישט לאַנג ביי־נאַכט... אונטער דער וועטלע?

דער הענדלער האָט אַ ווינק־געטאָן מיט אַן אויג און האָט זיך נאָך מער צעלאַכט.

—מיך.

—און דאָס האָט מען ד י ך גערופן?

—מיך,—האָט דער הענדלער איבערגעחזרט מיט חנדלדיקער באַשיידנקייט.—דאָ איז פאַראַן איינע אַ מיידל,—האָט ער ווייטער גערעדט מיט אַ פאַלצעט:—וואָס צוליב גרויס שטרענגקייט מצד די עלטערן...

—גוט, גוט,—האָב איך אים איבערגעשלאָגן, דערלאַנגט אים דאָס קעמעלע און אים אַרויסבאַגלייט ווייטער.

איז אָט ווער געווען דער „אילושאַ”—האָב איך געקלערט —און זיך פאַרטיפט אין פילאָזאָפישע חקירות, וועלכע כ׳וועל אייך, איבעריקנס, נישט גיין אָנוואַרפן, ווייל כ׳האָב קיינעם נישט בדעה שטערן צו גלייבן אין מזל, אין באַשערטקייט און אין די איבעריקע פאַטאַלקייטן.

אומקערנדיק זיך קיין פעטערבורג, האָב איך צונויפגע־זאַמלט אינפאָרמאַציעס וועגן מאַשאַן. כ׳האָב אַפילו אויפגעזוכט דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט זי געהיילט. צו מיין דערשטוינונג האָב איך פון אים דערהערט, אַז זי איז געשטאָרבן נישט פון פאַרגיפטונג, נאָר פון כאָלערע! איך האָב אים איבערגעגעבן דאָס, וואָס כ׳האָב געהערט פון טעגליאָוון

—ע! ע!—האָט דער דאָקטאָר פלוצלינג אויסגערופן.—דער־דאָזיקער טעגליאָוו—דער אַרטילעריע־אָפיצער, פון מיטעלן וווקס, אַן איינגעבויגענער, ציישט־צו אין ריידן?

—יאָ.

www.libtool.com.cn

—נו, אַזוי איז עס. דערדאָזיקער הער איז צו מיר אַראָפּ־געקומען—כ׳האָב אים דאָ דאָס ערשטע מאָל געזען—און האָט זיך גענומען איינשפּאַרן, אַז יענס מיידל האָט זיך פאַרסמט. איך זאָג: „כאָלערע״, ער זאָגט: „סם״. איך זאָג: „דוקא כאָלערע״; ער:—„דוקא סם״. איך זע, דאָס איז עפּעס אַ מענטש ווי נישט ביי די קלאָרע רעיונות, מיט אַ גרויסער פּאַטיליצע, ס׳הייסט אַן עקשן, שטייט־צו צו מיר ווי אַ קלעק... אַלציינס, קלער איך, דער סוביעקט איז דאָך שוין סיי־ווי געשטאָרבן... נו, זאָג איך, זי האָט זיך געסמט, אויב ס׳איז אייך אַזוי מער ניחא. ער האָט מיר באַדאַנקט, די האַנט אַפילו געדריקט—און איז נעלם געוואָרן.

איך האָב דערציילט דעם דאָקטאָר, אויף וואָס פאַר אַן אופן דערזעלבער אָפּיצער האָט זיך אינם זעלביקן טאָג דער־שאָסן.

דער דאָקטאָר האָט אַפילו מיט קיין ברעם נישט אַ פּיר־געטאָן—און האָט נאָר באַמערקט, אַז אויף דער וועלט זיינען פאַראַן פאַרשידענע נפשות.

—פאַראַן,—האָב איך אויך נאָך אים איבערגעחזרט.

יאָ, ריכטיק האָט עמעץ געזאָגט וועגן זעלבסטמערדער: אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן נישט אויספירן זייער כוונה—גלייבט זיי קיינער נישט; און פירן זיי שוין אויס—וועט זיי קיינער נישט באַדויערן.

1870

www.libtool.com.cn

# קלארא מילימש

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# I

פרילינג־צייט, אינם יאָר 1878, האָט אין מאָסקווע אין אַ קליין הילצערן הייזל אויף שאַבאָלאָווקע געוווינט אַ יונגער־מאַן פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק מיטן נאָמען יאַקאָוו אַראַטאָוו. צוזאַמען מיט אים האָט געוווינט זיינע אַ מומע, אַן אַלטע בתולה, אַריבער פופציק יאָר אַלט, זיין פאָטערס אַ שוועסטער — פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ. זי האָט אָנגעפירט מיט זיין בעל־הבתישקייט, געפירט זיינע הוצאות, צו וואָס אַראַטאָוו אַליין איז לחלוטין נישט פעיק געווען.

קיין אַנדערע קרובים האָט אַראַטאָוו נישט געהאַט. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז זיין פאָטער, אַ ווייניק־פאַרמעגלעכער שליאַכטשיצל פון ט—ר גובערניע, איבערגעפאָרן קיין מאָסקווע צוזאַמען מיט אים און פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַן. זיין פאָטער האָט זי, איבעריקנס, שטענדיק גערופן פלאַטאָשאַ, און אויך דער פלעמעניק האָט זי אַזוי אָנגערופן. פאַרלאָזנדיק דאָס דאָרף, וווּ זיי האָבן אַלע ביז דעמאָלט תמיד געוווינט, האָט זיך דער אַלטער אַראַטאָוו באַזעצט אין דער רעזידענץ מיטן צוועק אַריינצוגעבן דעם זון אין אוניווערזיטעט, צו וואָס ער האָט אים אַליין פאָרגעברייט. ער האָט איינגעהאַנדלט פאַר אַ קליינינקייט עפעס אַ הייזל אין איינער פון די פאַרי־אָרפענע גאַסן און האָט זיך דאָרט איינגעאָרדנט מיט אַלע זיינע ביכער און „פרעפּאַראַטן”. און ביכער און פרעפּאַראַטן האָט ער געהאַט אַ מאַסע — וואָרום ער איז געווען אַ מענטש וואָס האָט זיך געקענט

www.libtool.com.cn

אויף די שוואַרצע פינטעלעך... „אַן אויסטערלישער פאַרשוין",
האָבן אים די שכנים גערופן. ער האָט ביי די שכנים אַפילו
געשמט פאַר אַ מכשף: אַפילו אַ צונאָמען האָט ער געקריגן „דער
באַאָבאַכטער פון אינזעקטן". ער האָט זיך פאַרנומען מיט כעמי,
מיט מינעראַלאָגיע, ענטאָמאָלאָגיע, מיט באָטאַניק און מעדיצין;
ער האָט געהיילט פרייוויליקע פאַציענטן מיט גראָזן און מעטאַ־
לענע „פראָשקעס" פון אייגענער דערפינדונג, לויט פאַראַצעל־
סיס מעטאָד. מיט דידאָזיקע „פראָשקעס" טאַקע האָט ער אַריינ־
געבראַכט אין קבר זיין יונגינקע, שיינינקע, אָבער צו דאַרינקע
ווייב, וועלכע ער האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט און פון
וועלכער ער האָט געהאַט איין איינציקן זון. מיט דיזעלביקע
מעטאַלענע „פראָשקעס" האָט ער ביסלעכוויז אויך קאַליע גע־
מאַכט דעם זונס געזונט, וואָס ער האָט, אדרבה, געוואָלט
שטאַרקן, קרעפטיקן, ווייל ער האָט געפונען אין זיין אָרגאַניזם
אַנעמיע און אַ נייגונג צו שווינדזוכט, געירשנט פון דער מוטער.

דעם נאָמען „מכשף" האָט ער, אגב, באַקומען דערפאַר,
ווייל ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אוראייניקל—נישט אין
גלייכער ליניע, געוויס,—פון באַרימטן בריוס, לכבוד וועמען ער
האָט טאַקע זיין זון אַ נאָמען געגעבן יאַקאָוו. אַ מענטש איז ער
געווען, ווי ס'ווערט אָנגערופן, אַ „דימענטענער" אָבער מיט אַ
מעלאַנכאָלישן כאַראַקטער, אַ פאַרכמורעטער, אַ שרעקיקער,—גע־
נייגט צו אַלעם סודותדיקן, מיסטישן... דאָס האַלב־פליס־
טערנד־אַרויסגעבראַכטע: „אַ!" איז געווען זיין געוויינלעכער
אויסרוף; מיט דעמדאָזיקן אויסרוף אויף די ליפן איז ער אויך
געשטאָרבן,—אין אַ פּאָר יאָר אַרום נאָכן באַזעצן זיך אין מאָסקווע.

זיין זון יאַקאָוו איז אויסערלעך נישט געווען ענלעך צום
פאָטער. דער פאָטער איז געווען נישט קיין שיינער, נישט
דירעוודיק און אומגעשיקט; ער איז גיכער געווען ענלעך צו

זיין מוטער. ער האָט געהאַט דיזעלבע איידעלע, ליבלעכע שטריכן, דיזעלבע ווייכע האָר פון אַש־קאָליר, דיזעלבע קליינע נאָז מיטן הערבל, דיזעלבע בולטע, קינדישע ליפלעך און גרויסע, גרינגלעך־גרויע, מיט אַ דין נעפל פאַרצויגענע אויגן און פוכיקע וויעס. דערפאַר איז ער מיטן כאַראַקטער געווען געראָטן אין פאָטער; און דאָס געזיכט, נישט ענלעך צום פאָטערס, האָט דאָך געטראָגן אַ חותם פון פאָטערס אויסדרוק—און הענט האָט ער געהאַט קניפלדיקע, אַ ברוסט אַן איינגעפאַלענע, ווי דער אַלטער אַראַטאָוו, וועמען מען דאַרף אפשר, איבעריקנס, נישט אָנרופן אַלטער, מחמת ער האָט אַפילו צו פופציק יאָר נישט דערצויגן.

נאָך ביי זיין לעבן איז יאַקאָוו אַריינגעטראָטן אין אוניווערזיטעט, אויפן פיזיקאַליש־מאַטעמאַטישן פאַקולטעט; דעם קורס האָט ער אָבער נישט געענדיקט—נישט צוליב פוילקייט, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַלטן, אַז אין אוניווערזיטעט קאָן מען דערגיין נישט מער, וויפיל מען קאָן זיך אויסלערנען אויך אין שטוב; נאָך קיין דיפלאָם האָט ער זיך נישט געיאָגט, ווייל ער האָט נישט געהאַט בדעה אָנצוקומען אויף אַ פאָסטן. ער האָט זיך געהאַלטן ווייט פון זיינע חברים, איז כמעט מיט קיינעם נישט באַקאַנט געוואָרן, באַזונדערס האָט ער זיך געהאַלטן פרעמד פון פרויען, און האָט געלעבט זייער אָפגעזונדערט, פאַרזונקען אין ביכער. ער האָט זיך געהאַלטן פרעמד פון פרויען, כאָטש אַ האַרץ האָט ער פאַרמאָגט אַ צאַרטס און ער פלעגט באַגייסטערט ווערן פון שיינקייט... ער האָט זיך אַפילו באַזאָרגט מיט אַ פרעכטיקן ענגלישן קיפסעק—און (אָ, אַ שאַנד!) האָט זיך געקוויקט מיט זיינע פרעכטיקע געמעלער, פון כלערליי הערלעכע גיולנאַרעס און מעדאָרעס... אָבער שטענדיק האָט אים צוריקגעהאַלטן אַן איינגעבוירענע שעמעוודיקייט.

www.libtool.com.cn

אין דערהיים האָט ער פאַרנומען דעם פּאָטערס געוועזענעם קאַ-בינעט, וועלכער איז אויך געווען זיין שלאָף-חדר; און אויך זיין געלעגער איז געווען דערזעלבער, אויף וועלכן זיין פאָטער איז אויסגעגאַנגען.

אַ גרויסע אָנשפּאַרונג פאַר זיין גאַנצן קיום, אַ טרייער חבר און פריינד איז אים געווען זיין מומע, טאַקע יענע פלאַ-טאָשאַ, מיט וועלכער ער פלעגט קוים עטלעכע ווערטער אַ טאָג אויסריידן, אָבער אָן איר וואָלט ער קיין טריט נישט געקאָנט שטעלן.

דאָס איז געווען אַ לאַנג-פּנימדיק, לאַנג-ציינדיק באַשעפע-ניש, מיט בלאַסע אויגן אויף אַ בלייך געזיכט, מיט אַן אומ-פאַרמיידלעכן אויסדרוק דאָ פון טרויער, דאָ פון אומרויקן פחד. תמיד אָנגעטאָן אין אַ גרוי קלייד און אַ גרויען שאַל, פון וועלכן ס׳האָט געשמעקט מיט קאַמפאַר, האָט זי אומגעשלייכט איבערן שטוב, ווי אַ שאָטן, מיט נישט הערבאַרע טריט; זי האָט געזיפצט, תפילות געמורמלט—באַזונדערס איינע אַ באַליבטע, וועלכע איז באַשטאַנען אינגאַנצן פון צוויי ווערטער: „גאָטעניו, העלף!״—און זייער אייפריק געבעל־הביתעוועט אין שטוב, גע-היט יעדן גראָשן און פלעגט אַליין אַלץ איינקויפן.

איר פּלימעניק האָט זי פאַרגעטערט; שטענדיק האָט זי זיך מצער געווען וועגן זיין געזונט—פאַר אַלץ האָט זי זיך געשראָקן—נישט צוליב זיך—נאָר צוליב אים—און ס׳פלעגט טרעפן, אַז קוים פלעגט זיך איר דוכטן, אַז אים איז עפּעס, פלעגט זי תיכף צוגיין אין דערשטיל און אים אַנידערשטעלן אויפן שרייב־טיש אַ שעלכל מיט רפואה־גראָז פאַרבריט, אָדער פלעגט אים אַ גלעט־טאָן איבערן נאַקן מיט אירע וואַטע-ווייכע הענט. יאַקאָוון האָט דידאָזיקע זאָרגעניש נישט געקווילט,—דאָס פאַר-בריטע גראָז האָט ער פונדעסטוועגן נישט געטרונקען—און האָט

www.libtool.com.cn

בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַלס צייכן פון צופרידנקייט. איבעריקנס, מיט זיין געזונט האָט ער זיך אויך נישט געהאַט וואָס צו באַרימען. ער איז געווען זייער עמפּינדלעך, נערוועז, איבערקלערעריש, געליטן אויף אַ האַרץ־קלאַפּעניש און אַמאָל אויף קורצן אָטעם.

אַזוי ווי זיין פאָטער, האָט ער געגלייבט, אַז עס עקזיס־טירן אין דער נאַטור און אין דער מענטשלעכער נשמה אַזעל־כע סודות, וואָס מ׳קאָן זיי אַמאָל פאָרזען, אָבער קיינמאָל נישט משיג זיין; ער האָט געגלייבט, אַז עס זיינען דאָ מאַנכע כחות און שווונגען, אַמאָל גוט־גענייגטע, אָבער אָפטערס פיינטלעכע... ער האָט אויך געגלייבט אין דער וויסנשאַפט, אין איר ווערט און חשיבות. אין דער לעצטער צייט האָט ער געקריגן אַ תשוקה צו פאָטאָגראַפיע. דער ריח פון די אַלע פליסיקייטן, וועלכע ווערן דערביי געברויכט, האָט זייער באַומרויקט די אַלטע מומע—און ווידער נישט צוליב זיך, נאָר צוליב יאַשאַן, צוליב זיין ברוסט; אָבער ביי דער גאַנצער ווייכקייט פון זיין נאַטור, האָט ער פאַרמאָגט נישט ווייניק עקשנות—און ער פלעגט זיך ווייטער פאַרנעמען כסדר מיט זיין ליב־געקריגענער באַ־שעפטיקונג. „פּלאַטאָשאַ” האָט זיך אונטערגעגעבן, און בלויז ערגער ווי פריער פלעגט זי זיפצן און מורמלען: „גאָטעניו, העלף!” קוקנדיק אויף זיינע פינגער, וועלכע זיינען פאַרפאַרבט געווען מיט יאָד.

ווי שוין געזאָגט, פלעגט זיך יאַקאָוו האַלטן פרעמד פון חברים; פונדעסטוועגן איז ער מיט איינעם פון זיי גאַנץ נאָענט זיך צונויפגעגאַנגען און ער פלעגט אים זען אָפט, אַפילו נאָך דעם, ווי דערדאָזיקער חבר איז, אַרויסגייענדיק פון אוניווערזי־טעט, אָנגעקומען אויף אַ שטעל, איבעריקנס, אויף אַ ווייניק־פאַראַנטוואָרטלעכע: ער—ווי ער אַליין פלעגט זיך אויסדריקן—

www.libtool.com.cn

האָט זיך איינגעאָרדנט ביים בויען דעם טעמפּל לכּבוד דעם דערליייזער, נישט־האָבנדיק, אודאי, קיין שום באַגריף אין אַר־כיטעקטור און פּלאַי פּלאַים דערדאָזיקער איינציקער פּריינט אַראַטאָווס, לויט דער פאַמיליע קופּפער, אַ דייטש, אויף אַזויפיל אַ רוסיפיצירטער, אַז ער האָט קיין איין דייטשיש וואָרט נישט געקענט און פּלעגט זיך אַפילו זידלען מיטן וואָרט „דייטש"— דערדאָזיקער פּריינט האָט מיט אים, אפנים, קיין שום געמיינ־זאַמס נישט געהאַט. דאָס איז געווען אַ שוואַרץ־געקרייזטער, רויט־באַקיקער יונג, אַ זייער פריילעכער, אַ ריידעוודיקער און אַ גרויסער ליבהאָבער פון יענער זעלבער פרויען־געזעלשאַפט, פון וועלכער אַראַטאָוו האָט אַזוי געווייכט. אמת, קופּפער פלעגט אָפט ביי אים עסן פרישטיק, מיטאָג, און דערצו נאָך, זייענדיק אַ קנאַפּער עושר, פלעגט ער נאָך כאַפּן ביי אים הלוואהלעך; אָבער נישט דאָס פלעגט צווינגען דאָס פריילעכע דייטשל צו באַזוכן פלייסיק דאָס באַקוועמע הייזל אויף שאַבאָלאָווקע. אפשר האָט אים צוגעצויגן יאַקאָווס נשמה־ריינקייט, „אידעאַלישקייט" להפוך צו דעם, וואָס ער האָט טאָג־טעגלעך באַגעגנט און געזען; —אָדער, אפשר, האָט זיך אין דערדאָזיקער סימפּאַטיע גופא צום „אידעאַלן" בחור צעוויסגעוויזן זיין אייגנטלעך גערמאַניש בלוט. יאַקאָוון ווידער איז געפעלן געווען קופּפערס גוטמוטיקע אָפנהאַרציקייט; און אַחוץ דעם, זיינע מעשות וועגן טעאַטערן, קאָנצערטן און בעלער, אויף וועלכע ער איז געווען אַ באַזוכער, —בכלל, וועגן יענער פרעמדער וועלט, וווּהין יאַקאָוו האָט זיך נישט אַנטשלאָסן אַריינצודרינגען,—האָבן געהיים פאַרנומען און אַפילו אויפגערעגט דעם יונגן פרוש, נישט אויפוועקנדיק, אי־בעריקנס, אין אים קיין פאַרלאַנג דורכצומאַכן דאָס אַלץ מיט אייגענער דערפאַרונג. אויך פלאַטאָשאַ האָט גאַנץ גערן געהאַט קופּפערן; אמת, לויט איר קוק איז ער אַמאָל געווען שוין

www.libtool.com.cn

צופיל אָן צערעמאָניעס, אָבער פילנדיק אינסטינקטיוו און פאַר־שטייענדיק, אַז ער איז אמתדיק צוגעבונדן צו איר טייערן יאשאַ, האָט זי נישט נאָר סובל געווען דעם טומלדיקן גאַסט, נאָר זי איז געווען צו אים גוט און פריינטלעך.

## II.

אין יענער צייט, ווען וועלכער עס גייט דאָ די רייד, האָט זיך אין מאָסקווע געפונען איינע אַן אלמנה, אַ גרוזינישע פירשטין,—אַן אומבאַשטימטע פערזענלעכקייט, כמעט אַ פאַרדעכ־טיקע. זי איז אַלט געווען שוין אַרום פערציק יאָר; אין דער יוגנט האָט זי, אפנים, געבליט מיט יענער באַזונדערער מזרח־שיינקייט, וועלכע וועלקט אַזוי שנעל. איצט האָט זי זיך גע־ווייסט, צוגעגעבן זיך רויטקייט און די האָר האָט זי געפאַרבט אויף געל.

ווען איר זיינען אומגעגאַנגען אַלערליי נישט אינגאַנצן גינסטיקע און נישט אינגאַנצן קלאָרע קלאַנגען; איר מאַן האָט קיינער נישט געקענט—און אין קיין איינציקער שטאָט האָט זי אַ לענגערע צייט נישט געוווינט. קיין קינדער, קיין פאַרמעגן האָט זי נישט געהאַט; אָבער געלעבט האָט זי אָפן—מאַכנדיק חובות, אָדער אויף אַן אַנדער אופן; האָט געהאַלטן, ווי מ׳זאָגט, אַ סאַלאָן און אויפגענומען אַ געמישטע געזעלשאַפט—דאָס רוב יונגוואַרג. אַלצדינג אין איר שטוב, אָנהייבנדיק פון איר אייגענעם טואַלעט, מעבל, טיש—און ענדיקנדיק מיטן עקיפאַזש און דינערשאַפט—האָט געטראָגן דעם חותם פון עפעס ביליקס, באַכגעמאַכטס, צייטווייליקס... נאָר סיי די פירשטין גופא, סיי אירע געסט האָבן, אפנים, קיין בעסערס גאָרנישט פאַרלאַנגט.

www.libtool.com.cn

די פירשטין האָט געשמט אַלס אַ ליבהאָבערין פון מוזיק, ליטע־ראַטור, אַלס אַ שיצערין פון אַרטיסטן און מאַלער. זי האָט זיך טאַקע אין דער אמתן אינטערעסירט מיט דידאָזיקע אַלע „פראַגן״—אַפילו ביז התפעלות—און התפעלות נישט אינגאַנצן געמאַכטע. אין איר האָט אָן שום ספק געקלאַפּט אַן עסטעטישער אָדער. דערצו איז זי געווען זייער צוגענגלעך, ליבלעך, אָן גאַוודהדי־קייט און מאַנירלעכקייט און—וואָס אַ סך האָבן עס נישט באַ־מערקט—אין תוך זייער אַ גוטע, ווייכהאַרציקע און נאָכגיביקע... נישט קיין זעלטענע מעלות—און אַ פשיטא שוין טייערע—ביי אַזעלכע מיני פּערזענלעכקייטן?

—„אַ פּוסטע פּרוי!״—האָט זיך וועגן איר אויסגעדריקט איי־נער אַ חכם, זי וועט זיכער אַריינפאַלן אין גן עדן אַריין: דע־ריבער—אַלץ איז זי מוחל, און אויך איר וועט אַלצדינג גע־שענקט ווערן!״

וועגן איר האָט מען אויך גערעדט, אַז בעת זי פלעגט פאַרשווינדן ווערן פון אַ וועלכער עס איז שטאָט, פלעגט זי דאָרט איבערלאָזן אַזוי פיל בעלי־חובות, וויפיל מענטשן עס פלעגן נהנה זיין פון איר צדקה. איר ווייך האַרץ האָט זיך געלאָזט בייגן אין וועלכער זייט איר ווילט.

ווי מ׳האָט געדאַרפט דערוואַרטן, איז קופּפער אַריינגע־פאַלן אין איר הויז-און איז פאַר איר געוואָרן אַ נאָנטער... בייזע צינגער האָבן געזאָגט: אַ צו נאָנטער מענטש... ער גופא האָט זיך אָבער שטענדיק אָפּגערופן וועגן איר נישט בלויז פריינטלעך, נאָר מיט אַ דרך־ארץ; ער פלעגט זי רופן „גאָלדע־נע פרוי״—וואָס מ׳זאָל וועגן איר נישט ריידן!—און ער האָט פעסט געגלייבט, סיי אין איר ליבע צו דער קונסט, סיי אין איר באַנעמען די קונסט.

און אָט, איינמאָל, נאָך מיטאָג, אַז ער האָט זיך ביי די־

www.libtool.com.cn

אַראַטאָווס צורעדט וועגן דער פירשטין און אירע אָוונטן, האָט ער גענומען איבערצייגן יאַקאָוון, אַז ער זאָל כאָטש איינאיינציק מאָל שטערן זיין אַנאַכאָרעטיש לעבן און אים, קופּפערן, דערלויבן פאָרצושטעלן אים פאַר זיין פריינדין.

יאַקאָוו האָט לכתחילה נישט געוואָלט הערן וועגן דעם.

—וואָס זשע מיינסטו?—האָט לסוף קופּפער אויסגערופן:— וועגן וואָס פאַר אַ פאָרשטעלעניש האַנדלט זיך דאָ? פּשוט, כ'וועל דיך נעמען, אָט אַזוי אָ, ווי דו זיצסט אַצינד, אין סורדוט, און וועל דיך אַוועקפירן צו איר אויף אַן אָוונט. קיין שום עטיקעטן, ברודערקע, גייען דאָרט נישט אָן! אָט ביסטו אי אַ געלערנטער, אי דו האָסט ליב ליטעראַטור, אי מוזיק (אין אַראַטאָווס קאַבינעט האָט זיך טאַקע געפונען אַ פּיאַנינאָ, אויף וועלכן ער פלעגט אַמאָל נעמען אַקאָרדן מיט אַ פאַרקלענערטער סעפּטימע), און ביי איר אין שטוב איז פאַראַן גענוג דאָסדאָזיקע גוטס!... און מענטשן וועסטו דאָרט טרעפן סימפּאַטישע, אָן שום פּרעטענזיעס! און סוף־כל־סוף טאָר מען דאָך נישט אין דיינע יאָרן, מיט דיין אויסערלעכקייט (אַראַטאָוו האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט)—יאָ, יאָ, מיט דער אויסערלעכקייט טאָר מען זיך נישט אַזוי דערווייטערן פון געזעלשאַפט, פון דער וועלט! איך גיי דיך דאָך נישט פירן צו גענעראַלן? איבעריקנס, איך אַליין קען אויך נישט קיין גענעראַלן!... שפּאַר זיך נישט איין, מיין טייערער! מאָראַל איז אַ גאַנץ גוטער ענין, אַ בכבודיקער... אָבער צוואָס זיך אַריינלאָזן אין אַסקעטיזם? דו גרייטסט דיך נישט צו ווערן אַ מאָנאַך!

אַראַטאָוו האָט זיך פונדעסטוועגן ווייטער איינגעשפּאַרט; אָבער קופּפערן צו הילף איז געקומען פּלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ.

www.libtool.com.cn

כאָטש זי האָט גוט נישט פאַרשטאַנען, וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַ וואָרט: אַסקעטיזם? פונדעסטוועגן האָט זי אויך געפונען, אַז פאַר יאַשענקאַן שאַדט נישט צו צעשטרייען זיך, אויף אַנדערע אַ בליק טאָן און זיך אַליין צו ווייזן.

—בפרט,—האָט זי צוגעגעבן—אַז איך בין זיכער אין טעאָדאָר טעאָדאָריטשן! אין אַ שלעכט אָרט וועט ער דיך נישט פירן!...

—כ׳וועל אייך אים אומקערן אין זיין גאַנצער אומשולד!

—האָט אויסגעשריען קופּפער, אויף וועלכן פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ, נישט־קוקנדיק אויף איר זיכערקייט, האָט געוואָרפן אומרויקע בליקן.

אַראַסטאָוו איז רויט געוואָרן ביז די אויערן, אָבער אָפּענטפערן האָט ער אויפגעהערט.

געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס אויפן אַנדערן טאָג האָט אים קופּפער אַוועקגעפירט אויפן אָוונט צו דער ירשטין.

אָבער אַראַסטאָוו איז דאָרט לאַנג נישט געבליבן. ערשטנס, האָט ער ביי איר געפונען אַ מאַן צוואַנציק געסט, מענער און פרויען, לאָמיר אַפילו זאָגן, אויך סימפּאַטישע, נאָר דאָך פרעמדע; און דאָס האָט אים זשענירט, כאָטש שמועסן איז אים אויסגעקומען זייער ווייניק: און דערפאַר האָט ער מורא מער פאַר אַלץ. צווייטנס, איז אים די בעל-הביתטע גופא נישט געפעלן געוואָרן, כאָטש זי האָט אים אויפגענומען זייער גערן און פשוט. אַלץ אין איר איז אים נישט געפעלן געוואָרן: דאָס אָנגעפאַרבטע געזיכט, די הויך־אויפגעשלאָגענע קרויזן, די הייזעריקלעך־זיסלעכע שטים, איר הילכיק געלעכטער, איר אופן צו פאַרגלאָצן די אויגן הינטערן שטערן, דער צו גרויסער דעקאָלטע און דידאָזיקע פוכקע, גלאַנציקע פינגער מיט די פילרינגען!...

www.libtool.com.cn

פאַררוקנדיק זיך אין אַ ווינקל, איז ער דאָ איבערגעלאָפן מיט די בליקן איבער אַלעמענס געזיכטער, וועלכע ער האָט אַפילו נישט אונטערשיידט איינעם פון אַנדערן. דאָ האָט ער עקשנותדיק געקוקט אויף זיינע אייגענע פיס. לסוף האָט איינער אַ צוגערייזטער אַרטיסט מיט אַ שכּורלעך פּנים, מיט לאַנגע האָר און מיט אַ גלעזל אונטער דער צונויפגעקוועטשטער ברעם, זיך געזעצט ביים קלאַוויר. ער האָט האַסטיק אַ קלאַפּ־געטאָן מיט די הענט איבער די קלאַווישן און מיטן פוס איבער דער פּעדאַל און אָנגעהויבן צו האַקן לישטס פאַנטאַזיע אויף וואַג־נערישע טעמען. דאָ האָט שוין אַראַטאָוו נישט אויסגעהאַלטן און האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון דאָרט, אַוועקטראָגנדיק אין דער נשמה אַ טריבן און שווערן איינדרוק, דורך וועלכן עס האָט זיך פונדעסטוועגן דורכגעשלאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַר אים אַליין געווען פרעמד, אָבער באַדייטנדיק און אַפילו אומרויק.

## III.

קופּפער איז געקומען דעם אַנדערן טאָג אויף מיטאָג; פונדעסטוועגן האָט ער קיין סך נישט גערעדט וועגן נעכטיקן אָוונט; ער האָט אַפילו נישט פאָרגעוואָרפן אַראַטאָוון פאַר זיין איילִיק אַנטלויפן און ער האָט נאָר באַדויערט, וואָס ער האָט זיך נישט דערוואַרט אויפן אָוונט־ברויט, ביי וועלכן מ'האָט דערלאַנגט שאַמפּאַניער! (פון ניזשעגאָראָדער אויסאַרבעטונג, לאָמיר אגב באַמערקן אין קלאַמערן). קופּפער האָט, אפנים, פאַרשטאַנען, אַז אומזיסט איז אים איינגעפאַלן אויפצומונטערן זיין פריינט און אַז אַראַטאָוו איז אַבסאָלוט נישט דער „פּאַסי-

www.libtool.com.cn

קער מענטש פאַר יענער געזעלשאַפט און פאַר יענעם לעבנס־שטייגער.

פון זיין זייט האָט אַראַטאָוו אויך נישט גערעדט קיין וואָרט נישט וועגן דער פירשטין, נישט וועגן נעכטיקן אָוונט. פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ האָט נישט געוווסט, צי זאָל זי זיך פרייען מיטן מיסערפאָלג פון דערדאָזיקער ערשטער פּראָבע, אָדער זאָל זי אים באַדויערן? לסוף איז זי געקומען צום באַשלוס, אַז יאַשאַס געזונט וואָלט געקאָנט ליידן פון אַזעלכע ענלעכע וויזיטן, און זי האָט זיך באַרויקט.

קופּפער איז אַוועקגעגאַנגען תיכף נאָך מיטאָג, און אַ גאַנצע וואָך נאָכדעם האָט ער זיך נישט געוויזן. און נישט צוליב דעם, וואָס ער זאָל זיין אָנגעבלאָזן אויף אַראַטאָוון פאַר ז׳ער נישט געלונגענהייט פון זיין רעקאָמענדאַציע—דער גוטמוטיקער קופּפער איז אויף דעם נישט פעיק געווען—נאָר ער האָט, ווייזט־אויס, געפונען עפּעס אַ באַשעפטיקונג, וועלכע האָט פאַרשלונגען זיין גאַנצע צייט, זיינע אַלע רעיונות, דערפאַר ווייל שפעטער פלעגט ער זיך ווייזן זעלטן ביי די אַראַטאָווס, אַן אויסזען האָט ער געהאַט אַ צעשטרייטן, גערעדט האָט ער ווייניק און זייער שנעל פלעגט ער פאַרשווינדן ווערן...

אַראַטאָוו האָט ווייטער געלעבט אויפן זעלבן שטייגער ווי פריער; אָבער עפּעס אַ מין „האַטשיק“, אויב מ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, האָט זיך אים איינגעגעסן אין נשמה. עס פלעגט זיך אים אַלץ עפּעס דערמאָנען, אַליין נישט ווויסנדיק קלאָר, וואָס אַזוינס, און דאָסדאָזיקע „עפּעס“ האָט באַלאַנגט צו יענעם אָוונט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט ביי דער פירשטין. ביי דעם אַלעמען האָט זיך אים אַ האָר נישט געגלוסט זיך אומצוקערן צו איר, און די וועלט, וואָס אַ טייל פון איר האָט ער דערזען ביי איר אין שטוב, האָט אים אָפּגעשטויסן נאָך מער ווי ווען עס איז.

www.libtool.com.cn

אַזוי זיינען פאַרביי אַ וואָך זעקס.

און אָט איז איינמאָל אין אַ פרימאָרגן ווידער געקומען צו אים קופפער; דאָסמאָל מיט אַ ביסל אַן אומרויקן געזיכט.

—איך ווייס,—האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ געצוווּנגענעם געלעכטער, אַז דיר האָט נישט געשמעקט דיין דאַמאָלטיקער וויזיט; אָבער איך האָף, אַז דו וועסט סוף־כל־טוף איינגיין אויף מיין פאָרשלאַג... וועסט מיר נישט אָפּזאָגן אין מיין בקשה!

—וועגן וואָס רעדסטו?—האָט אַראַטאָוו געפרעגט.

—אָט, זעסטו,—האָט קופפער ווייטער גערעדט, ווערנדיק אַלץ מער אויפגעלעבט:—דאָ ה' איז פאַראַן אַ געזעלשאַפט פון אַמאַטאָרן, אַרטיסטן, וועלכע אָרדנט־איין פון צייט־צו־צייט פאָרלעזונגען, קאָנצערטן, אַפילו טעאַטער־פאָרשטעלונגען מיט אַ פילאַנטראָפּישן צוועק...

—און די פירשטין באַטייליקט זיך?—האָט אַראַטאָוו איבערגעשלאָגן.

—די פירשטין באַטייליקט זיך שטענדיק אין גוטע זאַכן,—אָבער דאָס איז גאָרנישט. מיר האָבן געפּרוּווט אונטערנעמען אַ ליטעראַריש־מוזיקאַלישן פרימאָרגן... און אויף דעמדאָזיקן פרימאָרגן קאָנסטו הערן אַ מיידל... אַן אויסערגעוויינלעך מיידל!—מיר ווייסן נאָך נישט גענוי: ר אַ ש ע ל הייסט זי, אָדער ו י אַ ר ד אָ?... דערפאַר ווייל אי זי זינגט פרעכטיק, אי זי דעקלאַמירט, אי זי שפּילט... אַ טאַלענט, ברודער־לעבן, אַן ערשט־קלאַסיקער! איך רייד אָן גוזמא.—נו... וועסטו נישט נעמען קיין בילעט?—פינף רובל, אויב אין דער ערשטער ריי.

—פון וואַנען האָט זיך עס גענומען דאָסדאָזיקע וווּנדערבאַר מיידל?—האָט אַראַטאָוו געפרעגט.

קופפער האָט אַ לאַך געטאָן.

—נו, דאָס קאָן איך שוין נישט זאָגן... אין דער לעצטער

www.libtool.com.cn

צייט האַלט זי זיך אויף ביי דער פירשטין. די פירשטין, ווייסטו דאָך, נעמט דאָך אַלע אַזעלכענע אונטער איר שוץ... דו האָסט דאָך איר, מסתמא, געזען אויף יענעם אָוונט.

אַראַטאָוו האָט אַ ציטער געטאָן — אינערלעך, שוואַך... אָבער ער האָט גאָרנישט אַרויסגערעדט.

—זי האָט אַפּילו געשפּילט ערגעץ אין דער פּראָווינץ,— האָט קופּפּער ווייטער גערעדט:—און בכלל, זי איז באַשאַפן פאַרן טעאַטער. אָט, וועסט אַליין זען!

—ווי איז איר נאָמען?—האָט אַראַטאָוו געפרעגט.

—קלאַראַ...

—קלאַראַ?—האָט אַראַטאָוו ווידער איבערגעשלאָגן.—עס קאָן נישט זיין.

—פאַרוואָס קאָן נישט זיין?—קלאַראַ... קלאַראַ מיליטש; דאָס איז נישט איר אמתער נאָמען... נאָר אַזוי רופט מען זי. זינגען וועט זי גלינקאָס אַ ראָמאַנס... אויף טשייקאָווסקיס, און דערנאָך וועט זי רעציטירן דעם בריוו פון „יעווגעני אָניעגין".

—וואָס, דו נעמסט אַ בילעט?

—און ווען וועט עס זיין?

—מאָרגן... מאָרגן, האַלב צוויי, אין אַ פּריוואַט זאַל, אויף אָסטאָזשאָנקע... כ'וועל פאַרפאָרן נאָך דיר. פאַר פינף רובל אַ בילעט?... אָט איז ער... ניין, דאָס איז אַ דריירובלדיקער.—אָט. אָט איז אויך דער אַפיש.—איך בין איינער פון די איינאָרדנער.

אַראַטאָוו האָט זיך פאַרטראַכט. פּלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ איז אין דער מינוט אַריינגעקומען און, אַ קוק־טוענדיק אים אין פּנים אַריין, איז זי פּלוצלינג געוואָרן אומרויק.

—יאַשאַ,—האָט זי אויסגערופן:—וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס ביסטו אַזוי צעמישט? טעאָדאָראָוויטש, וואָס

www.libtool.com.cn

אַזוינס האָט איר אים געזאָגט?

אָבער אַראַטאָװו האָט נישט געלאָזט ענטפערן זיין פריינד אויף דער מומעס פראַגע, און אַרויסכאַפנדיק איילּיק דעם דער־לאַנגטן בילעט, האָט ער געהייסן פּלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ גלייך געבן קופּפערן פינף רובּל.

יענע האָט זיך געחידושט, געפינטלט מיט די אויגן... פונדעסטוועגן האָט זי שווייגנדיק דערלאַנגט קופּפערן דאָס געלט. זייער שטרענג האָט שוין אויף איר יאַשענקאָ אַ געשריי-געטאָן.

–איך זאָג דיר וווּנדער איבער וווּנדער!–האָט קופּפער אויסגערופן, און זיך געוואָרפן צו דער טיר:–וואַרט אויף מיר מאָרגן!

–אויגן האָט זי שוואַרצע?–האָט אים אַראַטאָװו נאָכגע־מורמלט.

–ווי קויל!–האָט קופּפער פריילעך אַרויסגעפּלאַצט און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

אַראַטאָוו איז אַוועק צו זיך אין חדר און פּלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ איז אַזוי געבליבן שטיין אויף אַן אָרט, חזרנדיק אין דער שטיל: „העלף, גאָטעניו! גאָטעניו, העלף!“

## IV.

דער גרויסער זאַל אינם פּריוואַטן הויז אויף אָסטאָזשאָנקע איז שוין אויף העלפט געוועזן פול מיט באַזוכער, בעת אַראַטאָוו מיט קופּפערן זיינען אַהין אָנגעקומען. אין דעמדאָזיקן זאַל פלעגט מען אַמאָל געבן טעאַטראַלישע פאָרשטעלונגען, אָבער דאָסמאָל האָבן זיך נישט געזען נישט קיין דעקאָראַציעס, נישט קיין פאָרהאַנג. די פאַראַנשטאַלטער פונם „פרימאָרגן“ האָבן זיך

www.libtool.com.cn

באַגרענעצט מיט דעם, וואָס זיי האָבן אין איין עק איינגעאָרדנט אַן עסטראַדע, אַנידערגעשטעלט אויף איר אַ פּאָרטעפּיאַן, אַ פּאָר פּיופּיטערס, עטלעכע שטולן, אַ טיש מיט אַ גראַפינקע וואַסער און אַ גלאָז, און פאַרהאָנגען מיט אַ רויטן טוך די טיר, וועלכע האָט געפירט אין צימער, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר די אַרטיסטן.

אין דער ערשטער ריי איז שוין געזעסן די פירשטין אין אַ העל־גרין קלייד. אַראַטאָוו האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ געוויסן מרחק פון איר, זיך קוים באַגריסנדיק מיט איר.

דאָס פּובליקום איז געווען, ווי געזאָגט, אַ פאַרשידנאַר־טיקס. על פּי רוב יונגעלייט פון די לער־אַנשטאַלטן.

קופּפער, אַלס איינער פון די איינאָרדנער, מיט אַ ווייַ־סער לענטע אַרום אַרבל פון פראַק, האָט אַרומגעשמאַיעט און זיך געעסקט אויף אַלע כּלים. די פירשטין איז קענטיק געווען צערעגט, האָט זיך אַרומגעקוקט, געשיקט שמייכלען אין אַלע זייטן, האָט גענומען ריידן צו אירע שכנים... אַרום איר זיינען געווען בלויז מענער.

דער ערשטער האָט זיך געוויזן אויף דער עסטראַדע אַ פלייטיסט מיט אַ שווינדזיכטיק אויסזען און האָט זייער פלייסיק דורכגעשפּייט... כ׳מיין ער האָט אויסגעפּייפט עפּעס אַ פּיעסעלע אויך פון אַ שווינדזיכטיקן כאַראַקטער; צוויי מענטשן האָבן גענומען שרייען: בראַוואָ! נאָכדעם האָט עפּעס איינער אַ דיקער פאַרשוין אין ברילן, לויטן אויסזען אַ סאָלידער און זאָגאַר אַ בייזער, פאָרגעלייענט מיט אַ באַס שטשעדרינס אַן עסקיז. מ׳האָט אַפּלאָדירט דעם עסקיז, אָבער נישט אים. נאָכדעם איז דער־שינען דער פּיאַניסט, וועלכער איז שוין אַראַטאָוון געווען באַ־קאַנט, און האָט אָפּגעפּויקט יענע זעלביקע ליסטס „פאַנטאַזיע".

www.libtool.com.cn

דער פּיאַניסט האָט געהאַט די זכיה אַרויסגערופן צו ווערן. ער האָט זיך, אָנלענענדיק מיט דער האַנט אָן ווענטל פון שטול, געגעזעגנט פאַרן עולם, און נאָך יעדן נייג האָט ער געוואָרפן מיט די האָר, ממש ווי ליסט!

לסוף, נאָך אַ גענוג לאַנגער הפסקה, האָט זיך דאָס רויטע טוך אויף דער טיר הינטער דער עסטראַדע אַ ריר־געטאָן, ברייט זיך פאַנאַנדערגעעפנט — און ס'האָט זיך באַוויזן קלאַראַ מיליטש.

דער זאַל איז פאַרהילכט געוואָרן פון אַפּלאָדיסמענטן.

מיט נישט דרייסטע טריט איז זי צוגעגאַנגען צום פאָדערשטן טייל פון דער עסטראַדע, האָט זיך אָפּגעשטעלט און איז געבליבן אומבאַוועגלעך. זי האָט צונויפגעלייגט פון פאָרנט אירע גרויסע, שיינע הענט אָן הענטשקעס, נישט פאַרבייגנדיק זיך, נישט אַ נייג־טועַנדיק דעם קאָפּ און נישט שמייכלענדיק.

דאָס איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר ניינצן, אַ הויכע, אַ ביסל אַ ברייט-שולטערדיקע, נאָר שיין געבויעט. אַ געזיכט אַ ברוינס, וואָס האָט דערמאָנט אַ יידישן, צי אַ ציגיינערישן טיפּ. אויגן נישט קיין גרויסע, שוואַרצע, אונטער געדיכטע, כמעט צוזאַמענגעוואַקסענע ברעמען. אַ נאָז אַ גלייכע, עטוואָס פאַררייסן. ליפּן דינע מיט אַ שיינעם, אָבער שאַרפן אויסבויג. אַ ריזיקער שוואַרצער צאָפּ, וואָס אַפילו לויטן אויסזען האָט ער געקערט שווער צו זיין. אַ שטערן האָט זי געהאַט אַ נידעריקן, אַן אומבאַוועגלעכן, גלייך ווי פון שטיין. אויערלעך קליינינקע... דאָס גאַנצע פּנים איז געווען אַ פאַרקלערטס, כמעט שטרענג. ס'איז קענטיק געווען אין אַלץ, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ ליידנשאַפטלעכע, אייגנמעכטיקע נאַטור,—אַ נאַטור אפשר נישט קיין גוטע, אפשר אַ נישט זייער קלוגע—אָבער אַ באַגאַבטע.

זי האָט אַ געוויסע ווײַלע נישט אויפגעהויבן די אויגן.

www.libtool.com.cn

אָבער מיטאַמאָל האָט זי זיך אַ טרייסל-געטאָן און אַדו כּגעפּירט איבער די רייען צושויער איר שטאַרן, נאָר נישט אויפמערקזאַ-מען בליק, וועלכער איז געווען ווי אין איר אַליין פאַרטיפט...
„סאַראַ טראַגישע אויגן זי האָט!״–האָט באַמערקט היג-טער אַראַטאָוון עפּעס איינער אַ גרוי-האָריקער פּאַצעט מיט אַ געזיכט פון אַ קאָקאָטקע פון רעוועל, אַ באַקאַנטער אין מאָסקווע מיטאַרבעטער און אויסשפּירער. דער פּאַצעט איז געווען אַ שוטה און האָט געוואָלט זאָגן אַ נאַרישקייט... נאָר ער האָט געזאָגט דעם אמת!

אַראַטאָוו, וועלכער האָט פון דער ערשטער רגע, וואָס קלאַראַ איז דערשינען נישט אַראָפּגענומען דעם בליק פון איר, האָט זיך ערשט איצט דערמאָנט, אַז ער האָט זי באמת געזען ביי דער פירשטין; און נישט בלויז געזען זי, נאָר אפילו באַ-מערקט, אַז זי האָט עטלעכע מאָל מיט אַ באַזונדער עקשנותדי-קייט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אירע טונקעלע, שטאַרע אויגן. און אויך איצט... אָדער אפשר האָט זיך עס אים גע-דוכט?–דערזעענדיק אים אין דער ערשטער ריי, האָט זי זיך ווי דערפרייט, ווי רויט געוואָרן און ווידער עקשנותדיק אַ קוק-געטאָן אויף אים.

נאָכדעם האָט זי, נישט אומקערנדיק זיך, אָפּגעטראָטן אַ צוויי טריט אין דער ריכטונג צו דער פּיאַנאָ, ביי וועלכן ס׳איז שוין געזעסן איר אַקאָמפּאַניאַטאָר, אַ לאַנג-האָריקער אויסלענ-דער.

איר איז אויסגעקומען צו זינגען גלינקאַס ראָמאַנס: „ווי נאָר כ׳האָב דיך דערקענט״... זי האָט תּיכּף גענומען זינגען, האַלטנדיק אַלץ די הענט ווי פריער און נישט קוקנדיק אין די נאָטן. אַ שטים האָט זי געהאַט אַ קלאַנגפולע און אַ ווייכע– אַ קאָנטר־אַלט,–די ווערטער האָט זי אַרויסגערעדט דייטלעך און

www.libtool.com.cn

וואָגיק, זי האָט געזונגען איינטעניק, אָן ניואַנסן, אָבער מיט שטאַרקן אויסדרוק.

„דאָס מיידל זינגט מיט איבערצייגונג"—האָט אַרויסגערעדט דערזועלביקער פּאַצעט, וועלכער איז געזעסן הינטער אַראַטאָווס פּלייצעס,—און ווידער האָט ער אמת געזאָגט.

אַרום האָבן זיך צעטראָגן קולות: „ביס!" „בראַוואָ!"—נאָר זי האָט געוואָרפן אַ שנעלן בליק אויף אַראַטאָוון, וועלכער האָט נישט געשריִען און נישט אַפּלאָדירט—אים איז איר זינגען נישט איבעריקס געפעלן געוואָרן,—האָט זיך לייכט פאַרנייגט און איז אַוועק, נישט נעמענדיק דעם האָריקן פּיאַניסט פאַר דער אונטערגעשטעלטער האַנט ווי אַ בייגל.

מ'האָט זי אַרויסגערופן... זי האָט זיך נישט תיכף באַוויזן, מיט דיזעלביקע נישט-אַנטשלאָסענע טריט איז זי צוגעגאַנגען צום פּיאַנינאָ, אַ מורמל-געטאָן אַ צוויי ווערטער דעם אַקאָמפּאַניאַטאָר, ווען ס'איז אויסגעקומען צו באַקומען און אַנידערלייגן פאַר זיך נישט די צוגעגרייטע, נאָר אַנדערע נאָטן,—און זי האָט אָנגעהויבן טשייקאָווסקיס ראָמאַנס: „ניין, בלויז דער, ווער ס'האָט געקענט דעם דורשט פון זען-זיך"...

דעמדאָזיקן ראָמאַנס האָט זי געזונגען אַנדערש ווי דעם ערשטן-שטילערהייט, ווי אַ מידע... און בלויז ביים פאָרלעצטן פּערז: „ער וועט פאַרשטיין, ווי כ'האָב געליטן"—האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן אַ קלינגענדיק הייס געשריי. דער לעצטער פּערז: „און ווי איך לייד"... האָט זי כמעט ווי אַרויסגעפּליסטערט, אויסציִענדיק ווייטיק דאָס לעצטע וואָרט.

דערדאָזיקער ראָמאַנס האָט געמאַכט אַ קלענערן רושם אויפן עולם, ווי גלינקאָס ראָמאַנס; פונדעסטוועגן האָט מען פיל אַפּלאָדירט... באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט קופּפער: צובויפלייגנדיק די לאַדאָניעס ביים פּאַטשן אויף אַ באַזונדער שטיי-

www.libtool.com.cn

גער, אין פאָרם פון אַ פּעסעלע, האָט ער אַרויסגעגעבן אַן אומ־געוויינטלעך־הילכיקן קלאַנג. די פירשטין האָט אים דערלאַנגט אַ גרויסן צעשויבערטן בוקעט, כדי ער זאָל אים אונטערטראָגן דער זינגערין; אָבער די זינגערין האָט ווי נישט באַמערקט קופּפערס אָנגעבויגענע פיגור, זיין אויסגעשטרעקטע האַנט מיטן בוקעט, האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק. אויך אַצינד האָט זי נישט געוואַרט אויפן פּיאַניסט, וועלכער איז נאָך איי־ליקער ווי פריער אויפגעשפּרונגען, כדי איר צו באַגלייטן,— און בלייבנדיק ביי גאָרנישט, האָט ער אַזוי אַ מאַך־געטאָן מיט די האָר, אַז ליסט אַליין האָט, מסתמא, קיינמאָל אַזוי נישט געטרייסלט!

די גאַנצע צייט פון געזאַנג, האָט אַראַטאָוו באַטראַכט קלאַראַס געזיכט. אים האָט זיך געדוכט, אַז אירע אויגן, דורך די צוגעזשמורעטע וויעס, זיינען ווידעראַמאָל געווען געווענדט אויף אים; אָבער אים האָט באַזונדערס איבערראַשט די אומ־באַוועגלעכקייט פונם דאָזיקן געזיכט, פון שטערן, ברעמען,—און בלויז ביי איר ליידנשאַפטלעכן אויסגעשריי האָט ער באַמערקט, ווי דורך די קוים פאַנאַנדערגעעפנטע ליפּן האָט וואַרעם אַ בלאַנק־געטאָן אַ ריי ווייסע, ענג־אויסגעשטעלטע ציין.

צו אים קומט צו קופּפער.

—נו, וואָס, ברודערקע, וואָס זאָגסטו?—האָט ער געפרעגט שיינענדיק אינגאַנצן פאַר נחת.

—די שטים איז אַ פיינע,—האָט אַראַטאָוו געענטפערט:— אָבער זינגען קאָן זי נאָך נישט; זי פאַרמאָגט נישט קיין אמתע שול. (פאַרוואָס ער האָט דאָס געזאָגט און וואָס פאַראַ באַ־גריף האָט ער אַליין געהאַט וועגן „שול"—ווייסט איין גאָט!).

קופּפער האָט זיך געחידושט.

—זי האָט קיין שול נישט,—האָט ער איבערגעחזרט מיט

www.libtool.com.cn
אַ הפסקה...—נו, דאָס ווערט... זי קאָן זיך נאָך צולערנען. דער־פּאַר אָבער סאַראַ נשמה! נאָר וואַרט אָקאָרשט: דו וועסט זי הערן אין טאַטיאַנאַס בריוו.

ער איז אָפּגעלאָפן פון אַראַטאָוון—און יענער האָט אַ טראַכט־געטאָן: „אַ נשמה! מיט דעמדאָזיקן אומבאַוועגלעכן גע־זיכט!" אַראַטאָוו האָט געפונען, אַז סיי לויט איר האַלטן־זיך, סיי לויט איר באַוועגן־זיך איז זי ווי אַן אָנגעמאַגנעטיזירטע, ווי אַ סאָמנאַמבולע.—און אין דער אייגענער צייט איז אָן ספק... יאָ! אָן ספק, זי קוקט אויף אים.

דערווייל האָט מען ווייטער גענומען פירן דעם „פּריי־מאָרגן". דער גראָבער פּאַרשוין אין די ברילן האָט זיך ווידער געוויזן; נישט קוקנדיק אויף זיין ערנסטער אויסערלעכקייט, האָט ער זיך געמאַכט פאַר אַ קאָמיקער—און פאָרגעלייענט אַ סצענע פון גאָגאָלן, און דאָס מאָל נישט אַרויסגערופן קיין איינ־ציקן צייכן פון אָנערקענונג. ס'האָט ווידער אַ בלאַנק-געטאָן דער פלייטיסט; דער פּיאַניסט האָט אָפּגעדונערט; אַ צוועלף-יאָריק יינגל, אַן אָנגעשמירטער מיט פּאָמאַדע און אַן אויסגעקרויזטער, נאָר מיט שפּורן פון טרערן אויף די באַקן, האָט אָפּגעזעגט עפּעס אַזעלכענע וואַריאַציעס אויפן פידל. משונהדיק האָט זיך געקאָנט אויסווייזן דאָס, וואָס אין די פויזעס צווישן רעציטאַ־ציע און מוזיק, האָבן זיך פון אַרטיסטן-צימער אַמאָל דערטראָגן אָפּגעהאַקטע קלאַנגען פון אַ וואַלטאָרנע; אין מיטן איז אָבער דערדאָזיקער אינסטרומענט געבליבן אָן געברויך. לסוף איז קלאָר געוואָרן, אַז דער ליבהאָבער, וועלכער האָט זיך אַרויס-גערופן צו שפּילן אויף דער וואַלטאָרנע, האָט אין מאָמענט פון דערשיינען פאַרן עולם פאַרלוירן די דרייסטקייט.

אָט איז לסוף ווידער דערשינען קלאַראַ מיליטש.

זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ בענדל פון פּושקין;

www.libtool.com.cn

פונדעסטוועגן האָט זי בעתן לייענען קיין איין מאָל אין אים נישט אַריינגעקוקט... זי האָט אמתדיק דעם מוט פאַרלוירן; דאָס קליינע ביכל האָט לייכט געציטערט אין אירע פינגער.

אַראַטאָוו האָט אויך באַמערקט אַן אויסדרוק פון טרויער, וואָס איז איצט צעגאָסן געווען איבער אַלע אירע שטרענגע שטריכן. דעם ערשטן פערז: „איך שרייב צו אייך... וואָס דאַרף מען מער?" האָט זי אַרויסגעבראַכט זייער פשוט, כמעט נאַיוו — און מיט אַ נאַיוון, האַרציקן, הילפלאָזן זשעסט האָט זי אויס־געשטרעקט ביידע הענט פאָרויס. נאָכדעם האָט זי זיך גענומען אַביסל איילן; אָבער שוין אָנהייבנדיק פון די פערזן: „אַן אַנ־דערער! אָ ניין! כ'וואָלט קיינעם אין דער וועלט מיין האַרץ נישט אָפּגעגעבן!" — האָט זי זיך באַהערשט, איז געוואָרן מונ־טערער — און בעת ס'איז דערגאַנגען צו די ווערטער: „מיין לעבן איז געווען אַן ערבות פון טרייען זעען־זיך מיט דיר", — האָט איר ביז דאַן גענוג פאַרשטיקטע שטים גענומען קלינגען באַ־גייסטערט און דרייסט — און אירע אויגן האָבן אויך אַזוי דרייסט און גלייך זיך איינגעגעסן אין אַראַטאָוון. זי האָט אַזוי כסדר געלייענט און מיטגעריסן געוואָרן — און בלויז צום סוף איז איר שטים ווידער נידעריקער געוואָרן און סיי אויף איר שטים, סיי אויף איר געזיכט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט איר פריערדיקע טרויעריקייט. די לעצטע פּירשורהדיקע סטראָפע האָט זי, ווי מ'זאָגט, לחלוטין צעקנייטשט, — פּושקינס בענדל האָט זיך מיט־אַמאָל אַרויסגעגליטשט פון אירע הענט — און זי האָט איילִיק פאַרלאָזן די עסטראַדע.

דאָס פּובליקום האָט גענומען מוראדיק אַפּלאָדירן, אַרויס־רופן... איין סעמינאַריסט פון די קליין־רוסן האָט צווישן אַנ־דערן, אַזוי הילכיק געשריען: „מיליטש! מיליטש!" — אַז זיין שכן האָט אים העפלעך, מיט מיטגעפיל געבעטן „צו שווייגן אין

www.libtool.com.cn

זיך דעם קינפטיקן פראָטאָדיאַקאָן!"—אָבער אַראַטאָוו איז תּיכף אויפגעשטאַנען און האָט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

קופּפער האָט אים דעריאָגט...

—אַנטשולדיק, וווהין לויפסטו?—האָט ער אויסגעשריען—ווילסט, וועל איך דיך פאָרשטעלן פאַר קלאַראַן?

—ניין, אַ דאַנק,—האָט אַראַטאָוו איילנדיק געענטפערט, און כּמעט לויפנדיק האָט ער זיך געלאָזט אַהיים.

## V.

מאָדנע, פאַר אים אַליין אומקלאָרע עמפּינדונגען האָבן אים גערעגט. אין גרונט גענומען, איז אים קלאַראַס רעציטאַציע אויך נישט מיט אַלעמען געפעלן געוואָרן... כאָטש ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון: פאַרוואָס אייגנטלעך? דאָסדאָזיקע פאָרלייענען האָט אים אומרויק געמאַכט; עס האָט אים אויסגעוויזן צו שאַרף, נישט-האַרמאָניש... עס האָט ווי עפּעס אָנגערירט אין אים, געקומען ווי עפּעס אַ פאַרגוואַלטיקונג. און דידאָזיקע שטאַרע, עקשנותדיקע, כּמעט איינגעגעסענע בליקן—צו וואָסער צוועק? וואָס באַדייטן זיי?

אַראַטאָווס באַשיידנקייט האָט אין אים נישט דערלאָזט אַפילו קיין מינוטיקן געדאַנק, אַז ער האָט געקאָנט געפעלן ווערן דעמדאָזיקן אויסטערלישן מיידל, אַז ער האָט געקאָנט איר אַריינגעבן אַ געפיל, אַן ענלעכס אויף ליבע, אויףליידנשאַפט!... ער אַליין האָט לחלוטין נישט אַלס אַזעלכע פאָרגעשטעלט יענע, נאָך אומבאַוווסטע פרויענצימער, יענס מיידל, וואָס ער וועט זיך איר אײַנגאַנצן אָפּגעבן, וועלכע וועט אויך אים ליב קריגן, ווערן זיין כּלה, זיין ווייב... ער האָט זעלטן

www.libtool.com.cn

געטרוימט וועגן דעם: ער איז סיי מיטן גוף, סיי מיט דער נשמה געווען אַן אומשולדיקער בחור;—אָבער דאָס ריינע געשטאַלט, וואָס איז דעמאָלט אויפגעשטאַנען אין זיין דמיון, איז געווען אַרויסגערופן דורך אַן אַנדער געשטאַלט,—דורכן געשטאַלט פון זיין געשטאָרבענער מוטער, וועלכע ער האָט קוים געדענקט, נאָר וועמעס פּאָרטרעט ער האָט אָפּגעהיט, ווי אַ היילגטום. דערדאָזיקער פּאָרטרעט איז געשריבן געוואָרן מיט אַקוואַרעל, גענוג אומגעשיקט, דורך אַ פריינדין—אַ שכנה, אָבער ווי אַלע האָבן פאַרזיכערט איז די ענלעכקייט געווען אַן איבערראַשנדיקע. אַזאַ צאַרטן פּראָפיל, אַזעלכענע גוטע, ליכטיקע אויגן, אַזעלכע זיידענע האָר, אַזאַ שמייכל, אָט אַזאַ העלן אויסדריק, האָט באַדאַרפט האָבן יענץ פרויענצימער, יענץ מיידל, פון וועלכער ער האָט נאָך אַפילו גאָר די העזה נישט געהאַט צו חלומען...

און דאָס דאָזיקע שוואַרץ־הנודיקע, ברוינע מיידל, מיט די מגושמדיקע האָר, מיט די וואָנסעלעך אויף די ליפּן—מסתמא איז זי נישט קיין גוטע, אַ נישט־איבערלייגטע...„אַ ציגיינערין״ (אַראַטאָוו האָט נישט געקאָנט צוטראַכטן קיין ערגערן אויסדריק), —וואָס קערט זי זיך מיט אים אָן?

און דערביי איז אָבער אַראַטאָוו נישט בכח געווען אַרויסצושלאָגן פון זיין קאָפּ דידאָזיקע שוואַרץ־חנודיקע ציגיינערין,—וואָס דאָס זינגען אירס און רעציטאַציע און איר גאַנצע אויסערלעכקייט זיינען אים נישט געפעלן געוואָרן. ער איז געווען אין פאַרלעגנהייט און איז אויף זיך זייער בייז געווען. נישט לאַנג פאַר דעם האָט ער דורכגעלייענט וואָלטער-סקאָטס ראָמאַן: „סען־ראָפּאַנער וואַסערן״ (וואַלטער־סקאָטס געזאַמלטע שריפטן האָבן זיך געפונען אין זיין פאָטערס ביבליאָטעק, וועלכער האָט געשעצט אין דעם ענגלישן ראָמאַניסט אַן ערנסטן, שיער נישט

www.libtool.com.cn

אַ ווינסשאַפטלעכן שריפטשטעלער). די העלדין פון דעמדאָזיקן ראָמאַן הייסט קלאַראַ מאָבראַי. דער פּאָעט פון די 40־ער יאָרן, קראַסנאָוו, האָט לכבוד איר אָנגעשריבן אַ ליד, וואָס ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

אומגליקלעכע קלאַראַ! וואַנזיניקע קלאַראַ!

אומגליקלעכע קלאַראַ מאָבראַי!

אַראַטאָוו האָט אויך געקענט דאָסדאָזיקע ליד... און אָט ערשט זײַנען אים דידאָזיקע ווערטער כסדר געקומען אויפן זכרון... „אומגליקלעכע קלאַראַ! וואַנזיניקע קלאַראַ!...‟ (דעריבער טאַקע האָט ער זיך אַזוי געחידושט, בעת קופּפער האָט אים אָנגערופן קלאַראַ מיליטשן). אַפילו פּלאַטאָשאַ האָט אויך באַמערקט—נישט אַזוי קיין שנוי אין יאַקאָווס שטימונג,— אין אים איז, אייגנטלעך, קיין שום ענדערונג נישט פאָרגעקומען—נאָר עפּעס נישט-גלאַטיקס אין זײַנע מיינונגען, אין זײַנע רייד. זי האָט אים פּאָרזיכטיק אויסגעפּרעגט וועגן ליטעראַרישן פרימאָרגן, אויף וועלכן ער איז געווען;—האָט אַ פליסטער־געטאָן, אָפּגעזיפצט, אַ בליק־געטאָן אויף אים פון פאָרנט, אַ בליק פון דער זייט, פון הינטן־אַרום—און פּלוצלינג האָט זי זיך אַ פּאַטש־געטאָן מיט די לאַדאָניעס איבער די לענדן און אויסגערופן:

—נו, יאַשאַ!—איך זע שוין אין וואָס דאָ גייט!

—וואָס אַזוינס?—האָט אַראַטאָוו איבערגעפרעגט.

—דו האָסט אודאי געטראָפן אויף דעם „פרימאָרגן‟ עפּעס איינע פון דידאָזיקע עקנשלעפּערקעס (פּלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ האָט אַזוי גערופן די אַלע דאַמען, וועלכע האָבן געטראָגן מאָדערנע קליידער)... אַ פּנימל האָט זי אַ שיינס—מאַכט זי אָט אַזוי גרימאַסן, קרימט זי ווידער אַזוי־ערנאָך די צורה... (פּלאַטאָנידאַ האָט דאָס אַלץ פאָרגעשטעלט אָנשוילעך), און מיט די אויגן צייכנט זי אָט אַזעלכענע קרייזן... (אויך דאָס האָט

www.libtool.com.cn

זי פאַרגעשטעלט מאַכנדיק מיטן ווייז־פינגער גרויסע קרייזן אין דער לופטן)... ס׳האָט זיך דיר פון נישט־געוויינשאַפט אויסגע־דוכט... אָבער דאָס איז דאָך גאָרנישט, יאַשאַ... ס׳האָט גאָר קיין באַדייט נישט... טרינק טיי אויף ביינאַכט... און אַ סוף... גאָטעניו, העלף!

פלאַטאָשאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן און איז אַוועק... זי האָט זינט זי לעבט אפשר קיינמאָל נישט געהאַלטן אַזאַ לאַנגע און לעבהאַפטע רעדע... און אַראַטאָוו האָט אַ טראַכט־געטאָן: „די מומע איז טאַקע אפשר גערעכט... פון נישט־געוויינשאַפט קומט דאָס אַלץ... (אים איז באמת דאָס ערשטע מאָל אויסגע־קומען אויפצוּוועקן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט ביי אַ פערזאָן פון פרויען־געשלעכט... אַלנפאַלס האָט ער עס פריער נישט באַמערקט.

צעלאָזן-ווערן דאַרף מען נישט".

און ער האָט זיך גענומען פאַר זיינע ביכער—אויף ביי־נאַכט זיך אָנגעטרונקען מיט ליפּאָוון טיי—און איז אַפילו גוט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט-און קיין חלומות נישט געזען.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט ער זיך אויפסניי, ווי גאָר נישט געווען, באַשעפטיקט מיט פאָטאָגראַפּיע... אָבער קעגן אָוונט איז זיין גאַנצע רו ווידער צערודערט געוואָרן.

## VI.

און אָט וואָס: אַ שליח האָט אים געבראַכט אַ צעטעלע מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט, געשריבן מיט אַ נישט־רעגלמעסיקער פרויען־האַנטשריפט און מיט גרויסע בוכשטאַבן:

„אויב איר שטוּיסט זיך אָן, ווער עס שרייבט אייך, און אויב דאָס איז אייך נישט לאַנגווייליק, טאָ קומט צו

www.libtool.com.cn

גיין מאָרגן, נאָך מיטאָג, אויף טווערסקאָי בולוואַר—אַרום פינף אַ זייגער—און וואַרט. מ'וועט אייך פאַרהאַלטן אַ קליין ביסעלע. אָבער דאָס איז זייער ווי̄כטיק. קומט".

קיין אונטערשריפט איז נישט געווען. אַראַטאָוו האָט זיך תיכף אָנגעשטויסן, ווער ס'איז געווען זיין קאָרעספּאָנדענטין,— און דאָס טאַקע האָט אים אויפגעבראַכט.—

—„וואָס פאַר אַ שטותעריי!"—האָט ער אויסגערעדט כמעט אויפן קול:—„דאָס האָט נאָך געפעלט. פאַרשטייט זיך, אַז כ'וועל נישט גיין".

ער האָט פונדעסטוועגן געהייסן רופן דעם שליח, פון וועמען ער איז געוווירן געוואָרן בלויז דאָס, אַז דעמדאָזיקן בריוו האָט אים איבערגעגעבן אַ דינסט אויף דער גאַס. אָפּלאָזנדיק דעם שליח, האָט אַראַטאָוו דורכגעלייענט דעם בריוו און אַ וואָרף־געטאָן אים אויף דער פּאָדלאָגע... נאָר אין אַ ווייַלע אַרום האָט ער אים אויפגעהויבן און ווידער איבערגעלייענט; צום צווייטן מאָל האָט ער אויסגערופן: שטותעריי!—און פונדעסטוועגן דעם בריוו מער נישט געוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע, נאָר באַהאַלטן אין קעסטל.

אַראַטאָוו האָט זיך גענומען צו זיינע געוויינלעכע אַרבעטן, דאָ צו איינער, דאָ צו אַן אַנדערער; אָבער ס'איז עפּעס נישט געגאַנגען און עפּעס האָט זיך ביי אים נישט געקלעבט. ער האָט מיטאַמאָל באַמערקט אין זיך אַליין, אַז ער וואַרט אויף קופּפער! צי האָט ער געוואָלט אים פאַנאַנדערפרעגן, אָדער, אפשר, אַפילו מודיע זיין... אָבער קופּפער האָט זיך נישט געוויזן. נאָכדעם האָט אַראַטאָוו גענומען פּושקינען, איבערגעלייענט טאַטיאַנאַס בריוו און האָט זיך ווידער איבערצייגט, אַז יענע „ציגיינערין" האָט לחלוטין נישט פאַרשטאַנען דעם אמתן זין פון דעמדאָזיקן בריוו. און דערדאָזיקער לץ קופּפער

www.libtool.com.cn

שרייט: ראַשעל! וויאַרדאָ! נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו זיין פיאַנינאָ, גלייך ווי אומבאַוווסטערהייט אונטערגעהויבן דאָס דעקל זיינס און זיך געפּרוווט אָפּצוזוכן אין זכרון די מעלאָ־דיע פון טשאַיקאָווסקיס ראָמאַנס; נאָר באַלד האָט ער פאַר־דראָסיק צוגעמאַכט דאָס פּיאַנינאָ און איז אַוועק צו זיין מומען, אין איר באַזונדער, שטענדיק הייס אָנגעהייצט צימער, מיטן אייביקן ריח פון מיענטע, סאַלבאַטיי און אַנדערע הייל־גראָזן; דאָרט איז אויך געווען אַ מאַסע טעפּיכלעך, עטאַזשערקעס, בענ־קעלעך, קישעלעך און פאַרשידנערליי ווייך מעבל—אַזוי אַז פאַר אַ נישט־צוגעוויינטן מענטשן וואָלט שווער געווען זיך אויסצו־דרייען אינם דאָזיקן חדר און ס׳וואָלט אים אָטעם פאַרפעלט.

פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ איז געזעסן אונטערן פענסטער מיט שפּיזלען אין די הענט (זי האָט געשטריקט פאַר יאַשענקען אַ שאַל, לויטן חשבון, פאַר זיין גאַנץ לעבן—דער אַכטאונדריי־סיקסטער)—און האָט זיך זייער פאַרוווּנדערט. אַראַטאָוו פלעגט צו איר אַריינקומען זעלטן, און אויב ס׳איז אים וואָס נייטיק געווען, פלעגט ער יעדעס מאָל שרייען מיט אַ דין קולכל פון זיין קאַבינעט: „מומע פלאַטאָשאַ!"—פונדעסטוועגן האָט זי אים אַנידערגעזעצט און אין דערוואַרטונג פון זיינע ערשטע ווערטער האָט זי אָנגעשפּיצט איר אויפמערקזאַמקייט. בעת־מעשה האָט זי געקוקט אויף אים מיט איין אויג דורך די קיילעכדיקע ברילן, מיטן צווייטן—העכער פון די ברילן. זי האָט זיך נישט נאָכ־געפרעגט אויף זיין געזונט און אים נישט פאָרגעלייגט קיי טיי, ווייל זי האָט געזען, אַז ער איז געקומען נישט נאָך דעם.

אַראַטאָוו האָט אַ ביסל געקווענקלט... נאָכדעם האָט ער גענומען ריידן... גענומען ריידן וועגן זיין מוטער, וועגן דעם, ווי אַזוי זי האָט געלעבט מיטן פאָטער און ווי אַזוי דער פאָ־טער האָט זיך מיט איר באַקענט. דאָס אַלץ האָט ער זייער

www.libtool.com.cn

גוט געוווסט... נאָר אים האָט זיך געגלוסט צו רעדן דוקא וועגן דעם. צו זיין אומגליק, האָט פלאַטאָשאַ לחלוטין נישט געקאָנט שמועסן; געענטפערט האָט זי זייער קורץ, גלייך ווי זי וואָלט געהאַט אַ חשד, אַז נישט נאָך דעם איז יאַשאַ געקומען.

—וואָס איז דאָ פאַראַן צו ריידן!—האָט זי איבערגעחזרט, גיך באַוועגנדיק שיער נישט פאַרדראָסיק מיט די שפּיזלען:—ס'איז דאָך קלאָר: דיין מוטער איז געווען אַ טייבעלע... אַן אמת טייבעלע... און דיין פאָטער האָט זי ליב געהאַט ווי עס פּאַסט פאַר אַ מאַן, טריי און ערלעך, ביז נאָכן קבר. און קיין שום אַנדער פּרויענצימער האָט ער נישט ליב געהאַט,—האָט זי צוגעגעבן מיט אַ ביסל אַ העכערן קול, אַראָפּנעמענדיק די ברילן.

—האָט זי געהאַט אַ נישט־דרייסטע נאַטור?—האָט, שווייגנדיק אַ ווייל, געפרעגט אַראַטאָוו.

—אַוודאי, אַ נישט־דרייסטע. ווי עס פּאַסט פאַר פרויען געשלעכט. די דרייסטע האָבן זיך די לעצטע צייט באַוויזן.

—און אין אייער צייט זיינען נישט געווען קיין דרייסטע?

—געווען אויך אין אונזער צייט... ווי קאָן עס דען אַנדערש זיין! אָבער ווער? אַזוי, עפּעס אַ גאַסן־פרוי, אַן אומפאַרשעמטע. טוט אַ הייב־אויף די קלייד און דרייט זיך און וואַרפט זיך!... וואָס גייט עס איר אָן? וואָס פאַר אַ דאגה האָט זי? דרייט זיך אָן עפּעס אַ גולמל—מהיכי תיתי. אָבער מענטשן לייטישע האָבן נישט געהאַלטן פון אַזאַ. דערמאָן זיך נאָר, האָסטו דען געזען אין אונזער שטוב אַזעלכע?

אַראַטאָוו האָט גאָרנישט געענפערט און האָט זיך אומגעקערט צו זיך אין קאַבינעט. פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ האָט אים נאָכגעקוקט, אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ און ווידער אָנגעטאָן די ברילן, ווידער זיך גענומען פאַרן שאַל... אָבער נישט איין מאָל האָט זי זיך פאַרטראַכט און אַראָפּגעלאָזט די שפּיזלען

www.libtool.com.cn

אויף די קני.

און אַראַטאָווו האָט זיך ביז אין סאַמע נאַכט אַריין געהאַלטן ביי—ניין, ניין, אָבער פלעגט ווידער אָנהייבן מיט דעמזעלביקן פאַרדרוס, מיט דערזעלביקער בייזקייט צו טראַכטן וועגן צעטעלע, וועגן דער „ציגיינערין‟, וועגן דער באַשטימטער „ראַנדקע‟, אויף וועלכער ער וועט געוויס נישט גיין!

אויך ביינאַכט האָט זי זיין רו געריבט. אים האָבן זיך אַלץ געדוכט אירע אויגן, ז'אָ צוגעזשמורעטע, דאָ ברייט פאַנאַנדערגעעפנטע, מיט זייער עקשנותדיקן, גלייך אויף אים געווענדטן בליק,—און דידאָזיקע אומבאַוועגלעכע שטריכן אירע מיט זייער באַפעלערישן אויסדריק...

צומאָרגנס אינדערפרי האָט ער ווידער עפּעס אַלץ דערוואַרט קופּערן; ער האָט אים שיער-שיער נישט געהאַט אָנגעשריבן אַ בריוו... און איבעריקנס, האָט ער גאָרנישט געטאָן.. ער האָט אַלץ מערער אַרומגעשפּרייזט איבער זיין קאַבינעט. ער האָט אויף קיין איינציקער רגע נישט דערלאָזט ביי זיך אַפילו דעם געדאַנק, אַז ער וועט גיין אויף דעמדאָזיקן נאַרישן „ראַנדעווו‟... און האַלב פיר אַ זייגער, נאָכן אייליק־אָפּגעגעסענעם מיטאָג, האָט ער פלוצלינג אָנגעטאָן דעם שינעל, אַרויפגערוקט דאָס היטל און בשתיקה פון דער מזמען איז ער אַרויסגעשפּרונגען אויף דער גאַס און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף **טווערסקאָי בולוואַר.**

## VII.

אַראַטאָווו האָט דאָרט געטראָפן אַ ביסל פאַרבייגייער. דאָס וועטער איז געווען אַ פייכטס און אַ גענוג קאַלטס. ער האָט

www.libtool.com.cn

זיך באַמיט נישט צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס ער האָט געטאָן. האָט זיך געצווונגען צו פאַראינטערעסירן זיך מיט אַלע זאַכן, וועלכע האָבן זיך פאַר די אויגן געוויזן, און גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איינשמועסן, אַז אויך ער איז אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן, ווי יענע אַלע פאַרבייגייער... דער נעכטיקער בריוו האָט זיך געפונען ביי אים אין דער זייטיקער קעשענע, און ער האָט כסדר געשפּירט, אַז ער האָט אים ביי זיך.

ער איז אַ פּאָר מאָל דורכגעגאַנגען איבערן בולוואַר און שאַרף זיך איינגעקוקט אין יעדער פּרויען־פיגור, וואָס האָט זיך צו אים דערנענטערט—און זיין האַרץ האָט געקלאַפּט, געקלאַפּט...

ער האָט דערפילט אַ מידקייט און האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ בענקל. און פּלוצלינג טוט אים אַ בליץ אין קאָפּ: „נו, און אויב דער בריוו איז געשריבן נישט דורך איר, נאָר דורך עמעצן אַנדערש, דורך אַן אַנדער פּרויענצימער?“ אין דער אמתן וואָלט עס באַדאַרפט זיין פאַר אים אַלציינס... און פונדעסטוועגן, האָט ער זיך אַליין געמוזט מודה זיין, אַז ער האָט עס נישט געוואָלט. „ס'וואָלט שוין זייער נאַריש געווען“, האָט ער אַ טראַכט־געטאָן: נאָך נאַרישער פון יענץ!“

אַ נערוועזע אומרויקייט האָט אים אָנגעהויבן צו באַהערשן; ס'האָט אים גענומען פרירן, נישט פון אויסן, נאָר פון אינעווייניק. ער האָט עטלעכע מאָל אַרויסגענומען דעם זייגער פונם וועסטל־טאַש, געקוקט אויפן ציפערבלאַט, צוריק אים אַריינגעלייגט, און יעדעס מאָל האָט ער פאַרגעסן, וויפיל מינוט ס'איז געבליבן צו פינף אַ זייגער. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די אַלע, וואָס גייען דאָ פאַרביי, קוקן אים אָן עפּעס נישט ווי־שטענדיק, מיט עפּעס אַ שפּאַסיקער פאַרוווּנדערונג און בייגערעקייט.

עפּעס אַ שמוציק הינטל איז אונטערגעלאָפן, אַ שמעק־גע־

www.libtool.com.cn

טאָן זיינע פיס און גענומען דרייען מיטן ווידל. ער האָט זיך ביז אויף אים אַ פאַרמעסט־געטאָן.

מער פון אַלעמען האָט אים דערעסן דאָס פאַבריק־יינגל אין כאַלאַט, וואָס מ'טוט אָן צום עסן; דאָסדאָזיקע יינגל האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק, אויף יענער זייט בולוואַר און דאָ אונטערפייפנדיק, דאָ קראַצנדיק זיך און באַמבלענדיק מיט די פיס אין די ריזיקע צעריסענע שטיוול, כסדר אַלץ גע-קוקט אויף אים. „אַט דאַרט מוז אויף אים וואַרטן דער בעל-הבית—האָט אַראַטאָוו געקלערט: און ער, דער פוסט און פאַסניק, גייט אַרום שלינג און שלאַנג.

אָבער אין דערזעלביקער רגע האָט זיך אים געדוכט, אַז עמעץ איז צוגעקומען און האָט זיך געשטעלט נאָנט הינטער אים... מיט עפּעס וואַרעמס האָט פון דאַרט אַ הויך-געטאָן...

ער האָט זיך אומגעקוקט... ס'איז זי!

ער האָט זי תיכף דערקענט, כאָטש אַ געדיכטער טונקל-בלויער וואַל האָט פאַרדעקט אירע שטריכן.

ער איז גלייך אויפגעשפרונגען פון באַנק—און אַזוי איז ער געבליבן, און קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען.

זי האָט אויך געשוויגן. ער האָט זיך געפילט אין גרויס פאַרלעגנהייט... אָבער אויך איר צעמישטקייט איז נישט קלענער געווען: אַראַטאָוו האָט אַפילו דורכן וואַל נישט געקאָנט גאָר באַמערקן, ווי טויט־בלאַס זי איז געוואָרן.

פונדעסטוועגן האָט זי די ערשטע גענומען ריידן.

—אַ דאַנק,—האָט זי אָנגעהויבן מיט אַן אָפּגעהאַקטער שטים:

—אַ דאַנק, וואָס איר זייט געקומען... כ'האָב נישט גערעכנט...

זי האָט זיך לייכט אָפּגעקערט און איז אַוועק איבערן בולוואַר. אַראַטאָוו איז געגאַנגען נאָך איר.

—איר האָט מיך אפשר פאַראורטיילט,—האָט זי ווייטער

www.libtool.com.cn

גערעדט, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ.—אין דער אמתן, מיין האַנדלונג איז אַן אויסטערלישע... אָבער כ׳האָב ווענן אייך אַ סך געהערט... נאָר ניין! כ׳האָב... נישט צוליב דערדאָזיקער סיבה... ווען איר וואָלט געוווסט... כ׳האָב אייך אַזוי פיל געוואָלט זאָגן, גאָט מיינער!... נאָר ווי מאַכט מען דאָס!

אַראַטאָוו איז מיט איר געגאַנגען אין איין ריי, עטוואָס פון הינטן. ער האָט איר געזיכט נישט געזען; ער האָט בלויז געזען איר הוט און אַ טייל פון וואַל... און די לאַנגע, שוואַרצע, שוין אָפּגעטראָגענע מאַנטיליע. זיין גאַנצער פּאַרדרוס סיי אויף איר, סיי אויף זיך, האָט זיך פּלוצלינג צו אים אומגעקערט. ס׳איז פאַר אים מיטאַמאָל אויפגעשטאַנען די גאַנצע לעכערלעכקייט, די גאַנצע אומזיניקייט פון דעמדאָזיקן טרעפן־זיך, פון דידאָזיקע דערקלערונגען צווישן לחלוטין אומבאַקאַנטע מענטשן, אויף אַן עפנטלעכן בולוואַר.

—כ׳בין געקומען אויף אייער איינלאַדונג,—האָט ער אין זיין ריי אָנגעהויבן:—כ׳בין געקומען, גנעדיקע פריילן (אירע אַקסלען האָבן שטיל־שטיל אַ ציטער־געטאָן—זי האָט זיך פאַרקירוועט אויף אַ זייטיק שטעגל—ער נאָך איר), דערפאַר נאָר, כדי אויפצוקלערן, כדי צו דערגיין, צוליב וועלכער משונהדיקער מיספאַרשטייעניש איז אייך געפעלן געוואָרן צו ווענדן זיך צו מיר, צו אַ מענטשן, וועלכער איז אייך פרעמד, וועלכער... וועלכער האָט זיך בלויז דערפאַר אָ נ ג ע ש ט ו י ס ן—ווי איר האָט זיך אויסגעדריקט אין אייער בריוו,—אַז איר טאַקע האָט אים געשריבן... דערפאַר האָט ער זיך אָנגעשטויסן, ווייל אייך האָט זיך, אין משך פון יענעם ליטעראַרישן פרימאָרגן, פאַרוואָלט אַרויסווייזן אים אַ צו... אַ צו אָפּענע אויפמערקזאַמקייט!

דידאָזיקע נישט גרויסע רעדע איז געוואָרן אַרויסגעבראַכט דורך אַראַטאָוון—מיט יענעם, כאָטש קלינגענדיקן, נאָר פעסטן

www.libtool.com.cn

קול, מיט וועלכן נאָך זייער יונגע לייט ענטפערן אויפן עקזאַמען ביי געגנשטאַנדן, צו וועלכע זיי האָבן זיך גוט פּאָרגע־ברייט... ער האָט זיך געכעסט; האָט זיך געצאָרנט... און טאַקע דערדאָזיקער כעס האָט אויך פאַנאַנדערגעבונדן זיין צונג, וואָס אין געוויינלעכער צייט איז ער נישט אַזוי פריי געווען.

זי איז אַלץ ווייטער געגאַנגען איבערן שטעגל מיט אַ ביסל פאַרלאַנגזאַמטע טריט... אַראַטאָוו איז ווי פריער געגאַנגען נאָך איר און ווי פריער האָט ער בלויז געזען די אַלטיטשקע מאַנטיליע און דאָס היטעלע, וואָס איז אויך נישט אינגאַנצן ניי געווען. זיין אייגנליבע האָט געליטן ביים געדאַנק, אַז אַט, ערשט דאַרף זי ביי זיך קלערן: „כ׳האָב נאָר געדאַרפט ווייזן אַ צייכן—און ער איז תיכף געקומען צופליען!״

אַראַטאָוו האָט געשוויגן... ער האָט געוואַרט דערויף, וואָס זי וועט אים ענטפערן; אָבער זי האָט קיין וואָרט נישט אַרויס־גערעדט.

—כ׳בין גרייט אייך אויסצוהערן,—האָט ער ווידער אָנגע־הויבן:—און כ׳וועל אַפילו זייער צופרידן זיין, אויב כ׳קאָן אייך מיט וואָס עס איז נוצלעך זיין... כאָטש, פונדעסטוועגן, כ׳בין זיך מודה, וווּנדערט עס מיך... ביי מיין אָפּגעזונדערט לעבן...

אָבער ביי זיינע לעצטע ווערטער האָט זיך קלאַראַ מיט־אַמאָל צו אים אויסגעדרייט—און ער האָט דערזען אַזאַ דערשראָקן, אַזאַ טיף - פאַרטרויערט געזיכט, מיט אַזעלכע ליכטיקע, גרויסע טרערן אין די אויגן, מיט אַזאַ פיינלעכן אויסדרוק אַרום די געעפנטע ליפּן—און דאָסדאָזיקע געזיכט איז אַזוי פּרעכטיק געווען,—אַז ער האָט זיך נישט-ווילנדיק פאַר־האַקט אין ריידן, און ער האָט אַליין דערפילט ווי עפּעס אַ מין שרעק—און באַדויערונג, און רירונג.

—אַך, צו וואָס... צו וואָס רעדט איר אַזוי...—האָט זי

www.libtool.com.cn

אַרויסגערעדט מיט אַ נישט־אָפּוועדבאַר־אויפריכטיקער און אמת־דיקער קראַפט, און ווי ריירעוודיק האָט איר שטים געקלונגען.—צי דען האָט מיין ווענדונג צו אייך געקאָנט אייך באַליידיקן... צי דען האָט איר גאָרנישט פאַרשטאַנען?... אַך, יאָ! איר האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, איר האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס כ'האָב אייך געזאָגט, איר האָט זיך מי יודע וואָס וועגן מיר פאָרגעשטעלט, איר האָט אפילו נישט אַ קלער-געטאָן, וואָס מיר האָט עס געקאָסט אייך אָנצושרייבן!... איר האָט זיך נאָר וועגן זיך געזאָרגט, וועגן אייער ווערדע, וועגן אייער רו!... צי דען האָב איך... (זי האָט אַזוי שטאַרק צונויפגעדריקט אי־רע הענט, אויפגעהויבענע צו די ליפּן, אַז די פינגער האָבן בפירוש אַ טרעשטשע־געטאָן)... גלייך ווי כ'וואָלט צו אייך גע־קומען מיט עפּעס פאָדערונגען, גלייך ווי ס'וואָלטן נייטיק גע־ווען צוערשט דערקלערונגען... „גנעדיקע פריילן"... „ס'איז מיר אַפילו וואונדערלעך"... „כ'קאָן זיין נוצלעך"... אַך, כ'בין משוגע! —כ'האָב זיך אָפּגענאַרט אין אייך, אין אייער געזיכט!... בעת כ'האָב אייך דערזען דאָס ערשטע מאָל... אָט... אָט שטייט איר... און כאָטש אַ וואָרט! אַזוי־טאַקע, קיין איין וואָרט נישט?

זי האָט זיך געבעטן... איר געזיכט האָט זיך פּלוצלינג אָנגעצונדן—און פּונקט אַזוי פּלוצלינג אָנגענומען אַ שלעכטן און פרעכן אויסדריק.

—גאָט, ווי נאַריש דאָס איז!—האָט זי מיטאַמאָל אויסגע־רופן מיט אַ שאַרף געלעכטער.—ווי נאַריש ס'איז אונזער זעונג! ווי נאַריש איך בין!... און אויך איר... פע!

זי האָט מיט פאַראַכטונג אַ מאַך־געגעבן מיט דער האַנט, גלייך ווי זי וואָלט אים אָפּגעשטויסן פון וועג. זי האָט אים אַ מייד־אויס געטאָן, שנעל אַראָפּגעלאָפן פונם בולוואַר און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

www.libtool.com.cn

דידאָזיקע באַוועגונג מיט דער האַנט, דער באַליידיקנדער געלעכטער, דער לעצטער אויסרוף אירער—דאָס אַלץ האָט מיטאַמאָל אומגעקערט אַראַטאָוון זיין פריערדיקע שטימונג און האָט פאַרטויבט אין אים יענס געפיל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין זיין נשמה, בעת קלאַראַ האָט זיך צו אים געווענדט מיט טרערן אין די אויגן. ער איז אויפסניי בייז געוואָרן.—און שיער נישט גענומען נאָכשרייען דעם אַוועקגייענדיקן מיידל: „פון אייך קאָן אַרויסקומען אַ פיינע אַקטריסע,—אָבער וואָס איז אייך איינגעפאַלן צו שפילן מיט מיר אַ קאָמעדיע?"

ער האָט זיך מיט גרויסע טריט אומגעקערט אַהיים,—און כאָטש ער איז אַלץ כסדר געווען בייז און דערצאָרנט אין משך פונם גאַנצן וועג—פונדעסטוועגן האָט אין דערזעלביקער צייט, דורך די אַלע שלעכטע, פיינטלעכע געפילן זיך דורכגעריסן נישט ווילנדיק די ערינערונגען וועגן יענעם ווונדערבאַרן געזיכט, וואָס ער האָט געזען בלויז איין איינציקע רגע...

ער האָט זיך אַפילו געשטעלט די פראַגע: „פאַרוואָס האָב איך איר נישט געענטפערט, בעת זי האָט געפאָדערט פון מיר כאָטש אַ וואָרט?"—„כ'האָב נישט באַוויזן"... האָט ער געקלערט... „זי האָט מיר נישט געלאָזט אַרויסברענגען דאָסדאָזיקע וואָרט"... „און וואָס פאַראַ וואָרט וואָלט איך אַרויסגערעדט?"

אָבער ער האָט באַלד אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפ און אַרויסגערעדט מיט פאָרוווּרף: „אַן אַרטיסטין!"

און ווידעראַמאָל האָט אים אין דערזעלביקער צייט געגלעט די אייגנליבע,—די אייגנליבע פון אַ נישט־דערפאַרענעם, נערוועזן בחור, וואָס לכתחילה איז זי געווען באַליידיקט און איצט איז זי ווי געחנפעט דורך דעם, וואָס ער האָט דאָך באַוויזן אַרויסצורופן אַזאַ ליידנשאַפט...

„אָבער דערפאַר"—האָט ער ווייטער געוועבט זיינע רעיונות—

www.libtool.com.cn

„אין דערדאָזיקער מינוט האָט אַלץ, פאַרשטייט זיך, געוויס... האָב איך איר געדאַרפט אויסווייזן קאָמיש״...

דערדאָזיקער געדאַנק איז אים נישט אָנגענעם געווען— און ער איז ווידער געווען אין כעס... סיי אויף איר... סיי אויף זיך... אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט ער זיך פאַרשלאָסן אין זיין קאַבינעט. ס׳האָט זיך אים נישט געגלוסט צו זען־זיך מיט פלאַטאָשאַן. די גוטע אַלטיטשקע איז אַמאָל צוויי צוגעגאַנ־ גען צו זיין טיר—צוגעלייגט דאָס אויער צום שליסל־לאָך—און בלויז געזיפצט, און איר תפילה געמורמלט...

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן!״—האָט זיך איר געטראַכט... און אים גייט קוים דאָס פינף־און־צוואַנציקסטע יאָר... אַך, פרי, פרי!״

# VIII

צומאָרגנס איז אַראַטאָוו דעם גאַנצן טאָג געווען אין אַ שלעכטער שטימונג.

—וואָס איז דאָס, יאַשאַ? האָט אים פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוו־ נאַ געזאָגט:—ביסט היינט עפּעס אַ צעשויבערטער?!...

אויף דעם אייגנטימלעכן לשון פון דער אַלטיטשקער האָט דערדאָזיקער אויסדריק זייער טריי באַשטימט אַראַטאָווס מאָראַ־ לישן מצב. אַרבעטן האָט ער נישט געקאָנט; ער האָט אַפילו אַליין נישט געוווסט, וואָס אים האָט זיך געגלוסט? דאָ האָט ער ווידער דערוואַרט (ער האָט חושד געווען, אַז קלאַראַ האָט טאַקע פון קופּפערן באַקומען זיין אַדרעס... דען ווער אַנדערש וואָלט איר געקאָנט „אַ סך דערציילן״ וועגן אים?);

www.libtool.com.cn

דאָ האָט ער זיך מיט דער דעה געשלאָגן און געספקט: צי דען דאַרף זיך אַזוי ענדיקן זיין באַקאַנטשאַפט מיט איר?—דאָ האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז זי וועט נאָכאַמאָל אָנשרייבן; דאָ האָט ער זיך געפרעגט, צי דאַרף ער נישט שרייבן צו איר אַ בריוו, און ווען ער זאָל אַלדינג אויפקלערן,—דערפאַר ווייל ער וויל דאָך נישט פונדעסטוועגן איבערלאָזן וועגן זיך אַ נישט-גינסטיקע מיינונג... אָבער אייגנטלעך—וואָס אויפקלערן? —דאָ האָט ער אויפגעוועקט אין זיך שיער נישט אַן עקל צו איר, צו איר שטיפערישקייט, חוצפה; דאָ האָט זיך אים פון ס'ניי פאַרגעשטעלט דאָס אומבאַשרייבלעך־רירנדיק געזיכט און ס'האָט זיך אים געהערט די נישט-אָפּוועגדבאַרע שטים; דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אָן איר געזאַנג, איר פאַרלייענען—און ער האָט נישט געוווסט, צי איז ער געררעכט אין זיין אַלגעמיינעם אורטייל?—מיט איין וואָרט: אַ צעשויבערטער מענטש!

לסוף האָט אים דאָס אַלץ דערעסן—און ער האָט זיך אַנט־שלאָסן, ווי מ'זאָגט, „נעמען אויף זיך" און דורכפירן אַ שטריך איבער דערדאָזיקער גאַנצער געשיכטע, ווייל זי האָט אים, בלתי ספק, געשטערט אין זיינע אַרבעטן און אָנגעגריפן זיין רו.—

נישט אַזוי גרינג אָבער איז אים אָנגעקומען אויסצופירן דעמדאָזיקן באַשלוס... מער ווי אַ וואָך איז פאַרביי, איידער ער איז צוריק אַריינגעפאַלן אין זיין געוויינלעכער קאָלייע. צום גליק האָט זיך קופּפער אינגאַנצן נישט געוויזן: גלייך ווי ער וואָלט גאָר אין מאָסקווע נישט געווען.

נישט לאַנג פאַר דער „היסטאָריע" האָט זיך אַראַטאָוו אָנ־געהויבן באַשעפטיקן מיט מאָלעריי צוליב פאָטאָגראַפישע צוועקן; אַצינד האָט ער זיך דערצו גענומען מיט דאָפּלטער התמדה.

אַזוי זיינען פאַרביי אומבאמערקט צוויי... דריי חדשים מיט געוויסע, ווי דאָקטוירים דריקן זיך אויס, „רעצידיוו-צו־

www.libtool.com.cn

פּאַלן״, וועלכע זיינען באַשטאַנען, למשל, דערין, וואָס ער איז איינמאָל שיער נישט אַוועק מיט אַ וויזיט צו דער פירשטין...

און אַראַטאָוו איז געוואָרן דער פריערדיקער אַראַטאָוו. בלויז דאָרט אונטן, אונטער דער אויבערפלאַך פון זיין לעבן, האָט עפּעס שווערס און טונקעלס אים געהיים באַגלייט אויף זיינע וועגן. פונקט אַזוי שווימט אַרום אַ גרויסער פיש, אָקאָרשט געכאַפּט אויפן האַטשיק, אָבער וועלכער איז נאָך נישט אַרויסגעצויגן געוואָרן, פונקט אַזוי שווימט ער אום איבערן דעק פון טיפן טייך אונטער יענעם זעלביקן שיפל, אויף וועלכן עס זיצט דער פישער, מיט אַ שטאַרקער ווענדקע־שנור אין דער האַנט.

און איינמאָל, דורכלויפנדיק מיט די בליקן די שוין נישט גאָר פרישע „מאָסקאָווסקיאַ וויעדאָמאָסטי״, האָט זיך אַראַטאָוו אָנגעשטויסן אויף אַזאַ קאָרעספּאָנדענץ:

„מיט גרויס צער, האָט געשריבן איינער אַן אָרטיקער ליטעראַט פון קאַזאַן, טראָגן מיר אַריין אין אונדזער טעאַטראַלישער געשיכטע די ידיעה וועגן דעם פלוצלינגן טויט פון אונדזער באַגאַבטער אַקטריסע קלאַראַ מיליטש, וועלכע האָט באַוויזן אין דער קורצער צייט פון איר אַנגאַזשעמענט צו ווערן דער ליבלינג פון אונדזער בעסערן פובליקום. אונדזער צער איז נאָך שטאַרקער דורכדעם, וואָס פ׳ מיליטש האָט אַליין מיט איר אייגענעם ווילן אַ סוף געמאַכט מיט איר יונג, אַזוי פיל צוזאָגנדיק לעבן, — דורך פאַרסאַמען-זיך. און דאָסדאָזיקע פאַרסאַמען זיך איז נאָך גרויזאַמער דורכדעם, וואָס די אַרטיסטין האָט איינגענומען דעם גיפט אין טעאַטער גופא!

מ׳האָט זי קוים אָפּגעפירט אַהיים, ווו זי איז, צו אַלעמענס באַדויערן, געשטאָרבן. אין שטאָט גייען אַרום קלאַנגען, אַז צו דעמדאָזיקן גרויזאַמען שריט האָט זי געבראַכט אַ נישטבאַפרידיקטע ליבע״.

www.libtool.com.cn

אַראַטאָוו האָט שטילערהייט אַנידערגעלייגט דעם נומער פון דער צייטונג אויפן טיש. אויפן אָנבליק איז ער געבליבן לחלוטין רויק... נאָר עפּעס האָט מיטאַמאָל אים אַ שטויס־געטאָן אין ברוסט און אין קאָפּ — אין ס׳איז לאַנגזאַם צעשווומען נאָכדעם איבער אַלע זיינע אברים.

ער איז אויפגעשטאַנען, געשטאַנען אַ ווייל אויף אַן אָרט— און זיך ווידער געזעצט, ווידער אַדורכגעלייענט די קאָרעספּאַנ־דענץ. נאָכדעם איז ער אויפסניי אויפגעשטאַנען, זיך אַנידער־געלייגט אויפן בעט און, אונטערלייגנדיק די הענט אונטערן קאָפּ, האָט ער, ווי אַ פאַרנעפּלטער, לאַנג געקוקט אויף דער וואַנט. —

ביסלעכווייז איז דידאָזיקע וואַנט ווי אָפּגעמעקט געוואָרן... פאַרשוווּנדן... און ער האָץ דערזען פאַר זיך אַ בולוואַר אונטער אַ גרויסן הימל און זי אין אַ שוואַרצער מאַנטיליע... נאָכדעם זעט ער זי אויף דער עסטראַדע... אפילו זיך אַליין דערזעט ער נעבן איר...— דאָס, וואָס האָט אים אַזוי שטאַרק אַ שטויס גע־טאָן אין ברוסט אין דער ערשטער רגע, האָט זיך איצט גענו־מען אויפהייבן... אויפהייבן צום האַלז... ער האָט געוואָלט אַ הוסט-טאָן, געוואָלט אַ רוף־טאָן ווועמען — אָבער דאָס קול האָט אים פאַרלאָזן און, צו זיין אייגענער איבערראַשונג, האָבן זיך פון זיינע אויגן אָן אָפּהאַלט גענומען קייקלען טרערן...

וואָס האָט אַרויסגערופן דידאָזיקע טרערן? רחמנות? חרטה? אָדער פשוט די נערוון האָבן נישט אויסגעהאַלטן די פלוצלינגע דערשיטערונג; — פאַר אים איז זי דאָך געווען גאָרנישט? נישט אמת?

„אָבער, אפשר, איז דאָס נאָך נישט קיין אמת?” — האָט אים מיטאַמאָל אַ בליץ־געטאָן אַ געדאַנק, „מ׳דאַרף געוויר ווערן! אָבער פון וועמן? פון דער פירשטין? — ניין, פון קופּפערן...

www.libtool.com.cn

פון קופּערן? אָבער מ׳זאָגט גאָר, אַז ער איז אין מאָסקווע נישטאָ? אַלצייגס! קודם דאַרף מען צו אים גיין!״

מיט דידאָזיקע רעיונות אין קאָפּ האָט זיך אַראַטאָוו אין דער גיך אָנגעטאָן, גענומען אַן איזוואָזטשיק און אַוועקגעלאָפן צו קופּערן.

# IX.

ער האָט נישט געהאָפט אים צו טרעפן... אָבער געטראָפן קופּער איז טאַקע אַ געוויסע צייט נישט געווען אין מאָסקווע, נאָר שוין אַ וואָך לערך ווי ער האָט זיך צוריק־קערט און האָט זיך אפילו געקליבן ווידער צו באַזוכן אַראַטאָוון.

ער האָט אים באַגעגנט מיט דער געוויינלעכער גוטהאַר־ציקייט — און האָט אים געהאַט אָנגעהויבן עפּעס אויפצוקלערן... אָבער אַראַטאָוו האָט אים תוכף איבערגעשלאָגן מיט אַן אומגע־דולדיקער פראַגע.

— האָסט געלייענט? ס׳איז אַן אמת?

— וואָס איז: אַן אמת? — האָט געענטפערט דער פאַראינ־טריגירטער קופּער.

— מכה קלאַראַ מיליטש?

קופּערס געזיכט האָט אויסגעדריקט מיטגעפיל:

— יאָ, יאָ, ברודערקע, ס׳איז אַן אמת; זי האָט זיך גע־סמט! אַזאַ אומגליק.

אַראַטאָוו האָט געשוויגן אַ ווייל.

— דו האָסט דען אויך געלייענט אין צייטונג? — האָט ער געפרעגט: — אָדער, אפשר, ביסטו אַליין געפאָרן קיין קאַזאַן!

— כ׳בין געפאָרן קיין קאַזאַן; איך מיט דער פירשטין

www.libtool.com.cn

האָבן זי אַהין אָפּגעפירט.—זי איז דאָרט אָנגעקומען אויך, דער בינע–און געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. אָבער ביז דער סאַמע קאַטאַסטראָפע בין איך דאָרטן נישט געווען... כ'בין געווען אין יאַראָסלאַוו.

—אין יאַראָסלאַוו?

—יאָ.—כ'האָב באַגלייט אַהין די פירשטין... זי האָט זיך איצט באַזעצט אין יאַראָסלאַוו.

—אָבער האָסטו ריכטיקע ידיעות?

—די ריכטיקסטע... פון דער ערשטער קוועל!—כ'האָב זיך באַקענט אין קאַזאַן מיט איר פאַמיליע.—נאָר וואַרט, ברו־דערקע... דוכט זיך, אַז דידאַזיקע ידיעה רעגט דיך זייער אויף? אַ, כ'דערמאָן זיך, אַז קלאַראַ איז דיר דעמאָלט נישט געפעלן געוואָרן! אומזיסט! זי איז געווען אַ וווּנדערבאַר מיידל–אָבער אַ קאָפּ! אַ היציקער קאָפּ! כ'האָב זיך שטאַרק מצער געווען צו־ליב איר.

אַראַטאָוו האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול–און, וואַרטנדיק אַ ווייל, געבעטן קופּפערן, ער זאָל אים דערציילן...

ער האָט זיך פאַרהאַקט.

—וואָס זאָל איך דערציילן?—האָט קופּפער געפרעגט.

—דערצייל... אַלץ...—האָט אַראַטאָוו געענטפערט מיט אַ הפסקה.—אפילו בנוגע איר פאַמיליע... און מכח אַלעם איבעריקן. אַלצדינג, וואָס דו ווייסט!

—און דיך אינטערעסירט דאָס אַלץ?—ביטע!

און קופּפער, וואָס אויף זיין פנים איז כּלל נישט געווען צו באַמערקן, ער זאָל זיך אַזוי שטאַרק מצער־זיין צוליב קלאַ־ראַן, האָט אָנגעהויבן דערציילן.

פון זיינע ווערטער איז אַראַטאָוו געוווּיר געוואָרן, אַז

www.libtool.com.cn

דער אמתער נאָמען פון קלאַראַ מיליטש איז געווען—קאַטערינאַ מילאָווידאָוואַ; אַז איר פאָטער, איצט שוין טויט, איז געווען אַ מלוכה־לערער פון צייכענען אין קאַזאַן, האָט געצייכנט שלעכטע פאָרטרעטן און קאַזיאָנע ב י ל ד ע ר און דערצו נאָך האָט ער געשמט פאַר אַ שכור און פאַר אַ שטוביקן טיראַן... און נאָך אַ ג ע ב י ל ד ע ט ע ר מענטש!... (דאָ האָט קופּפער צופרידן אַלאַך־געטאָן, געבנדיק דערמיט אָנצוגעהערן אויף זיין געמאַכטן קאַלאַמבור *); —אַז נאָך אים זיינען געבליבן, ערשטנס: אַן אלמנה פון סוחרישן שטאַנד, לחלוטין אַ נאַרישע פרוי, ממש פון אָסטראָווסקיס קאָמעדיע; און, צווייטנס: אַ טאָכטער, אַ פיל עלטערע פון קלאַראַן און נישט געראָטן אין איר—אַ זייער קלוג מיידל, אָבער אַ התפעלותדיקע, אַ קראַנקע, אַ זעלטן מיידל—און אַ זייער־זייער אַנטוויקלטע, ברודערקע מיינער! אַז ביידע לעבן זיי, די מוטער און טאָכטער, נישט אָרעם, אין אַ נישקשהדיק הייזל, וואָס זיי האָבן זיך דערוואָרבן דורכן פאַרקויפן יענע שלעכטע פאָרטרעטן און בילדער; אַז קלאַראַ... אָדער קאַטיאַ, ווי דו ווילסט, פלעגט פון קינדווייז אָן איבערראַשן אַלעמען מיט איר באַגאַבטקייט—אָבער אַ נאַטור האָט זי געהאַט נישט קיין הכנעהדיקע, אַ קאַפּריזישע—און זי פלעגט זיך שטענדיק גריזשען מיטן פאָטער; אַז האָבנדיק אַן איינגעבוירענע תאווה צו טעאַטער, איז זי אויפן זעכצנטן יאָר פון איר לעבן אַנטלאָפן פון איר עלטערנס הויז מיט אַן אַקטריסע...

—מיט אַן אַקטיאָר?—האָט אַראַטאָוו איבערגעשלאָגן.

---

*) דער קאַלאַמבור איז אייגנטלעך בולטער אין אָריגינאַל: אָ ב ר אַ ז אַ — אָ ב ר אַ ז אָ ו אַ נ נ י: אין יידיש האָט זיך דער וואָרט־שפיל געלאָזט נאָר קאָמבינירן: בילדער־געבילדעטער. א. ז

www.libtool.com.cn

— ניין, נישט מיט קיין אַקטיאָר, נאָר מיט אַן אַקטריסע, צו וועלכער זי איז גְעוואָרן צוגעבונדן... אמת, דידאָזיקע אַקטריסע האָט געהאַט אַ באַשיצער, אַ רייכער און שוין אַן אַלטער הער, וועלכער האָט נאָר צוליב דעם מיט איר נישט חתונה־געהאַט, ווייל ער איז אַליין געווען אַ באַווייבטער — און דוכט זיך, אַז אויך די אַקטריסע איז געווען אַן אשת־איש.

ווייטער האָט קופּפער דערציילט אַראַטאָווו, אַז קלאַראַ האָט שוין ביז איר קומען קיין מאָסקווע געשפּילט און געזונגען אין פּראָווינציעלישע טעאַטערן; אַז פּאַרלירנדיק איר פריינטן. די אַקטריסע (יענער הער, דוכט זיך, איז אויך געשטאָרבן! אָדער ער איז ווידער שלום געוואָרן מיט זיין ווייב דאָס האָט קופּפער גוט נישט געדענקט...) האָט זי זיך באַקענט מיט דער פירשטין, מיט דערדאָזיקער גאָלדענער פרוי, וועלכע דו, מיין פריינט, יאַקאָוו אַנדרעיטש, — האָט דער דערציילער צוגעגעבן מיט געפיל: — האָסט נישט געקאָנט אָפּשאַצן ווי עס געהער צו זיין; אַז, ענדלעך, מ'האָט קלאַראַן פאַרגעלייגט אַן אַנגאַזשע־מענט אין קאַזאַן — און אַז זי האָט אים אָנגענומען, כאָטש זי האָט פאַר דעם פאַרזיכערט, אַז מאָסקווע וועט זי קיינמאָל נישט אָוועקוואַרפן! דערפאַר — ווי ליב האָבן זי געקריגן די קאַזאַנער — אַזש צו באַוווּנדערן! וואָס פאַר אַ פאָרשטעלונג עס זאָל נישט זיין — באַלד בוקעטן און מתנות! בוקעטן און מתנות! איינער אַ תבואה-סוחר, דער ערשטער עושר אין גובערניע, האָט איר אפילו געגעבן במתנה אַ גאָלדענעם טינטער! —

קופּפער האָט דאָס אַלץ דערציילט מיט גרויס לעבהאַפ־טיקייט, נישט אַרויסווייזנדיק, איבעריקנס, קיין באַזונדער סענ־טימענטאַלישקייט און ער האָט איבערגעריסן זיינע רייד מיט פראַגן: — „נאָך וואָס דאַרפסטו עס וויסן?"... אָבער, אויף וואָס טויג עס דיר?" — בעת אַראַטאָווו האָט פּשוט נעשלונגען די ווער־

www.libtool.com.cn

טער פון זיין מויל און געפּאָדערט אַלץ גרעסערע און גרעסערע פּרטים.

אַלצדינג איז לסוף אַרויסגעזאָגט געוואָרן און קופּפּער איז אַנטשוויגן געוואָרן, באַלוינענדיק זיך פאַר דער טרחה מיט אַ ציגאַרל.

– פאַרוואָסזשע האָט זי זיך געסמט? – האָט אַראַטאָוו געפרעגט. – אין צייטונג איז געדרוקט...

קופּפּער האָט אַ מאַך־געטאָן מיט די הענט:

– נו.., דאָס קאָן איך נישט זאָגן... כ׳ווייס נישט... און די צייטונג שרייבט ליגן. אויפגעפירט האָט זיך קלאַראַ מוסטערהאַפט... קיין שום ראָמאַנען נישט געפירט... ווי קומט עס דען צו איר שטאָלצקייט! שטאָלץ איז זי געווען – ווי דער טייוול אַליין – נישט צוצוטרעטן צו איר! אַ היציקער קאָפּ! האַרט ווי אַ שטיין! צי גלייבסטו מיר – אויף וויפל נאָנט כ׳האָב זי געקענט – כ׳האָב קיינמאָל קיין טרערן נישט געזען ביי איר אין די אויגן!

„און איך האָב געזען”, האָט ביי זיך אַראַטאָוו אַ קלער־געטאָן

– בלויז אָט־וואָס, – האָט קופּפּער ווייטער גערעדט: – אין דער לעצטער צייט האָב איך אין איר באַמערקט אַ גרויסע שינוי אַזאַ לאַנגווייליקע געוואָרן, אַ שווייגנדיקע, אין אַ משך פון שעהן פלעגט מען ביי איר קיין וואָרט נישט אַרויסבאַקומען. איך פרעג זי: צי האָט אייך נישט אַמאָל ווער באַליידיקט, קאַטערינאַ סעמיאָנאָווגאַ? דערפאַר ווייל כ׳האָב געקענט איר כאַראַקטער: אַ באַליידיקונג פאַרטראָגן האָט זי נישט געקאָנט! אָבער – קיין וואָרט נישט. שטום! אפילו די דערפאָלגן אויף דער בינע האָבן זי נישט פריילעך געמאַכט; עס שיטן זיך בוקעטן... און זי גיט אפילו נישט קיין שמייכל! אויפן גאָלדענעם טינטער האָט זי איין מאָל נאָר אַ בליק געטאָן – און אַוועקגערוקט אָן אַ זייט! – זי האָט זיך געקלאָגט, אַז קיין

www.libtool.com.cn

אמתע ראָל, ווי זי פאַרשטייט, וועט איר קיינער נישט אָנ־שרייבן. און זינגען האָט זי לגמרי אַוועקגעוואָרפן. איך, ברוי־דערקע, בין שולדיק!... כ׳האָב איר דעמאָלט דערציילט, אַז דו געפינסט נישט אין איר קיין שול. נאָר פונדעסטוועגן... פאַרוואָס, זי האָט זיך געסמט—איז אומבאַגרייפלעך! און נאָך ווי־געסמט!...

—אין וועלכער ראָל האָט זי געהאַט מער דערפאָלג?—
האָט אַראַטאָוו געהאַט געוואָלט דערגיין, אין וואָסער ראָל איז זי אויפגעטרעטן דאָס לעצטע מאָל—אָבער ער האָט עפּעס אַנ־דערש געפרעגט.

—כ׳דערמאָן זיך, אין אָסטראָווסקיס „גרוניע”. נאָר איך חזר דיר איבער נאָכאַמאָל: קיין שום ראָמאַנען האָט זי נישט געפירט! באַטראַכט נאָר איינס: געוווינט האָט זי ביי דער מו־טער אין שטוב... ווייסט—ס׳זיינען פאַראַן אַזעלכע סוחרישע היי־זער: אין יעדן ווינקל געפינט זיך אַ קיאָט *) און פאַרן קיאָט אַ לאַמפּאַדקע, אַ געוואַלטיקע שטיקעניש, ס׳שמעקט מיט זויער־קייט, אין גאַסט-צימער שטייען בלויז ביי די ווענט אויסגע-שטעלט שטולן, אויף די פענסטער שטייט יעראַן **)—און קומט צופאָרן אַ גאַסט-רייסט זיך פלוצלינג אַרויס אַן „אַך!” ביי דער באַלעבאָסטע—גלייך ווי אַ שונא וואָלט דאָ אָנגעקומען. וועלכע פערלאַקורן און אַמורן קאָנען דאָ שוין געמאָלט זיין? ס׳פלעגט טרעפן, אַז אַפילו מיך פלעגט מען אויך נישט אַריינלאָזן. די דינסט זייערע, אַ געזונטע כלי, אין אַ רויטן סאַראַפאַן, מיט אַראָפּהענגענדיקע ברוסטן, פלעגט זיך קווער אַנידערשטעלן אין

*) אַזאַ מין עמוד.

**) אַזעלכע וואַזאָנעס.

www.libtool.com.cn

פאָדערצימער און ברילן: וווהין?—ניין, כ׳פאַרשטיי אַבסאָלוט נישט, צוליב וואָס זי האָט זיך געסמט. דאָס לעבן, הייסט עס, איז דערעסן געוואָרן—האָט קופּפער פילאָזאָפיש אויסגעלאָזט זיי־נע חקירות.

אַראַטאָוו איז געזעסן מיט אַ געזונקענעם קאָפּ.

—קאָנסטו מיר געבן די אַדרעס פון רעמדאָזיקן הויז אין קאַזאַן?—האָט ער לסוף אַרויסגערעדט.

—איך קאָן; אָבער צו וואָס דאַרפסטו עס?—ווילסטו דען אַהין אַ בריוו שרייבן?

- אפשר.

—נו, ווי דו ווילסט. אָבער די אַלטע וועט דיר נישט ענטפערן, ווייל זי קאָן פשוט נישט, נישט לעזן און נישט שרייבן. אָט מעגלעך די שוועסטער... אָ, די שוועסטער איז אַ חכמת! אָבער ס׳איז מיר אַלץ אַ חידוש אויף דיר, ברודערקע! פריער וואָסער קאַטעגאָריש-ביסלעכקייט... און איצט וואָס פאַר אַן אויפמערק־זאַמקייט! דאָס אַלץ, מיין ליבער, איז פון איינזאַמקייט!

אַראַטאָוו האָט גאָרנישט געענטפערט אויף דעררדאָזיקער באַמערקונג, און איז אַוועק, באַזאָרגנדיק זיך מיט דער קאַזאַנער אַדרעס.

בשעת ער איז געפאָרן צו קופּפערן, איז אויף זיין גע־זיכט געווען אויפרעגונג, פאַרוווּנדערונג, דערוואַרטונג... איצט איז ער געגאַנגען מיט גלייכע טריט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און אַרויפגערוקטן הוט אויפן שטערן; כמעט יעדער פאַרביי־גייער האָט אים באַגלייט מיט אַ פאַרשעמטן בליק... נאָר ער האָט נישט באַמערקט די פאַרבייגייער... שוין נישט אַזוי, ווי אויפן בולוואַר!...

„אומגליקלעכע קלאַראַ! וואַנזיניקע קלאַראַ!"—האָט גע־קלונגען ביי אים אין דער נשמה.

www.libtool.com.cn

# X.

צומאָרגנס האָט אַראַטאָוו פונדעסטוועגן פאַרבראַכט דעם טאָג גאַנץ רויק. ער האָט זיך אפילו געקאָנט אָפּגעבן צו זיינע געוויינלעכע אַרבעטן. איין זאַך נאָר: סיי בעת זיין אַרבעט, סיי אין דער פרייער צייט, שטענדיק האָט ער געקלערט וועגן קלאַראַן, וועגן דעם, וואָס נעכטן אין אָוונט האָט אים קופּפער דערציילט. אמת, זיינע רעיונות זיינען אויך געווען פון אַ געַנוג פרידלעכער אייגנשאַפט. אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס־דאָזיקע משונהדיקע מיידל האָט אים אינטערעסירט פון פסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, ווי עפּעס אַ מין רעטעניש, וואָס איבער זיין לעזונג וואָלט געלוינט ברעכן דעם קאָפּ אַ ביסל.—

„זי איז אַנטלאָפן מיט אַן אַקטריסע, וועלכע איז געווען ביי עמעצן אַ פּלגש",—האָט זיך אים געקלערט:—זי האָט זיך אָפּגעגעבן אונטערן שוץ פון דערדאָזיקער פירשטין, ביי וועמען זי האָט, שיינט מיר, געוווינט—און נישט געפירט קיין ראָמאַנען? עס גלייבט זיך נישט!... קופּפער זאָגט: שטאָלצקייט! אָבער, ערשטנס, ווייסן מיר" (אַראַטאָוו וואָלט געדאַרפט זאָגן: מיר האָבן געלייענט אין ביכער)... „מיר ווייסן, אַז שטאָלצקייט לעבט זיך איין מיט לייכטזיניקער אויפפירונג; און, צווייטנס, ווי אַזוי זשע האָט זי, אַזאַ שטאָלצע, באַשטימט אַ ראַנדעוו־ווו מיט אַ מענטשן, וועלכער האָט איר געקאָנט אַרויסווייזן פאַראַכטונג—און דערצו נאָך אין אַן עפנטלעכן אָרט... אויפן בולוואַר!"—

דאָ האָט זיך אַראַטאָוון דערמאָנט די גאַנצע סצענע אויפן בולוואַר—און ער האָט זיך געפרעגט: האָט ער טאַקע אין דער אמתן אַרויסגעוויזן קלאַראַן פאַראַכטונג?—ניין,—האָט ער באַ־

www.libtool.com.cn

שלאָסן... דאָס איז געווען אַן אַנדער געפיל... אַ געפיל פון אַ מיספאַרשטייעניש... ענדלעך, פון אומצוטרווילעכקייט!—

—„אומגליקלעכע קלאַראַ!"—האָט ווידער דורכגעקלונגען ביי אים אין קאָפּ.—יאָ, אַן אומגליקלעכע,—האָט ער ווידער באַשלאָסן... דאָס איז דאָס סאַמע פּאַסיקסטע וואָרט.—און אויב אַזוי—בין איך געווען אומגערעכט. זי האָט זיכער געזאָגט, אַז איך האָב זי נישט פאַרשטאַנען. אַ שאָד!—אַזאַ אויסגעצייכנט ווען, איז, אפשר, פאַרביי־געגאַנגען אַזוי נאָנט... און איך האָב נישט אויסגענוצט, איך האָב אָפּגעשטויסן... נו, נישקשה! דאָס גאַנצע לעבן איז נאָך פאָרויס. ס'וועלן זיך נאָך מסתמא נישט נאָר אַזעלכע באַגעגענישן מאַכן!

—אָבער וואָס עפּעס דוקא מ י ך האָט זי אויסגעקליבן?—ער האָט אַ קוק־געטאָן אין שפּיגל, פאַרביי וועלכן ער איז פאַרבייגעגאַנגען.—וואָס געפינט זיך דען אין מיר אויסערגעווייני־לעכס? און וואָס בין איך דען פאַר אַ פאַרשוין? אַזוי, אַ גע־זיכט... ווי אַלע געזיכטער... איבעריקנס, אויך זי איז נישט קיין שיינהייט.

—נישט קיין שיינהייט... אָבער וואָס פאַר אַן אויסדריק־לעך געזיכט! אַן אומבאַוועגלעכס... אָבער אויסדריקלעכס! כ'האָב נאָך אַזאַ פּנים נישט געטראָפן.—אויך טאַלענט פאַרמאָגט זי אַן אומצווייפלהאַפטן... ס'הייסט, זי האָט פאַרמאָגט. אַ ווילדער, נישט־אַנטוויקלטער, אַפילו אַ גראָבער... אָבער אַן אומצווייפלהאַפטער טאַלענט... און אויך אין דעם פאַל בין איך געווען צו איר אומגערעכט.—

אַראַטאָוו האָט זיך אין דמיון איבערגעטראָגן אויפן ליטע־ראַריש־מוזיקאַלישן פרימאָרגן... און ער האָט אַליין באַמערקט אין זיך, אַז ער האָט זייער קלאָר זיך דערמאָנט איר יעדעס געזונגענע און אַרויסגעזאָגטע וואָרט, איר יעדע אינטאָנאַציע...

www.libtool.com.cn

דאָס וואָלט נישט געקאָנט פּאַסירן, ווען זי וואָלט נישט פאַר־מאָגט קיין טאַלענט.

—און איצט איז דאָס אַלץ אין קבר, וווהין זי האָט זיך אַליין געשטויסן... אָבער איך האָב צו דעם קיין שייכות נישט... איך בין נישט שולדיק! ס'וואָלט אַפילו געווען קאָמיש צו טראַכטן, אַז איך בין שולדיק.—

אַראַטאָוון איז ווידער געקומען אויפן זינען, אַז ווען אַפילו זי וואָלט געפילט צו אים „עפּעס עס איז"-האָט זיין אויפפירן זיך בעת זייער טרעפן-זיך איר זיכער אַנטוישט. דער פּאַר טאַקע האָט זי זיך אַזוי אומברחמנותדיק צעלאַכט בײַם געזעגענען זיך.—און ווו איז די ראיה, אַז זי האָט זיך געסמט צוליב אַן אומגליקלעכער ליבע? בלויז די צײַטונגס-קאָרעספּאָנ־דענטן האָבן אַ טבע אַזאַ מין טויט אויסצוטײַטשן מיט אַן אומ־גליקלעכער ליבע! פאַר אַ מענטשן מיט אַזאַ כאַראַקטער, ווי בײַ קלאַראַן, ווערט דאָס לעבן לײַכט נמאס... לאַנגווײַליק... קופּפער איז גערעכט: ס'איז איר פּשוט דערעסן געוואָרן צו לעבן...

—נישט קוקנדיק אויף די דערפאָלגן, אויף די אָוואַ־ציעס?—

אַראַטאָוו האָט זיך פאַרטראַכט. אים איז אַפילו געווען אָנגענעם דער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז, צו וועלכן ער האָט זיך איבערגעגעבן. זײַענדיק פרעמד ביז איצט פון יעדער באַרירונג מיט פרויען, איז אים גאָרנישט חשודיק געווען, ווי באַדײַ־טונגספול ס'איז פאַר אים גופא געווען דאָסדאָזיקע גריבלען זיך אין אַ פרויען־נשמה.

—הייסט עס,—האָט ער ווייטער געוועבט זײַנע געדאַנקען:— די קונסט האָט זי נישט באַפרידיקט, האָט נישט אויסגעפילט די פּוסטקייט פון איר לעבן. אמתע קינסטלער עקזיסטירן נאָר פאַר דער קונסט, פאַרן טעאַטער... אַלעס איבעריקע בלײַבט

www.libtool.com.cn

לגבי דעם, וואָס זיי האַלטן פאַר זייער באַרוף... זי איז געווען אַ דילעטאַנטין!

דאָ האָט זיך אַראַטאָוו ווידער פאַרקלערט.—

—ניין, דאָס וואָרט „דילעטאַנטין" האָט זיך נישט געבונדן מיט יענץ געזיכט, מיטן אויסדריק פון יענעם געזיכט, פון יע־נע אויגן...

און פאַר אים איז אויפדאָסניי אויפגעשווומען קלאַראַס געשטאַלט מיטן טרערן־פולן בליק, געווענדט אויף אים, מיט הענט, צו די ליפּן אונטערגעהויבענע און צונויפגעדריקטע...

„אַך, מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט...—האָט ער אַ פּליסטער־געטאָן...—צו וואָס?"

אַזוי איז אַוועק אַ גאַנצער טאָג.

צו מיטאָג האָט אַראַטאָוו פיל גערעדט מיט פּלאַטאָשאַן, האָט זי אויסגעפרעגט וועגן די אַמאָליקע צייטן, וועלכע זי האָט איבעריקנס, געדענקט, און שלעכט איבערגעגעבן, דערפאַר ווייל זי האָט נישט אַזוי גענוג באַהערשט די שפּראַך—און, אַחוץ איר יאַשאַן, פלעגט זי אין משך פון איר לעבן כמעט גאָר נישט באַמערקן. זי האָט זיך נאָר געפרייט דערמיט, וואָס ער איז היינט אַזאַ גוטער און פריינטלעכער!—

קעגן אָוונט איז אַראַטאָוו אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַזויפיל, אַז ער האָט עטלעכע מאָל געשפּילט מיט דער מומען אין זיי־נע טרומפן.

אַזוי איז אַדורכגעגאַנגען דער טאָג...

דערפאַר די נאַכט!!

www.libtool.com.cn

# XI.

אָנגעהויבן האָט זי זיך גוט;—ער איז שנעל אַנטשלאָפֿן געוואָרן—און בעת די מומע איז צו אים אַרייגעקומען אויף די שפּיץ־פינגער, כדי אים דריי מאָל איבערצוצלמען אַ שלאָפֿע־דיקן—זי פֿלעגט עס יעדע נאַכט טאָן,—איז ער געלעגן און רויק געאָטעמט, ווי אַ קינד. נאָר פֿאַרן אויפגאַנג פונם מאָרגנשטערן האָט ער געזען אַ חלום.

אים האָט זיך געחלומט: ער איז געגאַנגען איבער אַ נאַ־קעטן סטעפּ, וועלכער איז געווען אויסגעזייט מיט שטיינער אונ־טער אַ נידעריקן הימל. צווישן די שטיינער האָט זיך געשלענגלט אַ שטעגל; ער איז אַוועק איבער דעמדאָזיקן שטעגל.

פּלוצלינג האָט זיך פֿאַר אים אויפגעהויבן עפּעס אַזוינס ווי אַ מין דין וואָלקנדל. ער קוקט זיך איין; דאָס וואָלקנדל איז געוואָרן אַ פרויענצימער, אין אַ ווייס קלייד, מיט אַ העלן גאַרטל אַרום דער טאַליע. זי איילט פון אים אַוועק. ער האָט נישט געזען, נישט איר געזיכט, נישט די האָר... זיי זיינען פאַרדעקט געווען מיט אַ לאַנג געוועב. אָבער ער האָט אומ־באַדינגט געוואָלט דעריאָגן זי און אַריינקוקן איר אין די אויגן. נאָר ווי ער האָט זיך נישט געאיילט—איז זי געגאַנגען פלינקער פון אים.

אויפן שטעגל איז געלעגן אַ ברייטער פלאַכער שטיין, ענלעך צו אַ קבר־פּליטע. דער שטיין האָט איר פאַרצוימט דעם וועג. די פרויענצימער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַראַטאָוו איז צוגעלאָפן צו איר, זי האָט זיך צו אים אומגעווענדט—אָבער דאָך האָט ער אירע אויגן נישט געזען... זיי זיינען געווען פאַרמאַכט. איר געזיכט איז געווען ווייס, ווייס, ווי שניי, די

www.libtool.com.cn

הענט זיינען געהאָנגען אומבאַוועגלעך... זי איז געווען ענלעך צו אַ סטאַטוע.

לאַנגזאַם, נישט איינבייגנדיק זיך מיט קיין איינציקן אבר, האָט זי זיך אָפּגעניגט צוריק און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף יענער פּליטע... און אָט ליגט שוין אַראַטאָוו מיט איר אין איין ריי, אינגאַנצן אַן אויסגעצויגענער, ווי אַ פיגור פון אַ מצבה — און די הענט זיינע זיינען צונויפגעלייגט, ווי ביי אַ מת.

נאָר דאָ האָט זיך דאָס פרויענצימער מיטאַמאָל אויפגעהויבן און איז אַוועק ווייטער. אַראַטאָוו וויל זיך אויך אויפהייבן... אָבער ער קאָן נישט, נישט אַ ריר־טאָן זיך, נישט פאַנאַנדערנעמען די הענט—און ער קוקט איר בלויז נאָך מיט פאַרצווייפלונג.

דאַן האָט זיך דאָס פרויענצימער פלוצלינג אומגעקערט—און ער האָט דערזען ליכטיקע, לעבעדיקע אויגן אויף אַ לעבעדיק, נאָר אומבאַקאַנט געזיכט. זי לאַכט, זי מאַניעט אים מיט דער האַנט... און ער קאָן זיך אַלץ קיין ריר נישט טאָן.

זי האָט נאָכאַמאָל אַ לאַך־געטאָן—און שנעל זיך דערווייטערט, שאָקלענדיק פריילעך מיטן קאָפּ, אויף וועלכן ס'האָט זיך גענומען רייטלען אַ קראַנץ פון קליינינקע רויזן.

אַראַטאָוו שטרענגט זיך אָן אַ געשריי צו טאָן, שטרענגט זיך אָן צו שטערן דעמדאָזיקן מוראדיקן קאָשמאַר...

מיטאַמאָל איז אַלץ אַרום פינסטער געוואָרן... און דאָס פרויענצימער האָט זיך צו אים אומגעקערט... אָבער דאָס איז שוין נישט יענע אומבאַקאַנטע סטאַטוע... דאָס איז קלאַראַ. זי איז שטיין געבליבן פאַר אים, די הענט געקרייצט—און שטרענג, און אויפמערקזאַם קוקט זי אויף אים. די ליפּן אירע זיינען צונויפגעפּרעסט—אָבער אַראַטאָוון דוכט זיך, אַז ער הערט די ווערטער:

—„אויב דו ווילסט וויסן, ווער איך בין, טאָ פאָר אַהין!"

www.libtool.com.cn

—וווהין ?—פרעגט ער.

—„אַהין !—הערט זיך אַ זיפּצנדיקער ענטפער.—אַהין !"

אַראַטאָוו האָט זיך אויפגעכאַפּט.

ער האָט זיך אונטערגעהויבן אויפן געלעגער, אָנגעצונדן דאָס ליכטל, וואָס איז געשטאַנען אויפן נאַכט-טישל,—אָבער ער האָט זיך נישט אויפגעהויבן—און איז לאַנג געזעסן, אינגאַנצן דורכגעקעלטערט, אַרומקוקנדיק זיך פּאַמעלעך אַרום. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מיט אים איז עפּעס וואָס פּאָרגעקומען פון דעמאָלט־אָן, זינט ער האָט זיך געלייגט; אַז אין אים האָט זיך עפּעס איינגענעסט... עפּעס האָט אים באַהערשט. „צי דען איז עס מעגלעך ?"—האָט ער נעפּליסטערט אומבאַוווסטזיניק.— „צי דען עקזיסטירט אַזאַ קראַפט ?"

ער האָט נישט געקאָנט לענגער בלייבן אויפן געלעגער.

ער האָט זיך שטילערהייט אָנגעטאָן—און ביז אינדערפרי אַרומ־געבלאָנקעט איבערן צימער. און אַ מאָדנע זאַך ! וועגן קלאַראַן האָט ער קיין מינוט נישט געקלערט—און נישט געקלערט האָט ער צוליב דעם, ווייל שוין אויפן אַנדערן טאָג האָט ער באַ־שלאָסן, צו פאָרן קיין קאַזאַן !

ער האָט בלויז געטראַכט וועגן דערדאָזיקער נסיעה, וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס צו מאַכן, און וואָס מיט זיך מיטצונעמען— און ווי אַזוי ער וועט דאָרטן אַלץ אויסזוכן און געוווּיר ווערן— און באַרויקן זיך.

—„וועסט נישט פאָרן",—האָט ער זיך געחקירהט מיט זיך אַליין,—„וועסט אפשר פון זינען אַראָפּגיין !" ער האָט פאַר דעם זיך געשראָקן; האָט מורא געהאַט פאַר זיינע נערוון. ער איז געווען זיכער, אַז ווי נאָר ער וועט דאָרטן אַלדינג דערזען באַ־שיינפּערלעך—וועלן אַלע אויפרייצונגען זיך פאַנאַנדערפליען—ווי יענער נאַכטיקער קאָשמאַר.—„און אַרום און אַרום וועט די נסיעה

www.libtool.com.cn

דויערן אַ וואָך צייט״,—האָט ער געטראַכט... „וואָס איז דען אַ וואָך? און אַנדערש וועסטו נישט פּטור ווערן״.

די אויפגעשטאַנענע זון האָט באַלויכטן זיין חדר; אָבער דער טאָג־שיין האָט נישט צעטריבן די נאַכט־שאָטנס, וואָס האָבן זיך אויף אים געלייגט, און נישט געענדערט זיין באַשלוס.

פלאַטאָשאַ האָט שיער נישט געקריגן קיין אַטאַק, בעת ער האָט איר מודיע געווען זיין באַשלוס. זי האָט זיך אַזש אַ זעץ־געטאָן אויף די אונטערגעבויגענע קני. די פיס האָבן זיך איר אונטערגעהאַקט.

— וואָס הייסט קיין קאַזאַן? נאָך וואָס קיין קאַזאַן? — האָט זי געמורמלט, אויסטאַרטשענדיק אַזוי אויף בלינדע אויגן.

זי וואָלט זיך נישט מערער געחדושט, ווען זי וואָלט זיך דערוווסט, אַז איר יאַשאַ גייט חתונה האָבן מיט דער שכנה׳־שער בעקערין, אָדער פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע.

— אויף לאַנג קיין קאַזאַן?

— כ׳וועל זיך אומקערן אין אַ וואָך אַרום, — האָט אַראַ־טאָוו געענטפערט, שטייענדיק האַלב־אויסגעדרייט צו דער מו־מען, וועלכע איז נאָך אַלץ געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע,

פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ האָט געוואָלט נאָך עפּעס ענט־פערן — אָבער אַראַטאָוו האָט אויף אַ לחלוטין אומגעריכטן און אומגעווייינלעכן אופן גענומען שרייען אויף איר.

— כ׳בין נישט קיין קינד, — האָט ער אַ געשריי־געטאָן און אינגאַנצן בלאַס געוואָרן, זיינע ליפּן האָבן גענומען ציטערן, און די אויגן האָבן בייז אַ גלאַנץ־געגעבן. — ס׳גייט מיר שוין דאָס זעקס־און־צוואַנציקסטע יאָר, איך ווייס, וואָס איך טו, כ׳בין פריי צו טאָן וואָס איך ווילו! — כ׳וועל קיינעם נישט דערלויבן... גיט מיר געלט אויף דעם וועג, מאַכט גרייט דעם טשעמאָדאַן מיט וועש און זאַכן... און פיינינקט מיך נישט! — כ׳וועל זיך

www.libtool.com.cn

אין אַ וואָך אַרום אומקערן, פּלאַטאָשאַ, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ מער ווייכן קול.

פּלאַטאָשאַ האָט זיך, קרעכצנדיק, אויפגעהויבן און, שוין מער נישט ענטפערנדיק האָט זי זיך אַוועקגעשלעפּט אין איר צימער. יאַשאַ האָט איר איבערגעשראָקן.

— נישט קיין קאָפּ איז ביי מיר אויף די אַקסלען, — האָט זי געזאָגט דער קעכין, וועלכע האָט איר צוגעהאָלפן איינלייגן יאַשאַס זאַכן: — נישט קיין קאָפּ — נאָר אַ בינשטאָק... און וואָס פאַר אַ בינען דאָרט זשומען — ווייס איך נישט. קיין קאַזאַן פאָרט ער, מאַמע מיינע, קיין קאַ—ז—זאַן! —

די קעכין, וועלכע האָט נעכטן אין אָוונט געזען, ווי זייער סטרוזש האָט וועגן עפּעס לאַנג געשמועסט מיט אַ גאָראָדאָוואָי, האָט געהאַט געוואָלט מעלדן וועגן דאָזיקן ענין איר באַלעבאָסטע — אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין דרייסטקייט, און האָט בלויז אַקלער־געטאָן: „קיין קאַזאַן? — כאָטש נישט ווייטער ערגעץ!"

און פּלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך אַזוי ווייט פאַרלוירן, אַז זי האָט איר געוויינלעכע תּפילה נישט אַרויסגעבראַכט.

— אין אַזאַ צרה האָט אפילו גאָט אַליין נישט געקענט העלפן!

אין דעמזעלביקן טאָג איז אַראַטאָוו אַוועקגעפאָרן קיין קאַזאַן.

## XII.

ער האָט נאָך נישט באַוויזן אָנצוקומען אין דערדאָזיקער

www.libtool.com.cn

שטאָט און דינגען אַ נומער אין אַ האָטעל—און שוין האָט ער זיך גענומען אויפצוזוכן דאָס הויז פון דער אַלמנה מילאָווידאָ-וואַ. אין דער צייט פון דער גאַנצער נסיעה האָט ער זיך גע־פונען אין עפּעס אַ פאַרגליווערונג, וואָס ס'האָט אים, איבעריקנס, גאָרנישט געשטערט אָנצונעמען אַלע נייטיקע מיטלען, אין ניזש־ני־נאָווגאָראָד זיך איבערצוקלייבן פון צוג אויפן דאַמפער, צו עסן אויף די סטאַציעס א. אַ. וו.

ער איז ווי פריער געווען זיכער, אַז ד אָ ר ט וועט אַל־דינג אַנטשיידן ווערן—און דעריבער האָט ער אָפּגעטריבן פון זיך יעדערליי ערינערונגען און רעיונות, צופרידנשטעלנדיק זיך מיט איין זאַך—מיט דער צוגרייטונג אין געדאַנק פון יענעם ספּיטש, אין וועלכן ער וועט דערקלערן פאַר קלאַרא מילי־טשעס פאַמיליע די אמתע סיבה פון זיין נסיעה.—

לסוף איז ער אָנגעקומען צום ציל פון זיין שטרעבונג און געהייסן מעלדן וועגן זיך.

מ'האָט אים אַריינגעלאָזן... מיט פאַרלעגנהייט און שרעק—אָבער אַריינגעלאָזט.

דאָס הויז פון דער אַלמנה מילאָווידאָוואַ איז אין דער אמתן געווען אַזאַ, ווי ס'האָט אים געשילדערט קופּפער; און די אלמנה גופא איז טאַקע געווען ענלעך אויף איינע פון אָסט־ראָווסקיס סוחרטעס, כאָטש זי איז געווען אַ באַאַמטין: איר מאַן האָט געהאַט דעם ראַנג פון אַ קאָלעגיען־אַסעסאָר.

נישט אָן געוויסער שווערקייט האָט אַראַטאָוו זיך לכתחילה אַנטשולדיקט צוליב זיין דרייסטקייט, צוליב דער משונהדיקייט פון זיין באַזוך און געהאַלטן דאַן זיין צוגעגרייטן ספּיטש וועגן דעם, ווי אַזוי אים וואָלט זיך געוואָלט צונויפזאַמלען אַלע ניי־טיקע ידיעות וועגן דער אַזוי פרי־פאַרשטאָרבענער באַגאַבטער אַרטיסטין; ווי אַזוי אים האָט אין דעם פאַל באַוויגן נישט

www.libtool.com.cn

קיין פוסטע בייגעריקייס, נאָר אַ טיף מיטגעפיל צו איר טאַלענט, פון וועלכן ער איז געווען אַן אָנהענגער (אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט: אַן אָנהענגער); זוי אַזוי ס׳וואַלט, סוף־כל־סוף, געווען אַ זינד איבערצולאָזן דאָס פּובליקום נישט אינפאָרמירט מכח דעם, וואָס עס האָט פאַרלוירן—און פאַרוואָס עס זיינען נישט מקויים געוואָרן זיינע האָפנונגען!—

פרוי מילאָווידאָוואַ האָט אַראַטאָוון נישט איבערגעריסן. זי האָט נישט גוט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס עס רעדט דער אומ־באַקאַנטער גאַסט—און האָט בלויז זיך לייכט אונטערגעהויבן און געסטאַרטשט אויף אים די אויגן, געפינענדיק, פונדעסטוועגן, אַז זיין אויסזען איז אַ פרידלעכער, אָנגעטאָן איז ער לייטיש—נישט עפּעס אַ שווינדלער... קיין געלט וועט ער נישט בעטן.

—איר רעדט עס וועגן קאַטיען?—האָט זי געפרעגט, ווי נאָר אַראַטאָוו איז אַנטשוויגן געוואָרן.

—יאָ, יאָ... וועגן אייער טאָכטער.

—און איר זייט צוליב דעם געקומען צו פאָרן פון מאָסקווע?

—פון מאָסקווע.

—בלויז צוליב דעם?

—צוליב דעם.

פרוי מילאָווידאָוואַ האָט זיך מיטאַמאָל אַ טרייסל־געטאָן.

—איר זייט דען—אַ פּראָפעסאָר? אין זשורנאַלן שרייבט איר?

—ניין, כ׳בין נישט קיין פּראָפעסאָר—און ביז איצט האָב איך אין זשורנאַלן נישט געשריבן.

די אלמנה האָט אַראָפּגענייגט דעם קאָפּ. זי איז געווען אין פאַרלעגנהייט.

—הייסט עס... לויטן אייגענעם ווילן?—האָט זי פּלוצלינג אַ פרעג־געטאָן.

www.libtool.com.cn

אַראַטאָוו האָט זיך תּיכּף נישט געכאַפּט וואָס צו ענט־פערן.

—פון מיטגעפיל, פון אַכטונג צו טאַלענט,—האָט ער לסוף אַרויסגערעדט.

דאָס וואָרט: „אַכטונג" איז געפעלן געוואָרן דער פרוי מילאָווידאָוונאַ.

—מילא!—האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ זיפץ...—איך, די מוטער אירע,—וויפיל האָב איך נאָך איר געטרויערט... אַזאַ אומגליק מיטאַמאָל!... אָבער כ׳מוז זאָגן: זי איז שטענדיק גע־ווען אַ משוגעת—און געשטאָרבן איז זי אויך אויף אַזאַ מאַניער! אַזאַ חרפה... זאָגט אַליין: וואָס פאַר אַ קלאַפּ איז עס פאַר אַ מאַמען? ס׳איז נאָך גוט, וואָס מ׳האָט זי מקבר געווען אויפן קריסטלעכן שטייגער...—פרוי מילאָווידאָוונאַ האָט זיך איבערגע־צלמט.—פון קליינוויין אָן פלעגט זי זיך קיינעם נישט אונטער־געבן—דאָס עלטערן־הויז האָט זי אַוועקגעוואָרפן... און, לסוף,— גרינג צו זאָגן!—אַן אַקטיאָרקע געוואָרן! ס׳פאַרשטייט זיך: כ׳האָב איר די היים נישט אָפּגעזאָגט: כ׳האָב זי דאָך ליב גע־האַט! כ׳בין דאָך פונדעסטוועגן אַ מוטער! זי וועט דאָך נישט גיין ווינען ביי פרעמדע—און אַרומשנאָרן!...—

דאָ האָט זיך די אלמנה באַגאָסן מיט טרערן.

—און אויב,—האָט זי ווידער גענומען ריידן, אָפּווישנדיק די אויגן מיט די עקן פון קאָפּ-טיכל:—אויב איר האָט טאַקע אַזאַ כּוונה, און מיינט אונדז נישט אָנטאָן אַן אומכּבוד—נאָר, אדרבה, איר ווילט אַרויסווייזן פּאַראינטערעסירונג—טאָ רעדט איבער אָט מיט מיין צווייטער טאָכטער. זי וועט אייך אַלדינג דערציילן בעסער פון מיר... אַננאָטשקאַ!—האָט פרוי מילאָווי־דאָוונאַ אַ רוף־געטאָן:—אַננאָטשקאַ, קום אַהער! עפּעס אַ הער פון מאָסקווע פאַרלאַנגט אַדורכצוריידן זיך מכּח קאַטיען!

www.libtool.com.cn

ס׳האָט עפּעס אַ קלאַפּ־געטאָן אין שכנותדיקן צימער; אָבער קיינער איז נישט דערשינען.

—אַנגאָטשקאַ!—האָט די אלמנה פון דאָס ניי אַ רוף־געטאָן:

—אַנגאַ סעמיאָנאָוונאַ! קום, זאָגט מען דיר!

די טיר האָט זיך שטיל אויפגעעפנט, און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ מיידל שוין נישט קיין יונגע, מיט אַ קרענקלעכן אויסזען—און נישט קיין שיינע—נאָר מיט זייער צאַרטע און אומעטיקע אויגן. אַראַטאָוו האָט זיך איר אַנטקעגן אויפגעהויבן פונם אָרט און זיך פאָרגעשטעלט: דערביי האָט ער אָנגערופן זיין פריינט קופּפער.

—אַ! פיאָדאָר פיאָדאָריטש!—האָט דאָס מיידל שטילערהייט אַרויסגערעדט און שטילערהייט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול.

—נו, אָט, רייד זיך דורך מיט דעם; ע׳,—האָט פרוי מי־לאָווידאָוואַ אַרויסגעזאָגט, אויפהייבנדיק זיך האַמעטנע פונם אָרט:

—ער האָט זיך מטריח געווען, איז עקסטראַ פון מאָסקווע גע־קומען,—וועגן קאַטיען אינפאָרמאַציעס וויל ער צונויפזאַמלען.

און איר אַנטשולדיקט מיר, מיין הער...—האָט זי צוגע־געבן, ווענדנדיק זיך צו אַראַטאָוון:—כ׳מוז אַוועקגיין, צוליב שטוב־ענינים. מיט אַנגאָטשקען קאָנט איר זיך פיין אויסטענהן—זי וועט אייך אויך וועגן טעאַטער דערציילן... און וועגן די אַלע ענינים. זי איז ביי מיר אַ חכמת, אַ געבילדעטע: רעדט פראַנצויזיש און לייענט ביכלעך, נישט ערגער פון איר פאַר־שטאָרבענער שוועסטער. זי, קאָן מען זאָגן, האָט דערצויגן איר שוועסטער... איז געווען עלטער פון יענער—נו, האָט זי זיך פאַרנומען מיט איר.

פרוי מילאָווידאָוואַ איז אַרויסגעגאַנגען. בלייבנדיק אַליין מיט אַנגאַ סעמיאָנאָוונאַ, האָט אַראַטאָוו איבערגעחזרט פאַר איר זיין ספּיטש; אָבער פאַרשטייענדיק באַלד פון ערשטן אָנבליק,

www.libtool.com.cn

אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אמתדיק אַנטוויקלט מיידל, נישט מיט אַ סותרס אַ טאָכטער,—האָט ער אַ ביסל מאריך געווען —און אַנדערע אויסדריקן געברויכט;—און ביים סוף האָט ער זיך אַליין צערעגט, איז רויט געוואָרן און דערפילט, אַז דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן קלאַפּן. אַננאַ האָט אים אויסגעהערט שווייגנדיק, אַרויפלייגנדיק אַ האַנט אויף אַ האַנט; אַן אומעטי־קער שמייכל איז נישט אַראָפּ פון איר געזיכט... אין דעמדאָ־זיקן שמייכל איז געלעגן אַ ביטערער איבערגעווייטאָקטער צער.

—איר האָט געקענט מיין שוועסטער?—האָט זי געפרעגט אַראַטאָווון.

—ניין; כ'האָב זי אייגנטלעך נישט געקענט,—האָט ער גע־ענטפערט.—כ'האָב זיך געזען מיט איר און זי געהערט איינ־מאָל... אָבער ס'האָט געלוינט אייער שוועסטער איין מאָל צו זען און הערן...

—איר ווילט אָנשרייבן איר ביאָגראַפיע?—האָט אַננאַ ווי־דער געפרעגט.

אַראַטאָוו האָט דאָסדאָזיקע וואָרט נישט דערוואַרט. פונ־דעסטוועגן האָט ער גלייך געענטפערט, אַז—פאַרוואָס־זשע נישט? נאָר דער עיקר האָט ער געוואָלט באַקאַנט מאַכן דעם פובליקום...

אַננאַ האָט אים אָפּגעשטעלט מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט.

—צו וואָס דאַרף מען דאָס? דאָס פובליקום האָט איר אַזוי אויך פאַרשאַפט פיל צער; און קאַטיע האָט ערשט אָקאָרשט אָנגעהויבן צו לעבן. נאָר אויב איר גופא (אַננאַ האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און ווידער זיך צעשמייכלט מיטן זעלבן טרויע־ריקן, אָבער שוין פריינטלעכערן שמייכל... זי האָט ווי אַ טראַכט־געטאָן: יאָ, דו וועקסט אויף אין מיר צוטרוי)... אויב איר גופא פילט צו איר אַזאַ מיטגעפיל, טאָ דערלויבט מיר אייך

www.libtool.com.cn

צו בעטן, קומען צו אונז היינט אין אָוונט... נאָך מיטאָג. איצט קאָן איך נישט... אַזוי, פּלוצלינג... כ׳וועל זיך אָננעמען מיט כּחות... כ׳וועל מיך פּרווון... אַך, כ׳האָב זי צופיל ליב געהאַט!

אַננאַ האָט זיך אָפּגעקערט; זי איז גרייט געווען זיך צוצעיאָמערן.

אַראַטאָוו האָט זיך פלינק אויפגעהויבן פון שטול, באַ־דאַנקט פאַרן פאָרשלאַג און געזאָגט, אַז ער וועט אומבאַדינגט קומען... אומבאַדינגט!—

ער איז אַרויסגעגאַנגען, אַוועקטראָגנדיק אין דער נשמה דעם איינדרוק פונם שטילן קול, פון די צאַרטע און אומעטיקע אויגן—און ער האָט געברענט אין דער מאַטערניש פון דער־וואַרטונג.

## XIII.

אַראַטאָוו האָט זיך נאָך אין דעמזעלביקן טאָג אומגעקערט צו די מילאָווידאָווס און גאַנצע דריי שעה האָט ער זיך אַדורכ־גערעדט מיט אַננאַ סעמיאָנאָוונאַ.

פּרוי מילאָווידאָוואַ האָט זיך געלייגט שלאָפן באַלד נאָכן מיטאָג—צוויי אַ זייגער—און האָט זיך „אָפּגערוט״ ביזן אָוונט־טיי, ביז זיבן אַ זייגער.

אַראַטאָוס ריידן מיט קלאַראַס שוועסטער איז אייגנטלעך נישט געווען קיין שמועס: זי האָט גערעדט כּמעט אַליין, לכתּחילה פאַרהאַקנדיק זיך, זשענירט, אָבער נאָכדעם מיט אַ נישט־איינגעהאַלטענער היץ. זי האָט, ווייזט־אויס, פאַרגעטערט איר שוועסטער. דער צוטרוי, וואָס אַראַטאָוו האָט אין איר אַריינגעגעבן, איז געוואַקסן און פעסטער געוואָרן; זי האָט זיך

www.libtool.com.cn

שוין נישט זשעניַרט; זי האָט אַפילו אַמאָל צוויי פאַר אים
שווייגנדיק אַ וויין-געטאָן. ער האָט זיך איר געוויזן פאַר אַזעלכן,
וואָס איז ווערט אירע אָפנהאַרציקע רייד און השתפכות הנפש...
אין איר אייגענעם וויסטן לעבן האָט אַזוינס גאָר קיינמאָל נישט
געטראָפן!... און ער... ער האָט איינגעזאַפּט איר יעדעס וואָרט.
אָט, וואָס ער איז געוואָרן... פיל, פאַרשטייט
זיך, פון די נישט־דערדערטע ווערטער... פיל האָט ער אַליין
דערגענצט.

אין דער קינדהייט איז קלאַראַ אָן ספק געווען אַ נישט־
אָנגענעם קינד; אויך אַלס מיידל איז זי נישט קיין סך ווייכער
געווען: בטבע אַן אייגנמעכטיקע, אַ היציקע, אַן אייגנליביקע.
האָט זי נישט געלעבט בשלום באַזונדערס מיטן פאָטער, וועלכן
זי האָט פאַראַכט פאַר זיין שכורן און פאַר זיין טאַלענטלאָזי־
קייט. ער פלעגט עס פילן, און איר דאָס נישט מוחל זיין. די
מוזיקאַלישע פעיקייטן האָבן זיך אין איר אַרויסגעוויזן פרי;
דער פאָטער האָט זיי נישט געלאָזט זיך אַנטוויקלען, אָנערקע־
נענדיק אַלס קונסט בלויז מאָלעריי אַליין, אין וועלכער ער איז
אַליין נישט וויט אַוועקגעגאַנגען, אָבער וועלכע האָט דערנערט
סיי אים, סיי זיין געזינד. איר מוטער האָט קלאַראַ ליב גע־
האַט... נאכלעסיק, ווי דער ניאַניע; די שוועסטער האָט קלאַראַ
פאַרגעטערט, כאָטש ״ האָט זיך אַרומגעריסן מיט איר, און זי
געביסן... אמת, נאָכדעם פלעגט זי זיך שטעלן אויף די קני
פאַר איר און קושן די צעביסענע ערטער. זי איז אינגאַנצן
געווען—אַ פייער, אינגאַנצן—אַ שטיק ליידנשאַפט און אינגאַנצן—
אַ סתירה: נקמהדיק און גוט, גרויסמוטיק און אַ גוקם ונוטרדיקע;
זי האָט געגלייבט אין גורל און נישט געגלייבט אין גאָט (די־
דאָזיקע ווערטער האָט אַננאַ אַרויסגעפליסטערט מיט גרויל): זי
האָט ליב געהאַט אַלץ, וואָס שיין און אַליין האָט זי וועגן איר

www.libtool.com.cn

שיינקייט נישט געזאָרגט און פלעגט זיך אָנטאָן, ווי ס׳פלעגט זיך מאַכן; זי פלעגט נישט קאָנען ליידן, אַז יונגעלייט זאָלן זיך ליבן אין איר, און אין ביכער פלעגט זי לייענען נאָר יענע זייטלעך, ווו עס רעדט זיך וועגן ליבע; זי האָט נישט געוואָלט געפעלן ווערן, האָט נישט ליב געהאַט קיין צערט־לעכקייט און קיינמאָל פלעגט זי קיין צערטלעכקייט נישט פאַר־געסן, ווי זי פלעגט אויך נישט פאַרגעסן קיין באַליידיקונג; זי האָט מורא געהאַט פאַרן טויט און זיך אַליין אַ מעשה אָנגעטאָן! זי פלעגט זאָגן: „אַזעלכן, ווי איך וויל־וועל איך נישט געפי־נען... און קיין אַנדערע דאַרף איך נישט!״—נו, און אויב דו וועסט יאָ געפינען?—פלעגט אַננאַ פרעגן.—„וועל איך אָנטרעפן... וועל איך נעמען״.—און אויב ער וועט זיך נישט לאָזן?—„נו, דעמאָלט... וועל איך מיט זיך אַ סוף מאַכן. ס׳הייסט, אַז איך טויג נישט.״ קלאַראַס פאָטער (ער פלעגט אַמאָל שכורערהייט פרעגן ביי דעם ווייב:—„פון וועמען האָסטו דעמדאָזיקן שוואַרצ־חנודיקן שדל?—נישט פון מיר!״) קלאַראַס פאָטער, באַמיענדיק זיך וואָס גיכער זי אַרויסצופטרן, האָט זי געהאַט געשדכנט פאַר אַ רייך יונג סוחרל, אַ נאַרעשעוואַטן, פון די „געבילדעטע״. צוויי וואָכן פאַר דער חתונה (זי איז אינגאַנצן אַלט געווען זעכצן יאָר), איז זי צוגעגאַנגען צו איר חתן, פאַרקרייצנדיק די הענט און שפּילנדיק אַזוי מיט די פינגער איבער די עלנ־בויגנס (איר באַליבטע פּאָזע) איז זי אים מיטאַמאָל אַריינגע־פאָרן אין דער רויטער באַק מיט איר גרויסער קרעפטיקער האַנט! ער איז אויפגעשפרונגען און בלויז דאָס מויל פאַנאַנ־דערגעעפנט,—מ׳דאַרף זאָגן, אַז ער איז געווען אין איר שטערב־לעך פאַרליבט... ער פרעגט: פאַרוואָס? לאַכט זי זיך פאַנאַנ־דער און גייט אַוועק.—איך האָב זיך דאָ אויך אין צימער גע־פונען,—האָט אַננאַ דערציילט,—כ׳בין געווען אַן עדות. כ׳בין

www.libtool.com.cn

אַוועקגעלאָפן נאָך איר: —קאַטיע, גאָט איז מיט דיר, וואָס האָסטו געטאָן? און זי ענטפערט: —„ווען ער וואָלט געווען אַ רעכטער מענטש—וואָלט ער מיר דערלאַנגט, אָבער אַ לעקיש איז דאָס: ער פרעגט נאָך: פאַרוואָס? אויב דו האָסט ליב און האָסט זיך נישט נוקם געווען, טאָ לייד און נישט פרעג: פאַרוואָס? ס'וועט אים פון מיר גאָרנישט אַרויסקומען—אויף אייביק, אייביק נישט!"

און אַזוי האָט זי טאַקע מיט אים נישט חתונה־געהאַט. דאָ האָט זי זיך שוין אין־גיכן באַקענט מיט יענער אַקטריסע און פאַר־לאָזן אונזער הויז. די מוטער האָט געוויינט, געקלאָגט, און דער פאָטער האָט בלויז געזאָגט: „אַן איינגעשפּאַרטע ציג דאַרף מען פון דער סטאַדע אַרויסיאָגן!" און האָט זיך גאָרנישט גענומען נאָכצופרעגן זיך אויף איר און זוכן זי. דער פאָטער האָט קלאַ־ראַן נישט פאַרשטאַנען. מיך האָט זי ערב איר אַנטלויפן,—האָט צוגעגעבן אַננאַ,—שיער נישט דערשטיקט אין אירע אָרעמס, און אַלץ געחזורט: —איך קאָן נישט! איך קאָן נישט אַנדערש!...

דאָס האַרץ צערייסט זיך אויף צווייען, און כ'קאָן נישט! אייער שטייגל איז קליין... נישט לויט די פליגל! און דעם אייגענעם גורל קאָן מען אויך נישט מיידן...

—נאָך דעם,—האָט אַננאַ באַמערקט: —האָב איך זיך מיט איר זעלטן געזען... בעת דער פאָטער איז געשטאָרבן, איז זי געקומען צופאָרן אויף צוויי טעג, פון דער ירושה האָט זי גאָר־נישט גענומען, און איז ווידער נעלם געוואָרן. איר איז ביי אונז שווער געווען... כ'האָב דאָס געזען. שפּעטער איז זי גע־קומען צופאָרן קיין קאַזאַן שוין אַלס אַקטריסע.

אַראַטאָיו האָט אָנגעהויבן אויספרעגן אַננאַן וועגן טעאַ־טער, וועגן די ראָלן, אין וועלכע קלאַראַ פלעגט דערשיינען, אַננאַ האָט געענטפערט אויספירלעך, נאָר מיט דערזעלבער פיינ־לעכער, כאָטש אויך לעבעדיקער באַגייסטערונג. זי האָט אַפילו

www.libtool.com.cn

געוויזן אַראַטאָוון אַ פאָטאָגראַפישע קאַרטע, אויף וועלכער קלאַ־ראַ איז געווען פאָרגעשטעלט אין דעם קאָסטיום פון איינער אַ ראָל אירער. אויף דער קאַרטע האָט זי געקוקט אָן אַ זייט, גלייך ווי זי וואָלט זיך אָפּגעקערט פון די צוקוקער; אַ געדיכ־טער צאָפּ, אַדורכגעפלאָכטן מיט אַ באַנד, איז אַראָפּגעפאַלן ווי אַ שלאַנג אויף איר אַנטבלויזטער האַנט. אַראַטאָוו האָט לאַנג אָנגעקוקט דידאָזיקע קאַרטע, האָט געפונען, אַז זי איז זייער אַן ענלעכע, האָט געפרעגט, צי האָט נישט קלאַראַ אָנטייל גע־נומען אין עפנטלעכע פאָרלעזונגען און זיך דערוווסט, אַז נישט; אַז איר איז נייטיק געווען די אָנרעגונג פון טעאַטער, פון דער בינע... אָבער אַן אַנדער פראַגע האָט געברענט ביי אים אויף די ליפּן.

—אַננאַ סעמיאָנאָוונאַ!—האָט ער לסוף אויסגערופן, נישט הויך, נאָר מיט אַ באַזונדער קראַפט:—זאָגט, איך בעט אייך זייער, זאָגט, פאַרוואָס האָט זי... פאַרוואָס האָט זי זיך אַנטשלאָסן אויף אַזאַ גרויזאַמען שריט?...

אַננאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

—איך ווייס נישט!—האָט זי אַרויסגערעדט, וואַרטנדיק עט־לעכע רגעס.—ביי גאָט, איך ווייס נישט!—האָט זי ווייטער העפ־טיק גערעדט, באַמערקנדיק, אַז אַראַטאָוו האָט אַ מאַך־געטאָן מיט די הענט, ווי ער זאָל איר נישט גלייבן.—פון איר סאַמען קומען אַהער איז זי, אמת, געווען אַ פאַרטראַכטע, אַ פאַרכמורע־טע. מיט איר איז בלתי ספק עפּעס געשען אין מאָסקווע, וואָס כ׳האָב נישט געקאָנט טרעפן! נאָר, אדרבה, אין יע:עם פאַטאַלן טאָג איז זי ווי געווען... אויב נישט פריילעכער, איז רויקער ווי־געווויינלעך. אַפילו איך האָב קיין שום פאָרגעפילן נישט גע־האַט,—האָט אַננאַ צוגעגעבן מיט אַ טרויעריקן שמייכל, גלייך ווי זי וואָלט זיך אַליין דערין פאָרגעוואָרפן.

www.libtool.com.cn

—זעט איר,—האָט זי ווידער גענומען ריידן:—קאַטיען איז פּונקט ווי באַשערט געווען צו זיין אומגליקלעך. פון די פּרים-טע יאָרן איז זי געווען דערין איבערצייגט. זי פלעגט זיך אַמאָל אַזוי אונטערלענען מיט דער האַנט, פאַרטראַכטן זיך און זאָגן: „איך וועל לאַנג נישט לעבן!״ זי פלעגט האָבן פאָרגעפילן. שטעלט אייך פאָר, אַז זי פלעגט אַפילו פאָרויס, אַמאָל אין חלום, און אַמאָל אויך אַזוי, פאָרזען, וואָס מיט איר וועט זיין! „כ׳קאָן נישט לעבן, ווי איך וויל, דאַרף מען נישט״... איז אויך געווען איר ווערטל.—„אונזער לעבן איז דאָך אין אונזער האַנט!״ און זי האָט עס דערוויזן!

אַננאַ האָט פאַרשטעלט דאָס געזיכט מיט די הענט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

—אַננאַ סעמיאָנאָוונאַ,—האָט אַראַטאָוו, וואַרטנדיק אַ ביסל, אָנגעהויבן:—איר האָט, אפשר, געלייענט, מיט וואָס די צייטונ-גען האָבן דערקלערט די סבה...

—צוליב אַן אומגליקלעכער ליבע?—האָט אַננאַ איבערגע-שלאָגן, אָפּרייסנדיק מיט איין מאָל די הענט פון געזיכט.—דאָס איז רכילות, רכילות, אַן אויסגעטראַכטע מעשה!... מיין אומ-באַרירטע, נישט-דערגרייכבאַרע קאַטיאַ... און אַן אומגליקלעכע, אָפּגעשטויסענע ליבע?!! און איך וואָלט עס דען נישט גע-ווּסט?... אין איר, אין איר פלעגן זיך אַלע איינליבן... און זי... און ווּעמען וואָלט זי דען דאָ ליב געקריגן? ווער פון די אַלע מענטשן דאָ, ווער איז איר ראוי געווען? ווער איז דער-וואַקסן געוואָרן צו יענעם אידעאַל פון ערלעכקייט, אמתדיקייט, ריינקייט, דער עיקר — פון ריינקייט, וועלכער פלעגט ביי אַלע אירע חסרונות תמיד שוועבן פאַר איר?... זי אָפּשטויסן... זי...

דער קול האָט זיך ביי אַננאַן איבערגעריסן... אירע פינ-גער האָבן לייכט געגומען ציטערן. זי האָט זיך מיטאַמאָל אינ-

www.libtool.com.cn

גאַנצן פּאַררויטיקט... פּאַררויטיקט פון צאָרן, און אין דער רגע —און נאָר אויף אַ רגע—איז זי געוואָרן ענלעך צו איר שוועס־טער.

אַראַטאָוו האָט זיך געהאַט געוומען אַנטשולדיקן.

—הערט,—האָט אַננאַ איבערגעריסן:—כ׳וויל אומבאַדינגט, אַז אויך איר אַליין זאָלט נישט גלייבן אין דערדאָזיקער רכילות, און זי פּאַריאָגן, אויב דאָס איז מעגלעך! איר ווילט וועגן איר מן הסתם אָנשרייבן אַן אַרטיקל: אָט האָט איר אַ געלעגנהייט צו באַשיצן איר אָנדענקען! דערפאַר טאַקע רייד איך מיט אייך אַזוי אָפנהאַרציק. הערט: פון קאַטיען איז געבליבן אַ טאָג-בוך...

אַראַטאָוו האָט אַ שוידער־געטאָן.

—אַ טאָג-בוך,—האָט ער אַרויסגעפּליסטערט.

—יאָ, אַ טאָג־בוך... פ׳הייסט, סך-הכל עטלעכע זייטלעך. קאַטיאַ האָט נישט ליב געהאַט צו שרייבן... גאַנצע חדשים פלעגט זי גאָרנישט פאַרשרייבן... אויך אירע בריוו זיינען געווען אַזעל־כע קורצע. אָבער זי איז שטענדיק, שטענדיק געווען אויפריכ־טיק, זי האָט קיינמאָל נישט געלייגט... מיט איר אייגנליבע, און לייגן! כ׳וועל... כ׳וועל אייך ווייזן דאָסדאָזיקע טאָג־בוך! איר וועט אַליין דערזען, צי איז דאָרט אין אים געווען כאָטש אַ רמז אויף אַ וואָסער עס איז אומגליקלעכער ליבע!

אַננאַ האָט איילנדיקערהייט באַקומען פון טיש-שיפלאָד אַ דינינק העפטל, פון אַ צען זייטלעך, נישט מער, און עס אויסגעשטרעקט צו אַראַטאָוון. יענער האָט עס געכאַפּט מיט דורשטיקייט, דערקענט די נישט־רעגלמעסיקע, צעוואָרפענע האַנט־שריפט, די האַנטשריפט פון יענעם אַנאָנימען בריוו, פאַנאַנדער־געוויקלט אויף טראַף און גלייך זיך אָנגעשטויסן אויף פאָלגנ־דיקע שורות:

„מאָסקווע.—דינסטיק... ...טן יוני. געזונגען און פאָרגע־

www.libtool.com.cn

לייענט אויפן ליטעראַרישן פרימאָרגן. היינט איז פאַר מיר אַ סימפּטאָמאַטישער טאָג. ער דאַרף באַשליסן מיין גורל. (דידאָזיקע ווערטער זיינען געווען צווייטמאָל אונטערגעשטראָכן.) כ׳האָב ווידער דערזען...״ דאָ זיינען געגאַנגען עטלעכע זאָרג־פעלטיק פאַרמעקטע שורות. נאָך דעם: „ניין, ניין, ניין!..‎. מ׳דאַרף זיך ווידער נעמען פאַר דאָס פריערדיקע, אויב נאָר...״

אַראַטאָוו האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן דאָס העפטל, זיין קאָפּ האָט זיך שטיל אַראָפּ־געבויגן צו דער ברוסט.

—לייענט!—האָט אַננאַ אויסגערופן.—פאַרוואָס לייענט איר נישט? לייענט אַדורך פון אָנהייב... דאָ איז אינגאַנצן פאַראַן אויף פינף מינוט צום לייענען, כאָטש אויף גאַנצע צוויי יאָר ציט זיך דאָסדאָזיקע טאָג־בוך. אין קאַזאַן פלעגט זי שוין קיין זאַך נישט פאַרשרייבן...

אַראַטאָוו האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן פון שטול און זיך אַזוי אַ וואָרף־געטאָן אויף די קני פאַר אַננאַן.

יענע איז פשוט פאַרשטיינערט געוואָרן פון פאַרוווּנדערונג און שרעק.

—גיט מיר... גיט מיר דאָסדאָזיקע טאָג-בוך,—האָט אַראַ־טאָוו גענומען ריידן מיט אַ שטיל קול און אויסגעשטרעקט ביי־דע הענט צו אַננאַן.—גיט עס מיר... אויך די פאָטאָגראַפיע... איר האָט אוודאי אַן אַנדערע—און דאָס טאָג־ביכל וועל איך אייך אומקערן... אָבער ס׳איז מיר נייטיק, נייטיק...

אין זיין בעטן זיך און אין די צעקרימטע שטריכן פון זיין פנים איז געווען עפּעס אויף אַזוי פיל פאַרצווייפלטס, אַז עס איז ענלעך געווען אויף בייזקייט, אויף לייד... יאָ, ער האָט טאַקע אמתדיק געליטן. ער האָט ווי אַליין נישט געקאָנט פאָרויסזען, אַז איבער אים וועט זיך אַראָפּלאָזן אַזאַ צרה, און

www.libtool.com.cn

ער האָט אויפגערעגטערהייט געבעטן זיך רחמים און רעטונג...

—גיט,—האָט ער איבערגעחזרט.

—צי זייט איר... זייט איר געווען פאַרליבט אין מיין שוועסטער?—האָט לסוף אַננאַ אַרויסגערעדט.

אַראַטאָוו איז אַלץ כסדר געשטאַנען אויף די קני.

—כ׳האָב זי אינגאַנצן צוויי מאָל געזען... גלייבט מיר!... און אויב עס וואָלטן מיך נישט באַוויזגן קיין סבות, וועלכע כ׳קאָן אַליין נישט, נישט משיג זיין, נישט אויפקלערן ווי גע-העריק איז... אויב עס וואָלט נישט געווען איבער מיר עפּעס אַזאַ קראַפט, וואָס איז שטאַרקער פון מיר... וואָלט איך אייך גאָרנישט געבעטן... וואָלט איך נישט געקומען צופאָרן אַהער... ס׳איז מיר נייטיק... איך מוז... איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז איך בין מחויב ווידערשטעלן איר געשטאַלט!

—און איר זייט נישט געווען פאַרליבט אין מיין שוועס-טער?—האָט אַננאַ ווידער געפרעגט.

אַראַטאָוו האָט נישט באַלד געענטפערט און האָט זיך לייכט אָפּגעקערט ווי פון אַ ווייטאָק.

—נו, יאָ! געווען! געווען!-כ׳בין אויך איצט פאַרליבט...—האָט ער אויסגערופן מיט דערזעלביקער פאַרצווייפלונג.

ס׳האָבן זיך דערהערט טריט אין דעם שכנותדיקן צימער.

—הייבט זיך אויף... הייבט זיך אויף...—האָט אַננאַ איילנ-דיק אַרויסגערעדט.—מיין מוטער גייט צו אונז.

אַראַטאָוו האָט זיך אונטערגעהויבן.

—און נעמט דאָס טאָג־בוך און די קאַרטע, מילא! אָרעמע, אָרעמע קאַטיאַ!... אָבער איר וועט מיר דאָס טאָג-ביכל אומ־קערן,—האָט זי מיט לעבהאַפטיקייט צוגעגעבן.—און אויב איר וועט וואָס עס איז אָנשרייבן, שיקט מיר אומבאַדינגט... איר הערט?

www.libtool.com.cn

פרוי מילאָווידאָוואַס אַריינקומען האָט באַפרייט אַראַטאָוון פון דער בייטיקייט צו ענטפערן. ער האָט פונדעסטוועגן באַוויזן אַ פליסטער צו טאָן:

—איר זייט אַ מלאך! אַ דאַנק! כ׳וועל צושיקן אַלץ, וואָס כ׳וועל אָנשרייבן...

פרוי מילאָווידאָוואַ האָט פאַרשלאָפענערהייט זיך וועגן באָרנישט אָנגעשטויסן.

און אַזוי איז אַראַטאָוו אַוועקגעפאָרן פון קאַזאַן מיט דער פאָטאָגראַפישער קאַרטע אין בוזעם־טאַש פון זיין סורדוט. דאָס העפטל האָט ער אומגעקערט אַננאַן, אָבער אומבאַמערקט פאַר איר, האָט ער אויסגעשניטן אַ בלעטל, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען די אונטערגעשטראָכענע ווערטער.

צוריקוועגס קיין מאָסקווע האָט אים ווידער באַהערשט אַ פאַרגליווערונג. כאָטש ער האָט זיך אין דער שטיל געפרייט, וואָס ער האָט סוף־כל־סוף טאַקע דערגרייכט, נאָך וואָס ער איז געפאָרן, פונדעסטוועגן האָט ער אַלע זיינע רעיונות וועגן קלאַראַן אָפּגעלייגט ביזן צוריקקומען אַהיים. ער האָט אַ סך מער געטראַכט וועגן איר שוועסטער אַננאַ.—זי איז שוין איינמאָל אַ וווּנדערבאַר, סימפּאַטיש וועזן!—האָט ער געקלערט.—ווי פיין זי באַנעמט אַלץ, סאַראַ ליבנדיק האַרץ, קיין טראָפּן פון עגאָיזם! און ווי אַזוי צעבליִען זיך עס ביי אונז אין דער פּראָווינץ—דערצו נאָך ביי אַזאַ סביבה—אַזעלכענע מיידלעך!—זי איז סיי קרענקלעך, סיי נישט שיין, סיי נישט יונג,—אָבער וואָס פאַר אַן אויסגעצייכנטע חברטע וואָלט זי געווען פאַר אַן אָנשטענדיקן געבילדעטן מענטשן! אָט אין ווענען מ׳וואָלט געדאַרפט פאַרליבן זיך!...

אַזוי האָט אַראַטאָוו געטראַכט... אָבער נאָכן אָנקומען קיין מאָסקווע האָט די זאַך אָנגענומען גאָר אַן אַנדער ווענדונג.

www.libtool.com.cn

## XIV.

פלאַאָנידאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך אומבאַשרייבלעך דער־פרייט מיט איר פלימעניקס צוריקקערן-זיך. וואָס האָט זי שוין נישט איבערגעקלערט בעת זיין אָפּוועזנהייט! — „ווייניקסטנס, קיין סיביר!" — האָט זי געמורמלט, זיצנדיק אומבאַוועגלעך אין איר צימערל: — „ווייניקסטנס. — אויף אַ יאָר!" — דערצו נאָך האָט אויך די קעכין אָנגעשראָקן פלאַטאָנידאַן, דערציילנדיק איר די זיכערסטע ידיעות וועגן דעם פאַרשווינדן-ווערן דאָ פון דעם, דאָ פון יענעם יינגנמאַן, וועלכע וווינען מיט זיי בשכנות. יאַשאָס פולשטענדיקע אומשולדיקייט און צופערלעסיקייט האָבן אויף אַ האָר נישט באַרויקט די אַלטיטשקע. — „דערפאַר ווייל... מאַלע וואָס! — ער פאַרנעמט זיך מיט פאָטאָגראַפיע... נו איז קלעקט שוין! איז נעמט אים!" —

און אָט האָט זיך איר יאַשנקאָ אומגעקערט גאַנץ און אומבאַשעדיקט! אמת, זי האָט באַמערקט, אַז ער איז ווי מאָגע־רער געוואָרן און זעט אויס שלעכט אויפן פנים — אַ פאַרשטענדלע־כע זאַך... אָן השגחה! — אָבער אויספרעגן אים מכח זיין נסיעה האָט זי קיין העזה נישט געהאַט.

ביי מיטאָג האָט זי געפרעגט:

—אַ פיינע שטאָט קאַזאַן?

—אַ פיינע! — האָט אַראַטאַוו געענטפערט.

—כ'רעכן, דאָרט וווינען אַלץ טאַטאַרן?

—נישט בלויז טאַטאַרן.

—און קיין כאַלאַט האָסטו פון דאָרט נישט געבראַכט?

—ניין, נישט געבראַכט.

www.libtool.com.cn

דערמיט האָט זיך געענדיקט דאָס געשפּרעך.

אָבער ווי נאָר אַראַטאָוו איז אַליין געבליבן אין זיין קאַבינעט — האָט ער תּיכּף דערפילט, אַז ס'האָט אים ווי אַרום און אַרום עפּעס אַרומגעכאַפּט, אַז ער געפינט זיך ווידער אין דער ממשלה, נעמלעך אין דער ממשלה פון אַן אַנדער לעבן, פון אַן אַנדער וועזן. כאָטש ער האָט טאַקע געזאָגט אַננאַן — אין יענעם אויפבּרויז פון פּלוצלינגער פאַרצווייפלונג, — אַז ער איז פאַרליבט אין קלאַראַן — אָבער דאָסדאָזיקע וואָרט איז אים גופא איצט אויסגעקומען אומזיניק און ווילד. — ניין, ער איז נישט פאַרליבט; און ווי אַזוי קאָן מען זיך עס פאַרליבן אין אַ געשטאָרבענער, וועלכע איז אים אַפילו ביים לעבן נישט געפעלן געווען, וועלכע ער האָט כמעט פאַרגעסן? — ניין! אָבער ער איז אין דער ממשלה... אין איר ממשלה... ער געהערט מער נישט זיך אַליין. ער איז — אַ געפאַנגענער. געפאַנגען אויף אַזוי פיל, אַז ער פּרוּווט זיך גאָרנישט באַפרייען נישט מיט חוזק איבער דער אייגענער לעכערלעכקייט, נישט מיטן אויפוועקן אין זיך אויב נישט די זיכערקייט, איז כאָטש אַ האָפנונג, אַז דאָס אַלץ וועט מיידן, אַז דאָס איז — בלויז נערוון, — נישט מיטן אויפזוכן ראיות דערצו, — נישט מיט עפּעס אַנדערש!

—„וועל איך אָנטרעפן - וועל איך נעמען”—האָבן זיך אים דערמאָנט קלאַראַס ווערטער, וואָס אַננאַ האָט אים איבערגעגעבן... און אָט איז ער געקומען געוואָרן. זי איז דאָך אָבער — אַ טויטע? יאָ; איר קערפּער איז טויט, אָבער די נשמה? צי דען איז זי נישט אומשטערבלעך... צי דען זיינען איר נייטיק ערדישע אָרגאַנען, כּדי אַרויסצוווייזן איר מאַכט? אָט, דער מאַגנעטיזם האָט אונז דערוויזן די ווירקונג פון איין לעבעדיקער מענטשלעכער נשמה אויף אַ צווייטער לעבעדיקער מענטשלעכער נשמה... פאַרוואָס זשע זאָל נישט דידאָזיקע ווירקונג אויך נאָכן טויט -

www.libtool.com.cn

אויב די נשמה בלייבט לעבן ? - און צו וועלכן תּכלית ? וואָס קאָן דערפון אַרויסקומען ? אָבער צי דען זיינען מיר - בכלל - משיג דעם צוועק פון אַלץ, וואָס קומט-פאָר אַרום אונז ? -

דידאָזיקע מחשבות האָבן אויף אַזוי פיל פאַרנומען אַראַטאָװן, אַז ער האָט ביי טיי-טרינקען פּלוצלונג אַ פרעג-געטאָן פּלאַטאָשאַן: צי זי גלויבט אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה ? - יענע האָט לכתּחילה נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס ער פרעגט - און נאָכדעם האָט זי זיך איבערגעצלמט און געענטפערט, אַז סטייטש - די נשמה זאָל נאָך נישט זיין אומשטערבלעך !

—אויב אַזוי, קאָן זי ווירקן נאָכן טויט ? - האָט אַראַטאָװ ווידער געפרעגט.

די אַלטיטשקע האָט געענטפערט, אַז זי קאָן... זיין פאַר אונז אַ מליץ, הייסט עס ; און דאָס, בעת זי קומט-אָפּ חבוט-הקבר - אין דערוואַרטונג פון גרויזאַמען משפט. און די ערשטע פערציק טעג שוועבט זי נאָר אַרום אַרום יענעם אָרט, וו דער טויט האָט זיך איר געטראָפן.

—די ערשטע פערציק טעג ?

—יאָ ; און שפּעטער הייבן זיך אָן די אָפּקומעניִשן.

אַראַטאָװ האָט זיך געחידושט אויף דער מומעס באַהאַוונט-קייט - און איז אַוועק צו זיך. -

און אויפסניי האָט ער דערפילט יענע זעלבע ממשלה אי-בער זיך. -

דידאָזיקע ממשלה האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן אין דעם, וואָס אים האָט זיך אומאויפהערלעך פאָרגעשטעלט קלאַראַס גע-שטאַלט, ביז די קלענסטע פּרטים, ביז אַזעלכע פּרטים, וועלכע ער האָט ביי איר לעבן כלומרשט נישט באַמערקט : ער האָט גע-זען... האָט געזען אירע פינגער, נעגל, פּאַסמעס האָר אויף די באַקן אונטער די שלייפן, אַ קליין פּינטל אונטערן לינקן אויג ; ער האָט

www.libtool.com.cn

געזען די באַוועגונג פון אירע ליפּן, נאָזלעכער, ברעמען... און וואָס פאַר אַ גאַנג זי האָט — און ווי אַזוי זי האַלט דעם קאָפּ אַביסל אויף דער רעכטער זייט... אַלץ האָט ער געזען! — ער האָט כלל נישט געקליבן קיין נחת פון דעם אַלעמען; ער האָט בלויז נישט געקאָנט נישט צו קלערן וועגן דעם און נישט צו זען. —

אין דער ערשטער נאַכט נאָך זיין צוריקקומען האָט זי זיך אים, פונדעסטוועגן, נישט געחלומט... ער איז זייער מיד געוואָרן און געשלאָפן, ווי אַ דערהרגעטער. דערפאַר, ווי נאָר ער האָט זיך אויפגעכאַפּט — איז זי ווידער אַריינגעקומען אין זיין חדר — און אַזוי איז זי שוין געבליבן אין אים — פונקט ווי אַ באַלעבאָסטע, פונקט ווי זי וואָלט מיט איר פרייווילקן טויט זיך געקויפט דאָס־דאָזיקע רעכט, נישט פרעגנדיק אים און נישט בייטיקנדיק זיך אין זיין דערלויבניש. —

ער האָט גענומען איר פאָטאָגראַפישע קאַרטע; אָנגעהויבן זי איבערשאַפן, פאַרגרעסערן. נאָכדעם איז אים איינגעפאַלן צו־צופּאַסן זי צום סטערעאָסקאָפּ. קיין מי האָט אים נישט געפעלט... לסוף איז דאָס אים געלונגען. ער האָט אַזוי אַ ציטער געטאָן, בעת ער האָט דערזען דורך דעם גלאָז איר פיגור, וואָס האָט באַקומען די ענלעכקייט פון קערפּערלעכקייט. אָבער די־דאָזיקע פיגור איז געווען אַ גרויע, גלייך ווי אַ פאַרשטויבטע... און דער־צו נאָך די אויגן... די אויגן האָבן אַלץ געבליקט אין אַ זייט, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך אַלץ אָפּגעקערט. ער האָט גענומען קוקן אויף זיי לאַנג, לאַנג, גלייך ווי וואַרטנדיק, אַז אָט וועלן זיי זיך אָנשטעלן אויף זיין זייט... ער האָט אַפילו בכיוון פאַרזשמורעט די אויגן... אָבער אירע אויגן זיינען געבליבן אומבאַוועגלעכע, און די גאַנצע פיגור האָט אָנגענומען דאָס אויסזען פון עפּעס אַ ליאַלקע.

ער איז אָפּגעגאַנגען פון איר, אַ וואָרף־געטאָן זיך אין אַ

www.libtool.com.cn

שטול, אַרויסגענומען דאָס אויסגעריסענע בלעטל פון איר טאָג-בוך, מיט די אונטערגעשטראָכענע ווערטער—און אַ טראַכט געטאָן:

„אָט זאָגט מען, אַז פאַרליבטע קושן די שורות, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן פון אַ געליבטער האַנט—און מיר גלוסט זיך דאָס נישט צו טאָן—און אפילו די האַנטשריפט ווייזט מיר אויס אַ נישט קיין שיינע. אָבער אין דערדאָזיקער שורה איז מיין פסק-דין״—

דאָ האָט ער זיך דערמאָנט וועגן דער הבטחה, וואָס ער האָט געגעבן אַננאַן מכח דעם אַרטיקל.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש און געהאַט גענומען אים שרייבן; אָבער אַלץ איז ביי אים אַרויסגעקומען אַזוי פאַלש, אַזוי מליצהדיק... דער עיקר, אַזוי פאַלש... פונקט ווי ער וואָלט נישט געגלייבט נישט אין דעם, וואָס ער האָט געשריבן, נישט אין די אייגענע געפילן... אפילו קלאַראַ גופא האָט אים אויסגעוויזן ווי אַן אומבאַקאַנטע, אַן אומפאַרשטענדלעכע! דער אַרטיקל איז ביי אים נישט אַרויסגעקומען!—

„ניין!״—האָט ער אַ קלער געטאָן, אַוועקוואַרפנדיק די פעדער:—„אָדער דאָס פאַרפאַסן בכלל איז נישט מיין זאַך, אָדער מען דאַרף נאָך צוואַרטן!״

ער האָט גענומען דערמאָנען זיך זיין באַזוך ביי די מילאָווידאָווס-און אַננאַס גאַנצע שילדערונג, פון דערדאָזיקער גוטער, וווּנדערבאַרער אַננאַן... איר אַרויסגעזאָגט וואָרט „אומבאַרירטע!״ האָט אים מיטאַממאָל אַ שלאָג-געטאָן. גלייך ווי עפּעס וואָלט אים אי אָבגעבריט, אי באַלויכטן.

—יאָ,—האָט ער הויך אַרויסגערעדט:—זי איז אַן אומבאַרירטע... אָט וואָס איר האָט געגעבן דידאָזיקע מאַכט!

www.libtool.com.cn

די געדאַנקען וועגן השארת הנפש, וועגן לעבן נאָכן טויט האָבן אים אויפסניי באַזוכט.

צי דען שטייט נישט אין דער ביבל: „טויט, ווו איז דער גיפט דיינער?" און ביי שילער'ן: „אויך די טויטע וועלן לעבן!" (Auch die Todten sollen leben!)—אָדער אַט נאָך, דוכט, ביי מיצקעוויטשן: „כ'וועל ליב האָבן ביזן סוף פון דער וועלט... און נאָכן סוף פון דער וועלט!" און איין ענגלישער שריפטשטעלער האָט געזאָגט: „די ליבע איז שטאַר-קער פון טויט!"—דער ביבלישער פסוק האָט בעזונדערס גע-ווירקט אויף אַראַטאָוון.—ער האָט געוואָלט אויפזוכן דאָס אָרט, ווו עס האָבן זיך געפונען דידאָזיקע ווערטער... קיין ביבל האָט ער נישט געהאַט; איז ער אַוועק זי בעטן ביי פלאַטאָ-שאַן.—יענע האָט זיך געחידושט; פונדעסטוועגן האָט זי אַרויס-באַקומען אַן אַלט-אַלט בוך אין אַ צעקרימטן לעדערנעם איינ-בונד, מיט מעשענע העקלעך, אינגאַנצן אַ פאַרטריפטע מיט וואַקס,—און האָט עס דערלאַנגט אַראַטאָוון. ער האָט עס אַוועק-געטראָגן צו זיך אין צימער—אָבער לאַנג האָט ער יענעם פסוק נישט געפונען... דערפאַר האָט ער אָנגעטראָפן עפּעס אַנדערש:

„מער פון אַזאַ ליבע קאָן גאָר נישט געבן, ווי אַוועקצו-לייגן דאָס אייגענע לעבן פאַר די נאָענטע..." (יעוו. יאָהאַן, XV קאַפּ. 13 שורה).

ער האָט געקלערט: „נישט אַזוי איז געזאָגט געוואָרן,—מ'האָט באַדאַרפט זאָגן: „מער פון אַזאַ מאַכט קאָן גאָר נישט געבן..."

„און טאָמער האָט זי כלל נישט פאַר מיר מקריב געווען איר נשמה?—און טאָמער האָט זי מיט זיך אַ סוף געמאַכט, ווייל דאָס לעבן איז איר געוואָרן צו לאַסט? און טאָמער איז זי, סוף-כל-סוף, נישט צוליב ליבעס-דערקלערונגען געקומען אויף דער זעונג?"

www.libtool.com.cn

נאָר אין דער רגע האָט זיך אים פאָרגעשטעלט קלאָראַ פאַרן צעשיידן-זיך אויפן בולוואַר... ער האָט זיך דערמאָנט יענעם טריבן אויסדרוק אויף איר געזיכט—און יענע טרערן און יענע ווערטער:—אַך, איר האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען!...

ניין! ער האָט נישט געקאָנט צווייפלען דערין, צוליב וואָס און פאַר וועמען זי האָט איר לעבן מקריב געווען...

אַזוי איז פאַרביי דער גאַנצער דאָזיקער טאָג, ביז ביי-נאַכט.

## XV.

אַראַטאָוו האָט זיך פרי געלייגט, אָן אַ באַזונדערן פאַר-לאַנג צו שלאָפן; ער האָט אָבער געהאָפט צו געפינען רו אין געלעגער. דער אָנגעשטרענגטער מצב פון זיינע נערוון האָט אים גורם געווען אַ מידיקייט, אַ פיל מער אומדערטרעגלעכע, איידער אַ פיזישע פאַרמאַטערטקייט פון אַ נסיעה און וועג. פונ-דעסטוועגן ווי גרויס זיין מידיקייט איז נישט געווען, האָט ער דאָך נישט געקאָנט איינשלאָפן.

ער האָט געפרוווט נעמען לייענען... נאָר די שורות האָבן זיך געפלאָנטערט פאַר זיינע אויגן. ער האָט פאַרלאָשן דאָס ליכטל,—און אין זיין צימער האָט זיך צעשפרייט אַ פינסטער-ניש:—אָבער ער איז אַלץ ווייטער געלעגן אַ שלאָפלאָזער, מיט פאַרמאַכטע אויגן...

און אָט—ס'האָט זיך אים גענומען דאַכטן: עמעץ מורמלט אים אויפן אויער... „אַ קלאַפּ פונם האַרץ, אַ ריר פונם בלוט"— האָט ער אַ טראַכט געטאָן... נאָר דאָס געפליסטער איז איבער-געגאַנגען אין בינדיקע רייד. עמעץ האט גערעדט אויף רוסיש,

www.libtool.com.cn

איילנדיק, אומעטיק, נישט-פאַרשטענדלעך. קיין איינציק באַזונדער וואָרט האָט מען נישט געקאָנט אויפכאַפּן... אָבער דאָס איז געווען קלאַראַס קול!

אַראַטאָוו האָט אויפגעמאַכט די אויגן, האָט זיך אונטערגעהויבן, אָנגעלענט זיך אָן די עלנבויגנס...

די שטים איז געוואָרן שוואַכער, אָבער ס'האָבן זיך אַלץ ווייטער געהערט אירע אומעטיקע, איילנדיקע, ווי פריער אומפאַרשטענדלעכע רייד...

דאָס איז אָן שום ספק קלאַראַס קול!

עמעצנס פינגער זיינען דורכגעפלויגן מיט לייכטע אַרפּעדזשיאָס איבער די קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ... שפּעטער האָט די שטים ווידער גענומען ריידן. עס האָבן זיך דערהערט מער אויסגעצויגענע קלאַנגען... אַזוי ווי קרעכצן... אַלץ איין און דיזעלבע. און דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן אויסטיילן ווערטער...

„רויזן... רויזן... רויזן..."

רויזן,—האָט אַראַטאָוו מורמלענדיק איבערגעחזרט.—אַך, יאָ! דאָס זיינען יענע רויזן, וואָס כ'האָב געזען אויפן קאָפּ פון יענער פרוי, אין חלום...

„רויזן", האָט זיך ווידער דערהערט.

—צי דאָס ביזטו?—האָט מיטן זעלבן פליסטער אַראַטאָוו געפרעגט.

די שטים איז פלוצלינג פאַרשוויגן געוואָרן.

אַראַטאָוו האָט געוואַרט... געוואַרט—און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויפן קישן.

„האַלוצינאַציעס פונם געהער,—האָט ער אַ קלער געטאָן,—נו, און טאָמער... טאָמער איז זי טאַקע דאָ, נאָענט?.. אויב כ'וואָלט זי דערזען—וואָלט איך זיך דערשראָקן?—צי דערפרייט?

www.libtool.com.cn

אָבער פּאַרוואָס וואָלט איך זיך דערשראָקן? מיט וואָס וואָלט איך זיך געפרייט? סיידן אָט מיט וואָס: דאָס וואָלט געווען אַ ראיה, אַז ס'איז פאַראַן אַן אַנדער וועלט, אַז די נשמה איז אומשטערבלעך.—נאָר, איבעריקנס, אויב כ'וואָלט אפילו דאָ עפּעס דערזען—וואָלט עס דאָך אויך געקאָנט זיין אַ האַלוצינאַציע פון דער ראיה..."

דאָך האָט ער אָנגעצונדן דאָס ליכט—און מיט אַ שנעלן בליק, נישט אָן געוויסן פּחד, האָט ער באַקוקט דאָס גאַנצע צימער... און קיין שום אויכערגעוויינלעכס האָט ער אין אים נישט דערזען.

ער איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום סטערעאָסקאָפּ...

ווידער דיזעלבע גראָע לאַלקע מיט אויגן, וואָס קוקן אָן אַ זייט. דאָס שרעק-געפיל האָט זיך אין אַראַטאָיוון פאַרביטן מיט אַ געפיל פון פאַרדרוס. ער האָט זיך ווי אָפּגענאַרט אין זיינע דערוואַרטונגען... און אויך קאָמיש האָבן אים אויסגעוויזן די-דאָזיקע דערוואַרטונגען...

—דאָס איז דאָך, סוף-כל-סוף, נאַריש!—האָט ער אַרויס-געמורמלט, אויפסניי זיך ליגנדיק אין געלעגער, און פאַרלאָשן דאָס ליכט.

ווידער האָט אָנגעהויבן הערשן אַ טיפער חושך.

אַראַטאָוו האָט זיך אַנטשלאָסן דאָסמאָל אַנטשלאָפן ווערן...

אָבער אין אים איז אויפגעקומען אַ נייע עמפינדונג. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עמעצער שטייט אין מיטן צימער, נישט ווייט פון אים—און אָטעמט קוים-באַמערקבאַר.

ער האָט זיך גיך אויסגעדרייט און די אויגן פאַנאַנדער-געעפנט... נאָר וואָס האָט מען דען געקאָנט זען אין דעמדאָזיקן נישט-דורכדרינגלעכן חושך?—

ער האָט גענומען זוכן אַ שוועבעלע אויפן נאַכט-טישל...

www.libtool.com.cn

און מיטאַמאָל האָט זיך אים גענומען דאַכטן, אַז עפּעס אַ ווײַ-
כער, רווישלאָזער וויכער האָט זיך אַדורכגעטראָגן דורך דעם
גאַנצן צימער, דורך אים,—און זײַנע אויערן האָבן
באַשײַנפּערלעך דערהערט דאָס וואָרט: „איך!״...
—„איך!... איך!...״
עטלעכע רגעס זײַנען פאַרביי, איידער ער האָט באַוויזן
אָנצוצינדן דאָס ליכט.
אין צימער איז ווידער קיינער נישט געווען—און ער האָט
שוין גאָרנישט געהערט, אַחוץ דאָס העפּטיקע קלאַפּן פון זײַן
אייגן האַרצן. ער האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער—און
געבליבן אומבאַוועגלעך, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן קאָפּ אויף דער
האַנט.
ער האָט געוואַרט.
ער האָט געטראַכט: „כ׳וועל וואַרטן. אָדער דאָס אַלץ איז
נאַרישקייט... אָדער זי איז דאָ פאַראַן. זי וועט זיך דאָן נישט
גיין שפּילן מיט מיר, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז!״
ער האָט געוואַרט, לאַנג געוואַרט... אַזוי לאַנג, אַז די
האַנט, מיט וועלכער ער האָט אונטערגעהאַלטן דעם קאָפּ, איז
אָפּגעחלשט געוואָרן... אָבער קיין איינציקע פון די פריערדיקע
עמפּינדונגען האָט זיך נישט איבערגעחזרט.
אַמאָל צוויי האָבן זיך זײַנע אויגן צונויפגעקלעפּט... האָט
ער זיי תיכף אויפגעמאַכט... על כל פּנים, האָט זיך אים גע-
דאַכט, אַז ער עפנט זיי. ביסלעכווייז האָבן זיי זיך געווענדט
אויף דער טיר און זיך אָפּגעשטעלט אויף איר. דאָס ליכט האָט
זיך צעגליט—און אין צימער איז לסוף ווידער פינסטער גע-
וואָרן... נאָר די טיר האָט זיך געווייסלט ווי אַ לאַנגער פלעק
צווישן דעם האַלב-חושך. און אָט האָט זיך דערדאָזיקער פלעק
אַ ריר-געטון, פאַרקלענערט-זיך, פאַרשוווּנדן געוואָרן... און אויף

www.libtool.com.cn

זיין אָרט, אויף דער שוועל פון טיר, האָט זיך באַוויזן אַ פרויען-פיגור.

אַראַטאָוו קוקט, קוקט... קלאַראַ! און דאָסמאָל קוקט זי גלייך אויף אים, דערנענטערט זיך צו אים... אויפן קאָפּ ביי איר איז אַ קראַנץ פון רויטע רויזן...

ער האָט זיך איינגאַנצן אַ באַוועג-געטאָן, זיך אונטערגע-הויבן...

פאַר אים שטייט זיין מומע, אין נאַכטיקן טשעפּיקל מיטן גרויסן רויטן באַנד און אין אַ ווייסער קאָפטע.

—פלאַטאָשאַ!—האָט ער מיט שווערקייט אויסגערעדט.—דאָס זייט איר?

—דאָס בין איך,—האָט פּלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ געענט-פערט.—איך, יאַשענקעלע, איך.

—נאָך וואָס זייט איר געקומען?

—דו האָסט דאָך מיך אויפגעוועקט. פון אָנהייב האָסטו אַלץ ווי געקרעכצט... און נאָכדעם האָסטו גענומען אַלע ווײַלע שרייען:—ראַטעוועט! העלפט!

—איך האָב געשריען?

—יאָ, האָסט געשריען—און אַזוי הייזעריק:—ראַטעוועט!—כ'האָב שוין געמיינט: גאָט מיינער! איז ער נישט אַמאָל קראַנק? בין איך אַריינגעקומען. ביזטו געזונט?

—פולשטענדיק געזונט.

—נו, הייסט עס, האָסט אַ שלעכטן חלום געהאַט. ווילסט, וועל איך מיט ווייררויך אויסרייכערן?

אַראַטאָוו האָט זיך נאָך אַמאָל שטאַר איינגעקוקט אין דער מומען—און זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט... די פיגור פון דער גוטער אַלטיטשקער אין טשעפּיק און קאָפטע, מיטן צעשראָקע-נעם, אויסגעצויגענעם פּנים איז אין דער אמתן געווען זייער

www.libtool.com.cn

קאָמיש. דאָס גאַנצע געהיימניספולע, וואָס דאָט אים אַז מגע-רינגלט, וואָס האָט אים געפּרעסט—דער גאַנצער כשוף איז מיט-אַמאָל צעפלויגן געוואָרן.

—ניין, פלאַטאָשאַ, טייערינקע, מען דאַרף נישט,—האָט ער אַרויסגעמורמלט,—זייט מוחל, כ'בעט אייך, וואָס כ'האָב אייך נישט ווילדיק באַאומרויקט. שלאָפט רויק—און איך וועל אויך איינשלאָפן.

פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ איז נאָך געשטאַנען אַ ביסל אויף אַן אָרט, אַ ווייז-געטאָן אויף דעם ליכט, אַ וואָרטשע-געטאָן: פאַרוואָס, הייסט עס, פאַרלעשטט נישט... ס'פעלט נישט קיין סך צו אַן אומגליק!—און אַוועקגייענדיק האָט זי זיך נישט גע-קאָנט איינהאַלטן, כאָטש פונדערווייטנס אים איבערצוצלמען.

אַראַטאָוו איז באַלד איינגעשלאָפן—און געשלאָפן ביז אינ-דערפרי. ער איז אויך אויפגעשטאַנען אין אַ גוטער שטימונג... כאָטש ס'איז אים עפּעס באַנג געווען... ער האָט זיך געפילט לייכט און פריי—„וואָלסט מיינען מי יודע וואָסערע ראָמאַנטישע אויפטועכצן"—האָט ער צו זיך אַליין גערעדט מיט אַ שמייכל. ער האָט קיין איין מאָל קיין בליק נישט געטאָן נישט אויפן סטערעאָסקאָפּ, נישט אויפן בלעטל, וואָס ער האָט אויסגעריסן. פונדעסטוועגן איז ער באַלד נאָכן פרישטיק אַוועק צו קופּפערן.

וואָס אים האָט אַהין געצויגן... האָט ער באַנומען נעפּל-האַפט.

## XVI.

אַראַטאָוו האָט זיין סאַנגווינישן פריינט געטראָפן אין דער היים. ער האָט זיך נעפּלוידערט מיט אים אַ ביסל, אים פאַרגע-וואָרפן, וואָס ער האָט אים מיט זיין מומען איינגאַנצן פאַרגעסן,—אויסגעהערט נייע שבחים אויפן חשבון פון דער גאָלדענער

www.libtool.com.cn

פרוי, דער פירשטין, פון וועמען קופּפער האָט נאָר-וואָס באַקו-
מען פון יאַראָסלאַוו אַ יאַרמולקע, אָן אויסגעניייטע מיט פּיט-
שופן... און פּלוצלינג, אַנידערזעצנדיק זיך אַנטקעגן קופּפערן
און קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין, האָט אים אַראַטאָוו
מיטגעטיילט, אַז ער איז געפאָרן קיין קאַזאַן.

—דו ביזט געפאָרן קיין קאַזאַן? נאָך וואָס עפּעס?

—אָט כ׳ווייס, כ׳האָב געוואָלט צונויפזאַמלען אינפאָרמאַ-
ציעס וועגן דערדאָזיקער... קלאַראַ מיליטש.

—וועגן יענער, וואָס האָט זיך געסמט?

—יאָ.

קופּפער האט אַ שאָקל-געטאָן מיטן קאָפּ.

—קוק אים נאָר אָן! און נאָך אַ שטילינקער! טויזנט
וויאָרסט זיך געבראָכן אַהין און צוריק... צוליב וואָס? אַ? און
וואָלט דאָ כאָטש געווען אַ וועלכער עס איז פרויען-אינטערעס!
דאַן פאַרשטיי איך אַלץ! אַלץ! אַלעריי משוגעתן!—קופּפער האָט
זיך צעשויבערט די האָר.—אָבער כדי בלויז מאַטעריאַלן צו
קלייבן—ווי מ׳זאָגט עס ביי אייך—ביי די געלערנטע מענטשן...
אויף דעם עקזיסטירט אַ סטאַטיסטישער קאָמיטעט!—נו, און וואָס,
האָסט זיך באַקענט מיט דער אַלטער און מיט דער שוועסטער?
נישט אמת, אַ וווּנדערבאַר מיידל?

—אַ וווּנדערבאַרע,—האָט אַראַטאָוו באַשטעטיקט.—זי האָט
מיר איבערגעגעבן אַ סך אינטערעסאַנטעס.

—זי האָט דיר געזאָגט, ווי אַזוי גענוי קלאַראַ האָט זיך
פאַרסמט?

—ס׳הייסט... ווי דען?

—אָבער אויף וועלכן אופן?

—ניין... זי איז נאָך געווען אַזוי פאַרביטערט... כ׳האָב

www.libtool.com.cn

נישט געהאַט די דרייסטקייט צופיל פאַנאַנדערצופרעגן. צי רען איז געווען עטוואָס באַזונדערס?

—אודאי איז געווען. שטעל זיך פאָר: זי האָט געדאַרפט אין יענעם זעלבן טאָג שפּילן—און געשפּילט. זי האָט מיטגענו-מען מיט זיך אַ פלעשעלע סם אין טעאַטער, פאַרן ערשטן אַקט האָט זי עס אויסגעטרונקען—און אַזוי האָט זי טאַקע אָפּגעשפּילט דעם גאַנצן ערשטן אַקט. מיטן גיפט אינעווייניק! ס׳אַרא שטאַר-קע ווילנס-קראַפט! ס׳אַרא כאַראַקטער! און מ׳זאָגט, אַז קיינמאָל האָט זי נאָך מיט אַזאַ געפיל, מיט אַזאַ ברען נישט אויסגע-פירט איר ראָל! דאָס פּובליקום ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן, אַפּלאָדירט, רופט-אַרויס... און ווי נאָר דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט—איז זי טאַקע דאָ, אויף ד׳ער בינע, געפאַלן, קאָרטשן... קאָרטשן... און אין אַ שעה אַרום האָט זי אויסגע-הויכט די נשמה! צי דען האָב איך דיר וועגן דעם נישט דער-ציילט? אויך אין די צייטונגען איז וועגן דעם געווען!

ביי אַראַטאָוון זענען פּלוצלינג די הענט קאַלט געוואָרן און אין ברוסט האָט אָנגעהויבן ציטערן.

—ניין, דו האָסט עס מיר נישט דערציילט,—האָט ער לסוף אַרויסגעמורמלט.—און דו ווייסט נישט, וואָס איז דאָס גע-ווען פאַר אַ פּיעסע?

קופּפער האָט זיך פאַרטראַכט.

—מ׳האָט מיר אָנגערופן דידאַזיקע פּיעסע... אין איר דערשיינט אַן אָפּגענאַרט מיידל... משמעות, עפּעס אַ דראַמע. קלאַראַ איז געווען געבוירן פאַר דראַמאַטישע ראָלן... איר אוי-סערלעכקייט אַליין... אָבער ווהין גייסטו?—האָט קופּפער זיך אַליין איבערגעריסן, זעענדיק, אַז אַראַטאָוו נעמט זיך פאַרן היטל.

—כ׳בין עפּעס נישט מיט אַלעמען,—האָט אַראַטאָוו געענט-

www.libtool.com.cn

בע״ט.—זיי געזונט... כ׳וועל אַן אַנדערש מאָל אַריינקומען.

קופּפער האָט אים אָפּגעשטעלט און אים פאַרקוקט אין געזיכט אַריין.

—וואָס פאַר אַ נערוועזער מענטש דו ביזט, ברודערקע! טו נאָר אַ בליק אויף זיך... ביזט ווייס געוואָרן, ווי קאַלך.

—כ׳בין עפּעס נישט געזונט,—האָט אַראַטאָוו איבערגעחזרט, באַפרייט זיך פון קופּפערס האַנט און אַוועק אַהיים. נאָר אין דערדאָזיקער רגע איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער איז טאַקע געקומען צו קופּפערן מיטן איינציקן צוועק צו ריידן וועגן קלאַראַן...

—„וועגן דער וואַנזיניקער, וועגן דער אומגליקלעכער קלאַראַ“...

קומענדיק פונדעסטוועגן אַהיים, האָט ער זיך ווידער גיך באַרויקט—ביז אַ געוויסער מדרגה.

די אומשטענדן, וועלכע האָבן באַגלייט קלאַראַס טויט, האָבן לכתחילה געמאַכט אויף אים אַ דערשיטערנדיקן רושם... אָבער שפּעטער האָט דאָסדאָזיקע שפּיל „מיטן גיפט אינעווייניק“, ווי קופּפער האָט זיך אויסגעדריקט, זיך אויסגעוויזן אים ווי עפּעס אַ פאַרקריפּלטע פראַזע, ווי אַן אָנשטעל—און ער האָט זיך שוין באַמיט נישט צו טראַכטן וועגן דעם, מורא האָבנדיק אויפצעוועקן אין זיך אַ געפיל, ענלעך צו עקל. און צו מיטאָג, זיצנדיק מיט פּלאַטאָשאַן, האָט ער פלוצלינג זיך דערמאָנט אָן איר מיטנאַכטיקן דערשיינען, האָט זיך דערמאָנט אָן דער דאָזיקער קורצער קאָפּטע, אָן דעמדאָזיקן טשעפּיקל מיטן הויפּן באַנד (ווי קומט אַ באַנד אויף אַ נאַכטיקן טשעפּיק?!), אָן דער גאַנצער קאָמישער פיגור, פון וועלכער—פּונקט אַזוי ווי פון אַ מאַשיניסטס אַ פייף אין מיטן אַ פאַנטאַסטישן באַלעט—זיינען אַלע זיינע זעונגען צעשאָטן געוואָרן ווי שטויב! ער האָט אפילו גע-

www.libtool.com.cn

צווונגען פלאַטאָשאַן איבערצוחזרן די דערציילונג וועגן דעם, ווי אַזוי זי האָט דערהערט זיין געשריי, דערשראָקן זיך, אויפגעשפרונגען, נישט געקאָנט מיטאַמאָל טרעפן נישט אין איר, נישט אין זיין טיר א. אַז. וו.

אין אָוונט האָט ער מיט איר געשפילט אין קאָרטן און איז אַוועק אין זיין צימער אַ ביסל אַן אומעטיקער, אָבער ווידעראַמאָל אַ גאַנץ רויקער.

אַראַטאָוו האָט נישט געטראַכט וועגן דער פאָרשטייענדיקער נאַכט און האָט זיך פאַר איר נישט געשראָקן: ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט זי איבערקומען ווי צום בעסטן. דער געדאַנק וועגן קלאַראַן האָט זיך פון צייט צו צייט אין אים אויפגעוועקט; אָבער ער האָט תיכף זיך גענומען דערמאָנען, ווי „מליצהדיק" זי האָט זיך אומגעבראַכט, און ער האָט זיך אָפּגעווענדט. די דאָזיקע „מאוסע האַנדלונג" האָט געשטערט די אַנדערע ערינערונגען וועגן איר. אַ בליק טועדיק שנעל אויפן סטערעאָסקאָפּ, האָט זיך אים אפילו געדוכט, אַז דערפאַר האָט זי געקוקט אָן אַ זייט, ווייל ס'איז געווען אַ חרפּה.

גלייך איבערן סטערעאָסקאָפּ, אויף דער וואַנט, איז געהאַנגען זיין מוטערס פאָרטרעט, אַראַטאָוו האָט אים אַראָפּגענומען פון טשוואָק, לאַנג אים אָנגעקוקט, אַ קוש-געטאָן, און פאָרזיכטיק באַהאַלטן אין קעסטל.

פאַרוואָס האָט ער עס געטאָן? צי צוליב דעם, ווייל דער דאָזיקער פאָרטרעט האָט זיך נישט געדאַרפט געפינען אין שכנות מיט יענער פרוי... אָדער צוליב עפּעס אַן אַנדער סבה—דאָס האָט זיך אַראַטאָוו נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון. אָבער דער מוטערס פאָרטרעט האָט אין אים אויפגעוועקט די ערינערונג וועגן פאָטער... וועגן פאָטער, וועלכן ער האָט געזען אַן אָפּשטאַרבנדיקן אין אָט דעם זעלביקן צימער, אויף דעמדאָזיקן גע-

www.libtool.com.cn

לעגער. „וואָס קלערסטו וועגן דעם אַלעם, פּאָטער?—האָט ער זיך צו אים געווענדט אין געדאַנק.—דו האָסט עס אַלץ פאַר־שטאַנען; דו האָסט אויך געגלייבט אין שילערס וועלט פון גייסטער.—גיב מיר אַן עצה!״

—דער פּאָטער וואָלט מיר געגעבן אַן עצה די אַלע נאַ־רישקייטן אַוועקצוּוואַרפן,—האָט אַראַטאָוו אויסגערעדט אויפן קול און זיך גענומען פאַר אַ בוך.

לייענען האָט ער פונדעסטוועגן לאַנג נישט געקאָנט, און פּילנדיק עפּעס אַ באַלעסטיקונג פונם גאַנצן קערפּער, האָט ער זיך פריער ווי געוויינטלעך געלייגט אין בעט, אין פולער זי־כערקייט, אַז ער וועט באַלד איינשלאָפן.

אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט... נאָר ס׳זייַנען נישט מקוים געוואָרן זייַנע האָפנונגען אויף אַ רויקער נאַכט.

## XVIII.

די מיטנאַכט האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצושלאָגן, ווי ער האָט שוין געזען אַן אויסערגעוויינלעכן, דראָענדן חלום.

אים האָט זיך געדוכט, אַז ער געפינט זיך אין אַ רייך פּריציש הויז, פון וועלכן ער איז געווען באַלעבאָס. ער האָט נישט לאַנג געקויפט סיי דאָס הויז, סיי דאָס גאַנצע גוט אַרום אים. און עס קלערט זיך אים אַלץ: „גוט, איצט איז גוט, אָבער זיין וועט שלעכט!״ נעבן אים דרייט זיך אַ קליינינקער מענטשעלע, זיין פאַרוואַלטער; ער לאַכט אַלץ, בייגט זיך און וויל ווייזן אַראַטאָוון, ווי ביי אים אין שטוב און אין גוט איז אַלץ אויסגעצייכנט איינגעריכטעט,—ביטע, ביטע,—זאָגט ער, לאַכנדיק ביי יעדן וואָרט;—טוט אַ בליק, ווי ביי אייך איז אַלצ־

www.libtool.com.cn

דינג כשורה! אָט די פערד... ס'אַראַ ווונדערבאַרע פערדן!—און אַראַטאָוו זעט אַ שורה פון ריזיקע פערד. זיי שטייען צו אים מיטן הינטן אין די שטאַלן; די גריוועס און עקן האָבן זיי ווונדערלעכע... אָבער ווי נאָר אַראַטאָוו גייט פאַרביי, דרייען זיך צו אים אויס די קעפּ פון די פערד—און שטשירען העסלעך מיט די ציין.—גוט... קלערט אַראַטאָוו... אָבער ס'וועט זיין שלעכט!—ביטע, ביטע,—זאָגט ווידער דער פאַרוואַלטער:—ביטע אין גאָרטן: טוט אַ בליק, ס'אַראַ ווונדערבאַרע עפּל איר האָט! עפּל, אמתדיק ווונדערבאַרע, רויטע, קיילעכדיקע; אָבער ווי נאָר אַראַטאָוו טוט אַ קוק אויף זיי, קנייטשן זיי זיך און פאַלן... „ס'וועט זיין שלעכט", טראַכט ער,-און אָט איז די אָזיערע,—שטאַמלט דער פאַרוואַלטער:—ס'אַראַ בלויע זי איז און גלאַטע! און אָט איז אויך אַ גאָלדן שיפעלע... באַווייליקט איר אויף אים זיך דורכצושיפן?... עס וועט שווימען פון זיך אַליין.-כ'וועל זיך נישט זעצן!—טראַכט אַראַטאָוו:—„ס'וועט זיין שלעכט!" און דאָך זעצט ער זיך אינם שיפעלע. אויף דער דעק ליגט איינגעקאָר-טשעטערהייט עפּעס אַ קליינטשיק באַשעפעניש, ענלעך צו אַן אַף; עס האַלט אין די לאַפּעס אַ פלעשעלע מיט אַ טונקעלער פליסיקייט.—זייט זיך נישט מטריח,—שרייט פון ברעג דער פאַר-וואַלטער...—דאָס איז גאָרנישט! דאָס איז דער טויט! אַ גליק-לעכע רייזע!—דאָס שיפל טראָגט זיך שנעל... אָבער פלוצלינג פליט אָן אַ וויכער. נישט ווי דער נעכטיקער, רוישלאָזער, ווייכער—ניין; אַ שוואַרצער, אַ שרעקלעכער, אַ יאָמערדיקער ווי-כער!—אַלץ מישט זיך אויס אַרום—און צווישן דער תהו-ובהו-דיקער פינסטערניש זעט אַראַטאָוו קלאַראַן אין אַ טעאַטראַלישן קאָסטיום... זי טראָגט אונטער אַ פלעשעלע צו די ליפּן, עס הערן זיך ווייטע: בראַוואָ! בראַוואָ!—און עמעצנס גראָב קול שרייט אַראַטאָוון אויפן אויער:—אַ! דו האָסט געמיינט, אַז אַלץ

www.libtool.com.cn

וועט זיך ענדיקן אַלס קאָמעדיע?—ניין, דאָס איז אַ טראַגעדיע, אַ טראַגעדיע!

אַראַטאָוו האָט זיך אויפגעכאַפּט, שווידערנדיק אינגאַנצן. אין צימער איז נישט פינסטער... פון ערגעץ גיסט זיך אַ שוואַכער שיין און טרויעריק, און אומבאַוועגלעך באַלייכט ער אַלע געגנשטאַנדן.

אַראַטאָוו גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון, פון וואַנען עס גיסט זיך דערדאָזיקער שיין... ער פילט איינס: קלאַראַ איז דאָ פאַראַן, אין דעמדאָזיקן צימער... ער עמפינדט איר זיין דאָ... ער איז ווידער און אויף שטענדיק אין איר ממשלה!

פון זיינע ליפּן רייסט זיך אַרויס אַ געשריי:

—קלאַראַ, דו ביזט דאָ?

—יאָ!—דערהערט זיך באַשיינפּערלעך צווישן דעם פּנַר־בליווערט באַלויכטענעם חדר.

אַראַטאָוו חזרט איבער קלאַנגלאָז זיין פראַגע...

—יאָ!—הערט זיך פונדאַסניי.

—טאָ וויל איך דיך זען!—שרייט ער אויס און שפּרינגט אַראָפּ פון זיין געלעגער.

עטלעכע רגעס איז ער אָפּגעשטאַנען אויף איין אָרט, אָנטרעטנדיק מיט די נאַקעטע פיס די קאַלטע פאָדלאָגע. זיינע בליקן האָבן געבלאָנדזשעט: „ווו? ווו? ווו?" האָבן געפּליסטערט זיינע ליפּן...

ס'איז קיין זאַך נישט צו זען, נישט צו הערן...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט—און באַמערקט, אַז דער שוואַכער שיין, וועלכער האָט אָנגעפילט דאָס צימער, האָט געשטאַמט פון אַ נאַכט-לעמפּעלע, וואָס איז פאַרשטעלט געווען מיט אַ בויגן פאַפּיר און וואָס פלאַטאָנידאַ האָט עס, מסתמא, אַנידערגעשטעלט אין ווינקל, בשעת ער איז געשלאָפן. ער האָט אפילו

www.libtool.com.cn

דערשפירט דעם ריח פון ווייַרויך... אויך, מסתמא, איר מלאכה.

ער האָט זיך אין דער גיך אָנגעטאָן.—בלייבן אויפן גע-לעגער, שלאָפן—דאָס איז געווען אַן אומזין.

שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן צימער און פאַרקרייצט די הענט.—די עמפּינדונג וועגן קלאַראַס אָנוועזנהייט איז אין אים געווען שטאַרקער, ווי ווען עס איז.

און אָט האָט ער גענומען ריידן, נישט מיט קיין הויכער שטים, נאָר מיט אַ פייערלעכער לאַנגזאַמקייט, ווי עס ווערן אַרויסגעבראַכט השבעות:

—קלאַראַ,—אַזוי האָט ער אָנגעהויבן:—אויב דו ביזט אין דער אמתן דאָ פאַראַן, אויב דו זעסט מיך, אויב דו הערסט מיך—דערשיין!... אויב די דאָזיקע מאַכט, וואָס איך פיל אי-בער זיך, איז באמת דיין מאַכט—דערשיין! אויב דו באַנעמסט, ווי ביטער כ'האָב חרטה, וואָס כ'האָב דיך נישט פאַרשטאַנען, וואָס כ'האָב דיך אָפּגעשטויסן—דערשיין! אויב יענס, וואָס כ'האָב געהערט—איז טאַקע דיין קול; אויב דאָס געפיל, וואָס האָט מיך באַהערשט—איז ליבע; אויב דו ביזט איצט זיכער, אַז איך האָב דיך ליב, איך, וועלכער האָט ביז איצט סיי נישט געליבט, סיי נישט געקענט קיין איינציקע פרוי;—אויב דו ווייסט, אַז כ'האָב דיך נאָך דיין טויט ליב געקריגן לײַדנשאַפטלעך, נישט אָפּצו-ווערן, אויב דו ווילסט נישט, כ'זאָל פון זינען אַראָפּגיין—דער-שיין, קלאַראַ!

אַראַטאָוו האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצורעדן דאָסדאָזי-קע לעצטע וואָרט, און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, ווי עמע-צער איז שנעל צו אים צוגעגאַנגען פון הינטן—ווי דאַמאָלט, אויפן בולוואַר—און אים אַנידערגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל.

ער האָט זיך אומגעדרייט—און קיינעם נישט דערזען. אָבער יענע עמפּינדונג פון איר אָנוועזנהייט איז געוואָרן אַזאַ באַשיינ-

www.libtool.com.cn

פערדעכע, אַזאַ אָן-ספּקדיקע, אַז ער האָט זיך ווידער איילנדיק אַרומגעקוקט...

וואָס איז דאָס? אויף זיין פּאָטעל, צוויי טריט פון אים, זיצט אַ פּרויענצימער, אינגאַנצן אין שוואַרצן. דער קאָפּ איז אַוועקגעקערט אָן אַ זייט, ווי אין סטערעאָסקאָפּ... דאָס איז זי! דאָס איז קלאַראַ! נאָר ס׳אַראַ שטרענג, ס׳אַראַ טרויעריק גע-זיכט!

אַראַטאָוו האָט זיך שטיל אַראָפּגעלאָזט אויף די קני.

—יאָ; ער איז געווען געריכט דאַמאָלט: נישט קיין שרעק, נישט קיין פרייד איז אין אים נישט געווען—אפילו נישט קיין פאַרוונדערונג... אפילו זיין האַרץ האָט געגומען שטילער קלאַפּן. איין באַוווסטיין איז נאָר אין אים געווען, איין געפיל: „אַ ענדלעך! ענדלעך!"

—קלאַראַ,—האָט ער גענומען ריידן מיט אַ שוואַך, אָבער גלייך קול:—פאַרוואָס קוקסטו נישט אויף מיר? איך ווייס, אַז דאָס ביזטו... אָבער כ׳קאָן דאָך קלערן, אַז מיין דמיון האָט באַשאַפן אַ בילד, וואָס איז ענלעך צו י ע נ ע ם... (ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פון סטערעאָסקאָפּ)... דערווייז מיר, אַז דאָס ביזטו... דריי זיך אויס צו מיר, טו אַ בליק אויף מיר, קלאַראַ!

קלאַראַס האַנט האָט זיך פּאַמעלעך אונטערגעהויבן... און ווידער אַראָפּגעפאַלן.

—קלאַראַ, קלאַראַ! דריי זיך אויס צו מיר!

און קלאַראַס קאָפּ האָט זיך שטיל אַ דריי געטאָן, די אַראָפּגעלאָזטע ווי:עס האָבן זיך צעעפנט, און די טונקעלע שוואַרצאַפּלען פון אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצילט אין אַראַ-טאָוון.

ער האָט זיך אַ ביסל צוריקגעצויגן אַהינטער—און אַרויס-

www.libtool.com.cn

געבראַכט איין אויסגעצויגן, ציטערדיקן:—אַ!

קלאַראַ האָט שטאַר געקוקט אויף אים... אָבער אירע אויגן, אירע שטריכן האָבן אָפּגעהיט דעם פריערדיקן פאַרקלערט-שטרענגן, כמעט אומצופרידענעם אויסדרוק. מיט דעמדאָזיקן אויסדרוק טאַקע אויפן געזיכט איז זי דערשינען אויף דער עסטראַדע אין טאָג פונם ליטעראַרישן פרימאָרגן—איידער זי האָט אַראַטאָוון דערזען. און פונקט אַזוי, ווי יענס מאָל, האָט זי זיך מיטאַמאָל פאַררויטיקט, דאָס געזיכט איז געוואָרן אויפגעלעבט, דער בליק האָט זיך אָנגעצונדן—און אַ פריידיקער, טריומפירנדיקער שמייכל האָט פאַנאַנדערגעעפנט אירע ליפן...

—אַך, ביזט מוחל!—האָט אַראַטאָוו אויסגערופן.—דו האָסט געזיגט... נעם-זשע מיך! כ'בין דאָך דיינער—און דו ביזט מיינע!

ער האָט זיך צו איר אַ וואָרף-געטאָן, ער האָט געוואָלט אַ קוש טאָן דידאָזיקע שמייכלדיקע, דידאָזיקע טריומפירנדיקע ליפן, און ער האָט זיי אַ קוש געטאָן, ער האָט דערפילט זייער הייסע באַרירונג, ער האָט דערפילט אפילו די פייכטע קילקייט פון אירע ציין—און אַ התלהבותדיקער אויסגעשריי האָט פאַרהילכט דאָס האַלב-טונקעלע צימער.

די אַריינגעלאָפענע פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ האָט אים געפונען אין חלשות. ער איז געשטאַנען אויף די קני; דער קאָפּ זיינער איז געלעגן אויפן פאָטעל; די פאָרויס אויסגעשטרעקטע הענט האָבן מאַכטלאָז אַראָפּגעהאָנגען; דאָס בלאַסע געזיכט האָט געאָטעמט מיט אַ שכרות פון אומענדלעכן גליק.

פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ איז אַזוי אַ פאַל געטאָן נעבן אים, ארומגענומען זיין קערפער און גענומען שטאַמלען:

—יאַשאַ! יאַשעלע! יאַשענקעלע!—

www.libtool.com.cn

זי האָט געפּרוווט אים אונטערצוהויבן מיט אירע בּייניקע הענט... ער האָט זיך נישט גערירט.

דאַן האָט פּלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ גענומען געוואַלטעווען נישט מיט איר קול.

ס'איז אַריינגעלאָפן די דינסט. זאַלבּענאַנד האָבּן זיי אים ווי עס איז אויפגעהויבן, אַנידערגעזעצט, גענומען שפּריצן אויף אים מיט וואַסער—און דערצו נאָך פון דער איקאָנע...

ער איז געקומען צו זיך. אָבּער אויף דער מומעס שאלות האָט ער נאָר געשמייכלט—און מיט אַזאַ גליקזעליקן אויסזען, אַז זי האָט זיך נאָך מער איבּערגעשראָקן—און זי האָט אַליין דאָ אים געצלמט, דאָ זיך...

אַראַסטאָוו האָט לסוף אָפּגערוקט איר האַנט און אַליין מיטן זעלבּן גליקזעליקן אויסדרוק אויפן פּנים האָט ער אַרויסגע-מורמלט:

—אָבּער פּלאַטאָשאַ, וואָס איז דען מיט אייך?

—מיט ד י ר וואָס איז, יאַשעלע?

—מיט מיר? איך בּין גליקלעך... גליקלעך, פּלאַטאָשאַ... אָט וואָס מיט מיר איז. און איצטער פאַרלאַנג איך צו לייגן זיך און שלאָפן.—

ער האָט זיך געהאַט געוואָלט אונטערהייבּן; אָבּער ער האָט דערפילט אַזאַ שלאַפקייט אין די פיס און אין גאַנצן קער-פּער, אַז אָן דער הילף פון דער מומען און דער דינסט וואָלט ער נישט געווען בּיכולת זיך אויסצוטאָן און לייגן זיך אין גע-לעגער.

דערפאַר איז ער איינגעשלאָפן זייער גיך; אויפן געזיכט בּיי אים איז אַלץ געווען דערזעלבּער גליקזעליק-אַנטציקטער אויסדרוק. נאָר זיין פּנים איז זייער בּלאַס געווען.

www.libtool.com.cn

# XVIII.

אַז פּלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ איז צומאָרגנס אינדערפרי צו־
אים אַריינגעקומען, האָט ער זיך אַלץ געפונען אין דעמזעלבן
מצב... נאָר די שלאַפקייט איז נישט פאַרביי—און ער האָט
אָפּילו געהאַלטן פאַר בעסער צו בלייבן אין בעט. די בלאַסקייט
פון זיין פּנים איז באַזונדערס נישט געפעלן געוואָרן פלאַטאָ־
נידאַ איוואַנאָוונאַן.—

—וואָס איז דאָ, גאָטעניו!—האָט זיך איר געטראַכט:—קיין
טראָפּן בלוט איז אין געזיכט נישטאָ, פון בוליאָן זאָגט ער זיך
אָפּ, ער ליגט און לאַכט נאָך—און פאַרזיכערט אַלץ, אַז ער
איז געזונט און שטאַרק!—ער האָט זיך אויך פון פרישטיק אָפּ־
געזאָגט.

—וואָס איז מיט דיר, יאַשאַ?—האָט זי אים געפרעגט:—
האָסט בדעה אַזוי אָפּצוליגן אַ גאַנצן טאָג?

—און אַז יאָ?—האָט אַראַטאָוו פריינטלעך געענטפערט.

דידאָזיקע פריינטלעכקייט אַליין איז ווידעראַמאָל נישט
געפעלן געוואָרן פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַן. אַראַטאָוו האָט געהאַט
דאָס אויסזען פון אַ מענטשן, וועלכער האָט זיך דערוווסט אַ
גרויסן, פאַר זיך זייער אָנגענעמען סוד—און ער האַלט אים
אייפערזיכטיק און היט אים ביי זיך.

ער האָט זיך דערוואַרט ביז נאַכט—נישט אַזוי מיט אומ־
געדולד, נאָר מיט נייגעריקייט.

—וואָס ווייטער?—האָט ער זיך געפרעגט:—וואָס וועט זיין?
וווּנדערן זיך און פאַרלעגן זיין האָט ער אויפגעהערט: ער איז
נישט מסופּק געווען דערין, אַז ער איז אַריינגעטראָטן אין אַ
קאָנטאַקט מיט קלאַראַן; אַז זיי האָבן ליב איינע די אַנדערע...

www.libtool.com.cn

אויך אין דעם האָט ער נישט געצווייפלט. אָבער... וואָס קאָן אַרויסקומען פון אַזאַ ליבע?—

ער האָט זיך דערמאָנט אָן יענעם קוש... און אַ וווּנדערבאַרע קעלט איז שנעל און זיס אַדורכגעלאָפן איבער אַלע זייַנע אברים.—„מיט אַזאַ קוש, האָט ער זיך געטראַכט, האָבן זיך אפילו ראָמעאָ און דזשולעטאַ נישט געטוישט! אָבער דעם אַנדערן טאָג וועל איך בעסער אויסהאַלטן... איך וועל זי באַהערשן... זי וועט קומען אין אַ קראַנץ פון קלייניגקע רויזן אויף די שוואַרצע לאָקן...״

—נאָר ווי וועט ווייטער זיין? לעבן צוזאַמען קאָנען מיר דאָך נישט? הייסט עס, מיר וועט אויסקומען צו שטאַרבן, כדי צו זיין צוזאַמען מיט איר? צי נישט אַמאָל נאָך דעם איז זי געקומען—און צי נישט אַזוי-אַרום וויל זי מיך נעמען?

--נו מילא, איז וואָס? שטאַרבן—איז שטאַרבן. דער טויט שרעקט מיך איצט קיין האָר נישט. פאַרניכטן קאָן ער דאָך מיך נישט? פאַרקערט, נאָר אַזוי און נאָר דאָרטן וועל אוך זיין גליקלעך... ווי איך בין נישט געווען גליקלעך אין לעבן, און ווי זי איז אויך נישט געווען... מיר זענען דאָך ביידע—אומבאַרירטע!—אָ, דערדאָזיקער קוש!

---

פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ פלעגט כסדר אַריינקומען צו אַראַטאָוון אין צימער; זי האָט אים נישט באַומרויקט מיט פראַגן—נאָר געקוקט אויף אים, געפליסטערט, געזיפצט—און ווידער אַוועק.

נאָר אָט האָט ער זיך אָפגעזאָגט אויך פון מיטאָג... דאָס איז שוין געווען גאָר נישט פריילעך. די אַלטיטשקע איז אַוועק נאָך איר באַקאַנטן, ראַיאָן אַרצט, אין וועלכן זי האָט געגלייבט

www.libtool.com.cn

נאָך דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ מענטש נישט קיין טרינ-קער און האָט חתונה-געהאַט מיט אַ דייטשקע.

אַראַטאָוו האָט זיך געחידושט, בעת זי האָט אים געבראַכט צו פירן צו אים. אָבער פּלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ האָט אַזוי עקשנותדיק גענומען בעטן איר יאַשענקען ער זאָל דערלויבן פּאַראַמאָן פּאַראַמאָניטשן (אַזוי האָט מען גערופן דעם אַרצט) צו באַטראַכטן אים—נו, כאָטש צוליב אירעטוועגן!—אַז אַראַטאָוו איז מרוצה געוואָרן.

פּאַראַמאָן פּאַראַמאָניטש האָט אַ טאַפּ-געטאָן ביי אים דעם פּולס, אַ קוק-געטאָן אויף דער צונג—עפּעס עס איז פאַנאַנדער-געפּרעגט—און געמאָלדן לסוף, אַז מ'דאַרף אים נייטיק „אַוו-סקולטירן". אַראַטאָוו איז געווען אין אַזאַ גלייכגילטיקער שטי-מונג, אַז ער איז אויף דערויף איינגעגאַנגען.

דער אַרצט האָט אים דעליקאַט אַנטבלויזט די ברוסט, דעליקאַט אַ קלאַפּ-געטאָן, אויסגעהערט, אַ צי-געטאָן מיט דער נאָז—פאַרשריבן טראָפּנס און אַ מיקסטור—און דער עיקר: ער האָט אים געראַטן צו זיין רויק און זיך אָפּהאַלטן פון שטאַר-קע איינדריקן.—

„אַזוי גאָר!—האָט אַראַטאָוו אַ קלער-געטאָן...—נו, ברו-דערקע, שפּעט זיך געכאַפּט!"

—וואָס אַזוינס איז מיט יאַשאַן?—האָט פּלאַטאָנידאַ א'וואַ-נאָוונאַ געפרעגט, דערלאַנגנדיק פּאַראַמאָן פּאַראַמאָניטשן אויף דער שוועל פון טיר אַ דרייירובלדיקע אַסיגנאַציע.

דער ראַיאָן-אַרצט, וועלכער האָט, ווי אַלע מאָדערנע מע-דיקער,—באַזונדערס יענע פון זיי, וואָס טראָגן אַ מונדיר,—ליב געהאַט אויסצופּיינען זיך מיט געלערנטע טערמינען, האָט איר געמאָלדן, אַז איר פּלימעניק האָט אַלע דיאָפּטרישע סימפּטאָמען פון נערוועזער קאַרדיאַלגיע—און אויך פּעבריס האָט ער.

www.libtool.com.cn

—רייד, פונדעסטוועגן, טייערינקער, פשוטער,—האָט פלאַ-טאָנידאַ איוואַנאָוונאַ אים איבערגעהאַקט:—שרעק נישט מיטן לאַ-טיין; דו ביזט נישט אין אַפטייק!

—דאָס האַרץ איז נישט אין אָרדנונג,—האָט דער אַרצט דערקלערט;—נו, און אַ פיבערל...—

און ער האָט איבערגעחזרט זיין עצה בנוגע רויקייט און איינגעהאַלטנקייט.

—אָבער קיין סכנה איז דאָך נישטאָ?—האָט מיט שטרענג-קייט געפרעגט פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ (ס׳הייסט: זע, פאַרפאָר ווידער נישט אין לאַטיין!).

—דערווייל זעט זיך נישט פאָר!

דער אַרצט איז אַוועק און פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ איז געוואָרן פאַרדאגהט... דאָך האָט זי געשיקט אין אַפטייק נאָך די רפואות, וועלכע אַראַטאָוו האָט נישט גענומען, נישט קוקנ-דיק אויף אירע בקשות. ער האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט אפילו פונם ברוסט-טיי.

—פארוואָס זייט איר אזוי באאומרויקט, טייערינקע?—האָט ער איר געזאָגט:—איך פארזיכער אייך, כ׳בין איצט דער סאמע געזונטער און גליקלעכער מענטש אין דער וועלט!

פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ האָט נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ.

קעגן אָוונט האָט ער געקריגן אַ ביסל היץ; און פונ־דעסטוועגן האָט ער זיך איינגעשפאַרט, אַז זי זאָל נישט בלייבן אין זיין צימער און זאל גיין שלאָפן צו זיך. פלאַטאָנידא אי־וואַנאָוונאַ האָט געפאָלגט—אָבער זי האט זיך נישט אויסגעטאָן און נישט געלייגט; זי האָט זיך געזעצט אין פאָטעל—און אַלץ זיך צוגעהערט, און געמורמלט איר תפילה.

זי האָט געהאַט אָנגעהויבן צו דרימלען, און פלוצלינג

www.libtool.com.cn

איז זי אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ מ׳ראַדיקן דורכדרינגנדיקן געשריי. זי איז אויפגעשפרונגען, געוואָרפן זיך צו אַראַטאָון אין קאַבינעט—און, ווי נעכטן, האָט זי אים געפונען ליגנדיק אויף דער פּאָדלאָגע.

אָבער ער איז נישט געקומען צו זיך ווי נעכטן, ווי מ׳האָט זיך איבער אים נישט געמאַטערט. אין דערזועלביקער נאַכט האָט ער געקריגן אַ שטאַרקן פיבער, אַ קאָמפּליצירטן מיט אַ האַרץ־אַנטצינדונג.

אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געשטאָרבן.

אַן אויסטערלישער אומשטאַנד האט באַגלייט זיין לעצטן חלשות־צופאַל. בשעת מען האָט אים אויפגעהויבן און איינגע־לייגט, האָט זיך אין זיין צונויפגעדריקטער רעכטער האַנט גע־וויזן אַ קליין בינטל שוואַרצע פרויען־האָר.

פון וואַנען האָבן זיך גענומען דידאָזיקע האָר? אַננאַ סע־מיאָנאָווגאַ האָט געהאַט אַזאַ בינטל, וואָס איז געבליבן פון קלאַראַן; אָבער ווי קומט עס, זי זאָל געווען אָפּגעבן אַראַטאָוון אַ זאַך, וואָס איז אַזוי טייער פאַר איר? סיידן זי האָט עס ווי עס איז אין טאָג־בוך פאַרלייגט—און נישט באַמערקט, ווי זי האט עס אפגעגעבן?

אין די היץ־רייד פאַרן שטאַרבן האט אראטאָוו זיך אנ־גערופן ראָמעאָ... נאָכן גיפט; ער האט גערעדט וועגן דעם גע־שלאָסענעם, אויסגעפירטן שידוך;—וועגן דעם, אז ער ווייס איצטער, וואס אזוינס איז תענוג.

באזונדערס מוראדיק איז געווען פאר פלאטאָשאן די רגע, בעת אראטאוו, קומענדיק א ביסל צו זיך און דערזעענדיק זי נעבן זיין געלעגער, האט ער איר געזאגט:

—מומע, וואס ווייגסטו?—איבער דעם, וואס איך דארף

www.libtool.com.cn

שטארבן? צי דען ווייסטו נישט, אז ליבע איז שטארקער פון טויט?... טויט! טויט, ווו איז דיין גיפט? נישט וויינען—נאָר פרייען דארף מען זיך—פונקט אזוי, ווי איך פריי זיך"...

און ווידער האט אויפן געזיכט פונם שטארבנדיקן געני־מען לייכטן יענער גליקזעליקער שמייכל, פון וועלכן ס'איז אזוי אימהדיק געוואָרן דער אָרעמער אלטיטשקער.